STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08888

VI AZOY IKH HOB GEFUNEN LIVINGSTONEN

Henry M. Stanley

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. סטענלי.

ווי אזוי איך האָב געפונען
ליווינגסטאָנען

ייִדיש: א. ז. כהן.

פארלאג / ב. שימין /

1922 ווארשע

JUL 3 1931

דרוק׳ ש. שיקארא אין י. מילנער ווארשא נאוואליפקי 6

אַ שליחות.

דעם 16 טן אָקטאָבער 1869 בין איך אָנגעקומען קיין מאַדריד פון וואַלענציאַ, וואו עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט רעוואָלוציאָנערע קאַמפן. איך בין דעמאָלט געווען אַ קאָרעספּאָנדענט פונם „ניו-יאָרק העראָלד." און אָט האָב איך יענעם טאָג דערהאַלטן אַ טעלעגראַם מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„קומט תיכף קיין פּאַריז וועגן וויכטיקע ענינים".

דידאָזיקע טעלעגראַם האָט מיר אַרויסגעשיקט דער דירעקטאָר פון „ניו-יאָרק העראָלד", דזשעמס גאָרדאָן בענעט.

אַ זשורנאַליסט, ווי אַ סאָלדאַט אין קריגסצייט, מוז שטענדיק זיין גרייט צום קאַמף און געהאָרכן דעם באַפעל פון זיין קאָמאַנדיר, וועלכער שיקט אים צו דער שלאַכט מיט די זעלביקע ווערטער: „מאַך דיך גרייט און גיי!"

איך האָב אין איילעניש איינגעפּאַקט מיינע זאַכן און זיך צוזעגנט מיט מיינע מאַדרידער פריינט. אַרום 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג האָב איך מיך אַריינגעזעצט אין קוריער-צוג און אויפן צווייטן אָוונט בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז, וואו איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם הער בענעט.

זיין ערשטע פראַגע איז געווען: צי איך רעכן, אַז ליווינגסטאָן לעבט נאָך און וואו געפינט ער זיך. ד״ר ליווינגסטאָן, דער גרויסער פאָרשער און קענער פון דער שוואַרצער ראַסע, האָט אויף זיינע פינף נסיעות קיין אַפריקע מער איפגעשטאָן, צו

צונטפלעקן די סודות פון שווארצן וועלטטייל, ווי די אלע, וואס זיינען געפארן אהין פאר אים.
אבער שוין א פאר יאר, ווי ער איז פארפאלן געווארן אין אפריקע, און אראבישע סוחרים האבן פארשפרייט קלאנגען וועגן אים, אז ער איז שוין טויט.
בשעת איך האב בענעטן דערקלערט, אז איך קאן נישט געבן קיין ענטפער אויף זיין פראגע, האט ער געזאגט:
—איך רעכן, אז ליווינגסטאן לעבט און מען קאן אים געפינען, און איך וויל אייך שיקן, איר זאלט אים אויפזוכן.
און באלד דערויף האט ער צוגעגעבן.
—אפשר איז דער אלטער אין אנויע. נאטירלאך, וועט איר זיך פירן לויט אייער אייגענעם פלאן און טאן, וואס איר האלט פאר ריכטיק, אבער—געפינט מיר ליווינגסטאנען!
איבערראשט פון אזא מין קאלטבלוטיקן באפעל, מיט וועלכן מען שיקט א מענטשן קיין צענטראל-אפריקע, כדי אויפצוזוכן א מאן, וועלכן איך, ווי ס'רוב אנדערע, האבן געהאלטן פאר טויט, האב איך אים געפרעגט, צי ער האט זיך אפגעגעבן א חשבון דערפון, וויפיל אזא נסיעה דארף קאסטן. בערטאנס און ספיקס נסיעות אהין האבן געקאסט פון דריי ביז פינף טויזנט פונט און די איצטיקע נסיעה קאן מען נישט מאכן אונטער 2500 פונט.
—גוט,—האט בענעט געזאגט.—איצט וועל איך אייך זאגן, וואס צו טאן: נעמט באלד 1000 פונט, און ווען איר וועט זיי אויס-געבן, וועט איר אויסשטעלן נאך 1000, גייען-אוועק די 1000 פונט, וועט איר ווידעראמאל אויסשטעלן 1000 און אזוי ווייטער, אבי געפינט מיר ליווינגסטאנען.
איך האב געענטפערט:
— אויב אזוי, האב איך נישט מער, וואס צו ריידן. ווילט איר, איך זאל פארן דירעקט קיין אפריקע אויפצוזוכן ד״ר לי-ווינגסטאנען?
—ניין, איך וויל, איר זאלט צוערשט פארן צו דער עפענונג פונם סועץ-קאנאל און נאכדעם זיך לאזן ארויף מיטן ניל. איך

האָב געהערט, אַז הער סעמועל בעקער איז גראָד אונטערוועגס קיין אויבער-מצרים; סטאַרעט זיך געוואָר צו ווערן פון זיין עקספּעדיציע. און, פאָרנדיק איבערן ניל, באַשרייבט מעגלאַך גענוי אַלץ, וואָס ס'האָט עפּעס אַן אינטערעס פאַר טוריסטן. דאַן קאָנט איר פאָרן קיין ירושלים. קאַפּיטאַן וואָרען זאָל דאָרט האָבן געמאַכט אייניקע אינטערעסאַנטע אַנטדעקונגען. דערנאָך באַזוכט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און נאָכדעם קאָנט איר אייך באַזוכן קרים און די דאָרטיקע אַלטע שלאַכטפעלדער. פאָרט איבער קאַווקאַז צום קאַספּישן ים, דאָרט זאָלן די רוסן צוגרייטן אַן עקספּעדיציע געגן כיווע • פונדאַנען, ווידער, קאָנט איר אייך גיין איבער פערסיע קיין אינדיע און אונז געבן אַן אינטערעסאַנטן באַריכט פון פערספּאָליס. באַגדאַד ליגט האַרט אויפן וועג קיין אינדיע: צי וואָלט זיך נישט לוינען צראָפּצעכאַפּן אַהין און צושטעלן אונז אַ באַריכט וועגן דער פרת-טאַל-אייזנבאַן? אין אינדיע, מיין איך, קאָנט איר באַקומען ידיעות וועגן ליווינגסטאָנען. געוויס וועט איר ביז דעמאָלט האָבן געהערט, אַז ער געפינט זיך צוריקוועגס קיין זאַנזיבאַר. אויב נישט, וועט איר גיין קיין צענטראַל-אַפריקע און דאָרט וועט איר אים זוכן. אויב ער לעבט, פרובט אַרויסצובאַקומען פון אים וואָס מער ידיעות וועגן זיינע אַנטדעקונגען; אויב ער איז טויט, דאַן ברענגט אַלע מעגלאַכע באַווייזן, אַז ער איז טויט. דאָס איז אַלץ. אַ גוטע נאַכט און אַ גליקלאַכע נסיעה!

די נסיעה, וואָס איך האָב פאָרגענומען לויטן וואונש פון ה' בענעט, האָט פאַרכאַפּט פיל לענדער. איך דערצייל אָבער נישט פון זיי, ווייל דער צוועק פון אָט דעם בוך איז בלויז צו דערציילן, ווי אַזוי איך האָב געפונען ליווינגסטאָנען. אין יאָר 1871 בין איך אָפּגעפאָרן קיין זאַנזיבאַר. אונטערוועגס האָב איך איינגענומען פאַר דער אַפריקע-עקספּעדיציע דעם שטייערמאַן וויליעם לוירענס פאַרקאַר, אַ שאָטלענדער און אַן אויסגעצייכנטער שיפער, און אויך סעלים, אַן אַראַבישן קריסטלאַכן יינגל פון ירושלים, וועלכן איך האָב באַשטימט פאַר אַ דאָלמעטשער.

אין זאַנזיבאַר.

דעם 26-טן יאַנואַר 1871 בין איך אָנגעקומען קיין זאַנזיבאַר. איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב מיר תמיד פאָרגעשטעלט דידאָזיקע אינזל פאַר אַ שטיק מדבר, אַרומגענומען פון ים און באַוואוינט פון ווילדע נעגער. איך בין דעריבער געווען זייער אָנגענעם איבערראַשט, ווען איך האָב דערזען אַן אינזל, איינגעטליעט אין גרינס. די צפון-זייט פון באַלעבטן פאָרט איז געווען געדיכט פאַרבויט מיט הייזער, וואָס האָבן געהאַט פלאַכע דעכער—דאָס איז געווען זאַנזיבאַר, די הויפּטשטאָט פון דער אינזל, מיט אַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער אַראַבישער אַרכיטעקטור. איבער איניקע הייזער האָבן געפלאַטערט פאָנען, ווי די בלוי-רויטע פאָן פון סולטאַן סעאיד באַרגאַש און די פאָנען פון פאַרשידענע אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע קאָנסולאַטן.

דער אַמעריקאַנישער קאָנסול, קאַפּיטאַן פ ר ע נ ס י ס וו ע ב, האָט מיך אויפגענומען מיט דער גרעסטער גאַסטפריינטליכקייט און איך האָב באַלד באַקומען די מעגלאַכקייט זיך געניי צו באַקענען מיט דער שטאָט. זאַנזיבאַר פאַרמאָגט גרויסע מאַגאַזינען פון העלפאַנדביין, גומי און איז אויך דער איינפאַר-פונקט פון שוואַרצע שקלאַפן פון אַלע אַפריקאַנישע לענדער.

אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט האָט מיר געגעבן אַזאַ מיינגע איינדרוקן און אַזוי צודולט דעם מוח אַז אין אָוונט איז מיר געווען שווער אונטערצושיידן דאָס אַראַבישע פון אַמעריקאַנישן, די ביידע פון אינדישן און, ענדלאַך, דאָס אינדישע פון אייראָפּייאישען. צום ריינלאַכן שטאָט-טייל שליסט זיך אָן

אַ קוואַרטאַל, וועלכן איך וועל אָנרופן האַנדל-און באַניאַנען-קוואַרטאַל, וואו באַניאַנען מיט רויטע טורבאַנען זיצן פאַר זייערע סחורות: באַוול-שטאָפן, העלפאַנדביין, שטיינכלים און אַז. וו. דער נעגער-קוואַרטאַל איז זייער שמוציק און די לופט איז דאָרט זייער אַ שווערע.

הגם די אַראַבער טרייבן דאָ דעם האַנדל שוין טויזנטער יאָרן און, ווי אומעטום, זיינען זיי געבליבן טריי זייער לעבנס-שטייגער, איז די שטאָט דאָך האַלב אַן אַראַבישע און האַלב אַן אַפריקאַנישע. דער אינטערעסאַנטסטער טיפּ איז דער מאַסקאַט-אַראַבער, וועלכער פאָרט על-פּי-רוב קיין צענטראַל-אַפריקע, פונוואַנען ער בריינגט צו פירן דעם טייערן העלפאַנדביין. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ זיכערן און צופרידענעם מענטשן. זייער אַ שלעכטן איינדרוק מאַכן די קריינקליכע און בלייכע מענטשן, וואָס שטאַמען פון אַפריקאַנער און אַראַבער. זיי בוקן זיך פאַר די שטאָלצע אַראַבער. זייערע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן זיינען: פאַרדאָרבנקייט, פאַלשקייט און פחד. דער באַניאַנער, וועלכער שטאַמט פון אינדיע, איז זייער ביטרע און געלטגייציק. זיין איינציקער קאָנקורענט אויפן מאַרק איז דער פערסער. דער באַניאַנער האָט אויך דעם גרעסטן איינפלוס אויפן האַנדל מיט צענטראַל-אַפריקע, אַ ביסל אויך צוליב דעם, וואָס ער פאַרלייט געלט אויף צינזן די באַדערפטיקע סוחרים — צו 60—70 פּראָצענט. דער באַניאַנער ווייס זייער גוט, אַז ער איז תמיד זיכער מיטן געלט: אַ סחורה, וואָס קומט, למשל, אין אַ ווערט פון 5000 דאָלאַר, הויבט זיך אויף אויף אַ פּרייז פון 10.000 און אין אודזשידזשי אויף 15.000 דאָלאַר.

צו דער גרופּע פון די העכערע און מיטעלע קלאַסן, פאַר וועלכע די נעגער און געמישטע זיינען זיך מכניע, געהערן די מוסולמענישע אינדיאַנער, וועלכע זיינען אַזעלכע געוויסנלויזע שווינדלער און באַרייסער, ווי די באַניאַנער, וואָס זיינען בראַמאַנער לויטן גלויבן.

נאָך די אויסגערעכנטע אַראַבער, געמישטע באַניאַנער און

אינדיאַנער גייען די נעגערס. זיי באַשטייען פון די איינגעבוירענע שטאַמען: וואַסואַהעלי, טאָמאַל־קאָמאָראַנערן, וואַניאַמוועי און אַ געוויסע צאָל פאַרטרעטער פון די שטאַמען פון צענטראַל־אַפריקע. ס׳איז זייער אינטערעסאַנט צו מאַכן אַ שפּאַציר איבערן קוואַרטאַל, וואו ס׳וואוינען די נעגערס, ווייל דאָ קאָן מען דייטלאַך זען, אַז די נעגערס זיינען אויך אַזעלכע מענטשן, ווי מיר, אַז זיי האָבן דיזעלביקע נייגונגען, געפילן און ליידנשאַפטן, ווי אַלע אַנדערע מענטשן. און דאָס איז טאַקע זייער נויטיק צו וויסן פאַר אַ מענטשן, וואָס פאָרט קיין צענטראַל־אַפריקע און וויל האָבן אַ מגע־ומשא מיט די לענדער.

די נעגערס פון דער אינזל מאַכן אויס אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. זיי זיינען אייגנטלאַך די אַרבעטערקלאַסן, וואָס אַרבעטן דאָ אָדער פרייוויליק, אָדער אַלס שקלאַפן. די שקלאַפן טוען די אַרבייט אויף די פּלאַנטאַציעס אין די גיטער און גערטנער, זיינען משא־טרעגער און משרתים אויפן לאַנד און אין שטאָט. לויטן כאַראַקטער זיינען זיי פרידלאַכע און געמיטלאַכע מענטשן און האָבן ליב צו זינגען בשעת דער אַרבייט, אָבער זייערע לידער קלינגען נישט אַזוי אַנגענעם פאַר אונזערע אויערן.

אין זאַנזיבאַר זיינען די אייראָפּייער און אַמעריקאַנער אָדער רעגירונגסבאַאַמטע אָדער אומאָפּהייניקע סוחרים און אַגענטן פון אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע האַנדלסהייזער. ס׳רוב ווייסע ווערן אין משך פון עטלאַכע יאָרן מרה־שחורהדיק און אָפּגעלאָזן אונטער דער ווירקונג פון דעם נישט געזונטן קלימאַט אין זאַנזיבאַר.

דער וויכטיקסטער קאָנסולאַט אין זאַנזיבאַר איז דער בריטישער. דער קאָנסול איז דעמאָלט געווען ד״ר דזשאָן קירק. ווייל ער איז אַמאָל געווען אַ חבר פון ד״ר ליווינגסטאָן און האָט אים באַגלייט אויף זיינער אַ רייזע, האָב איך מיך דעריבער געוואָלט זען מיט אים און הערן זיין מיינונג וועגן דעם גורל פון גרויסן אַפריקע־פאָרשער. אויף אַן אָוונט, וואָס ד״ר קירק

האָט איינגעאָרדנט, האָב איך טאַקע באַלד געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס מכוח דעמדאָזיקן ענין. ד״ר קירק האָט מיר דערציילט, אַז שוין צוויי יאָר, ווי מען האָט נישט באַקומען קיין שום באַשטימטע ידיעות וועגן ליווינגסטאָנען, דאָך אָבער רעכנט ער, אַז ער לעבט. מען שיקט אים אַלעמאָל עפּעס צו.

— איך רעכן, אַז דער אַלטער קלויבט זיך שוין אַהיים. ער ווערט אַלט, און אויב ער זאָל שטאַרבן, וועלן זיינע אַנטדעקונגען גיין לאיבוד. ער שרייבט זייער ווייניק וועגן דעם, וואָס ער אַנטדעקט, און מאַכט בלויז אַ צייכן אָדער אַ פּונקט אויף אַ מאַפּע, וואָס קיינער פאַרשטייט עס נישט, אויסער אים.

—ווי איז ער אין פאַרקער מיט מענטשן?—האָב איך געפרעגט דעם קאָנסול.

— בכלל איז ער אַ מענטש, וואָס ס׳איז שווער מיר אים צו פאַרקערן. ער האַלט פון זיך זייער שטאַרק און איז ווייט דערפון, צו זיין אַ מלאך,—האָט ד״ר קירק געזאָגט, לאַכנדיק.

— נו, לאָמיר אָננעמען, אַז איך וועל אים באַגעגענען אין מיין נסיעה. ווי וועט ער זיך, אַלזאָ, באַציען צו מיר?

— דעם אמת געזאָגט, רעכן איך, אַז ער וועט נישט זיין זייער צופרידן פון אַזאַ באַגעגעניש. כלעבן, אויב ליווינגסטאָן זאָל געוואויר ווערן, אַז בערטאָן אָדער גראַנט אָדער עמיצער אַנדערער זוכט אים אַרום, וועט ער באַלד אַזוי מאַכן, אַז צווישן אים און די זוכער זאָל ליגן אַ זומפּ פון 150 קילאָמעטער.

ס׳איז, נאַטירלאַך, איבעריק צוצוגעבן, אַז ד״ר קירק האָט מיט זיינע ידיעות וועגן ליווינגסטאָנס כאַראַקטער אָפּגעקילט אַ ביסל מיין אונטערנעמונגס-התלהבות. איך האָב מיך אָבער באַלד דערמאָנט אין דעם קורצן באַפעל פון בענעטן: „געפינט מיר ליווינגסטאָנען!‟ און איך האָב מיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון ד״ר קירק מעשיות.

די הכנות צו דער נסיעה.

מיט צענטראַל-אַפריקע בין איך גאָרנישט באַקאַנט געווען, און דעריבער האָב איך נישט געוואוסט, וואָס מען דאַרף מיט-נעמען אין אַזאַ וועג, בפרט, אַז איך האָב נישט געפונען קיין וואָרט וועגן דעם אין די באַריכטן פון די דעמאָלטדיקע אַפריקע-פאָרשער, ווי: בערטאָן, ספיק און גראַנט. אויך די אייראָפייער אין זאַנזיבאַר האָבן מיר גאָרנישט געקאָנט זאָגן וועגן דעם. כדי די עקספעדיציע זאָל האָבן ערפאָלג, האָב איך דאָך געמוזט וויסן קלאָר, וויפיל מען דאַרף מיטנעמען געלט, וויפיל פאַגאַזי, אָדער משא-טרעגער, סאָלדאַטן און סתם זאַכן, ווי נאָטשערקעס און דראָט פאַר פאַרשידענע שטאַמען. די דאָזיקע פראַגע האָט מיך שטאַרק געפייניקט און נישט געלאָזט שלאָפן ביינאַכט.

צולעצט, האָב איך באַשלאָסן אויסצופרעגן אַן אַראַבישן סוחר פון העלפאַנדביין, וואָס איז נאָר-וואָס אָנגעקומען פון צענטראַל-אַפריקע. אַ ביסל צוגעהאָלפן האָט מיר דער אָנגעזעענער שייך האַשיד, וועלכער האָט מיר אין אַ קורצער צייט געגעבן מער זיכערע ידיעות, ווי איך וואָלט עס געקאָנט געפינען, גריבלענ-דיק זיך אין ביכער און נסיעות-באַשרייבונגען.

מיינע יועצים האָבן מיר דערקלערט, אַז עקספעדיציע מיט 100 מענטשן ברויך צו האָבן טעגלעך פאַר איר אויסקומעניש

10 דאָטי (איין דאָטי איז דריי פערטל מעטער) טוך אַלס טוישמיטל צובאַקומען דערפאַר עסנוואַרג. אַזויאַרום קומט אויס, אַז אויף אַ צייט פון צוויי יאָר דאַרף איך מיטנעמען 4000 דאָטי (15,000 מעטער) אַמעריקאַנישע לייוונט, 2000 דאָטי (7500 מעטער) קאַניקי (אַ בלוי שטאָף פון אינדיע) און 1300 דאָטי (4900 מעטער) פאַרשידענע קאָלירטע שטאָפן.

אַ צווייטע וויכטיקע פראַגע איז געווען, וויפיל זאָל מען מיטנעמען פאַטשערקעס, וועלכע שפילן אין אַפריקאַ די ראָלע פון קופערנע מטבעות. דערצו האָט מען געדאַרפט וויסן, וויפיל צונעמען פון יעדן קאָליר, ווייל אייניקע שטאַמען נעמען נאָר ווייסע, אַנדערע, ווידער—רויטע און אַז. וו. כדי אויסצורעכענען, וויפיל צונעמען פון יעדן סאָרט, האָט מען געדאַרפט פריער וויסן, וויפיל צייט מען וועט פאַרברייננגען ביי יעדן שטאַם. נאָך אַ לאַנגן ישוב-הדעת זענען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז מען מוז האָבן עלף פאַרשידענע סאָרטן פאַטשערקעס אין אַ סכום פון 50 קעטע אָדער 5 פונדאָ (איין פונדאָ איז אויף 10 האַלבע בענדער) אויף אַ טאָג אַלס טוישמיטל. לויט דעם חשבון האָב איך צוגעגרייט 22 זעק מיט פאַטשערקעס און זיי אַוועקגעלייגט אין דער וואוינונג פון קאַפּיטאַן וועב.

אין אייניקע לענדער פון יענע זייט טאַנגאַניקאַ גילט דראָט אַלס געלט און מיינע אַראַבישע יועצים האָבן מיר געראָטן מיטצונעמען 162 קילאָגראַם מעשענעם דראָט. איך האָב אַזוי געטאָן.

חוצדעם, האָט מען געמוזט איינקויפן פאַרשידענע לעבנסמיטלען אין דערצו: קיכגעציר, שיפלאַך, שטריק, געצעלטן, אייזלען, זאָטלען, זעגלטוך, האַנטווערקגעצייג, ביקסן, קוילן, רפואות און מתנות פאַר די אָנפירער, בקיצור, טויזנטערליי זאַכן, וואָס האָבן מיר געקאָסט גענוג מי און צייט.

נאָכדעם ווי איך האָב מיר פאַרשאַפט 22 אייזלען און געלאָזט מאַכן פאַר זיי זאָטלען פון מיין אייגענער דערפינדונג, האָב איך מיר גענומען ווערבירן מענטשן פאַר דער יסיעה. קודם האָב

איך גענומען צוהילף אַ שטייערמאַן פון דער אַמעריקאַנער שיף „נעוואַדאַ“, דזשאָן ווילייעם שוי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער בריה אין די אַלע זאַכן, וואָס ווערן געמאַכט פון זעגלטוך. די נויטיקע צוואַנציק סאָלדאַטן האָב איך געזוכט צו קריגן פון די „געטרייע,“ וואָס האָבן אַמאָל געדינט ביים רייזנ-דער ספּיק. איך האָב געזוכט אַזוינע מענטשן, וועלכע זיינען צו-געוויינט צו די ווייסע.

מיט דער הילף פונם דאָלמעטשער פונם אַמעריקאַנישן קאָנסולאַט, דזשאָאַר, האָט זיך מיר איינגעגעבן אויפצוזוכן פינף פון ספּיק און גראַנטס „געטרייע,“ וועלכע איך האָב אָנגעדונגען פאַר 40 דאָלאַר אַ יאָר. דאָס זיינען געווען: אולעדי, אַן אַמאָלי-קער דינער ביים קאַפּיטאַן גראַנט, ווייטער—אולימענגאַ, באַרוטי, אַמבאַרי, מאַברוקי, וועלכע האָבן אַלע אויס-געדריקט זייער גרייטקייט צופאָרן מיט „ספּיק ברודער.“ באַ-זונדערס האָב איך געגאַרט צוקריגן סידי מבאַראַק מאָמ-ביי אָדער פאַרקירצט—באָמביי, וועלכער האָט געשמט פאַר דעם סאַמע „געטרייסטן פון די געטרייע.“ איך האָב דעם יונג געפּאַקט און אַריינגענומען אין דער עקספּעדיציע. דאָס איז גע-ווען אַ שלאַנקער מאַן מיט אַ גרויסן שטערן און אַ העסליכע לאָך אין דער אויבערשטער קינבאַק, וואָס איז אים געבליבן אַן אָנ-דיינק פון אַ ווילפאַרדינטן פּאַטש, וואָס ער האָט אַמאָל באַ-קומען פון ספּיקן אין אוגאַנדאַ. נישט געקוקט דערויף, איז ער מיר זייער געפעלן אויפן ערשטן קוק און איך האָב אים באַ-שטימט פאַר דעם עלטסטן איבער מיינע סאָלדאַטן. איך האָב אים אָנגעבאָטן 80 דאָלאַר אַ יאָר, וואָס אַ העלפט דערפון באַ-קומט ער פאָרויס, און דערצו—דאָס נויטיקע געווער. באָמביי איז מרוצה געוואָרן און האָט צוגעזאָגט צו דינען געטריי און צו זיין אַ גוטער ביישפּיל פאַר די סאָלדאַטן. לויט מיין אויפטראַג האָט באָמביי צוגענומען נאָך 13 מענטשן אַלס אַסקאַרי (סאָל-דאַטן), הויכע, געזונטע יינגען, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אוהידזשאַ, אוניאַמוועזי, אוזעגוראַ און אוגאַנדאַ, און האָבן באַ-

קומען אַ יערליכן לוין צו 36 דאָלאַר, חוץ ג׳עויער.

אַזוי ווי מיר האָבן ערטערווייז געמוזט פאָרן מיטן וואַסער, האָב איך געקויפט צוויי שיפלאַך, איינס פאַר צוואַנציק און דאָס אַנדערע פאַר 6 מאַן, און כדי צו פאַרלייכטערן דעם טראַנספּאָרט, האָב איך זיי פאַנאַנדערגענומען און די איינפאַכע ברעטער אויסגעלייגט אויף געסמאָלעוועטן זעגלטוך. חוץ דעם, האָב איך מיר געלאָזט מאַכן פיר וועגנס פאַר די אייזלען, וואָס יעדער פון זיי איז געווען בכוח צו פאַרטרעטן פיר משא-טרעגער. שפּעטער האָבן מיר דידאָזיקע פורן זייער גוט געדינט.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז געלט נישט גאַנגבאַר אין מזרח, דאַריבער איז אָנשטאָט אַ סענט, פאַרלאַנגט מען דאָרט אַ האַלזבאַנד פון פאַטשערקעס. צוויי מעטער אַמעריקאַנער לייוונט גייען פאַר אַ האַלבן דאָלאַר און אַן אָרמבאַנד פון דיקן מעשענעם דראָט איז אַ גאָלדשטיקל. אויסצורעכענען איך וועג אַריין אַן עקספּעדיציע קיין אַפריקע איז דעריבער נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. גאָלדעם, ווי איך בין אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן אין אַ ברענענדיקער היץ איבער די קראָמען און זיך געדונגען און געטענהט מיט די גנבים-אינדיער און גאַאָנעזן, האָב איך, קומענדיק אַהיים, געדאַרפט זיצן איבער חשבונות, וועגן און מעסטן דאָס געקויפטע, אָנטוג געבן אויף די דינער, אַז זיי זאָלן צוגרייטן די אייזל-זאָטלען, זעגל, געצעלטן, שיפלאַך און אַז. וו. איך אָוונט פלעג איך געווייגלאַך אַנידערפאַלן אָן כחות. אַזוי האָב איך מיך געמאַטערט אַ גאַנצן חודש צייט.

צולעצט, איז אַלץ געווען פאַרזאָרגט און פאַרטיק צו דער רייזע. איך האָב נאָר באַדאַרפט מאַכן אַ וויזיט דעם סולטאַן סעאיד באַרגאַש אין דער באַגלייטונג פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנסול. דער סולטאַן האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלאַך, האָט מיר געשיינקט אַן אַראַביש פערד, געגעבן רעקאָמענדאַציע-בריף צו זיינע אַגענטן און הויפּט-פאַרטרעטער אין

צענטראַל-אפריקע און האָט מיר נאָך אַנדערע טובות געטאָן׳

אַכטאונצוואַנציק טעג נאָך מיין אָנקומען קיין זאַנזיבאַר דעם
16 טן פעברואַר, איז די עקספּעדיציע פון ניו-יאָרק „העראַלד״
געווען פאַלקאַם אויסגעריכט אין וועג, און אויפן צווייטן טאָג
געזאָלט אָפּפאָרן אין עטלאַכע שיפלאַך קיין באַגאַמאָיאָ. איך
האָב שוין געוואָלט געבן אַ באַפעל, מען זאָל זיך לאָזן אין
וועג אַריין, אָבער איך האָב מיך געכאַפּט, אַז ס׳פעלן מיר
פּאַרקאַר און שוי. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דער
רייזע האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שיינק, וואו זיי האָבן
גערעכנט צו פאַרטרייבן דעם פּחד פאַר דער נסיעה דורך אַ
שנעפּסל. אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי זיך נישט איינ-
געהאַלטן און האָבן מיר אויסגעדריקט זייער שרעק אין באַל-
בע ווערטער. איך האָב געענטפערט, אַז איצט איז שוין צו-
שפּעט חרטה צו האָבן, אַז איצט זיינען מיר אַלע געבונדן דורך
קאָנטראַקטן און מוזן צוזאַמען שווימען, אָדער אומקומען, לעבן
אָדער שטאַרבן. גייט געשווינט אין שיפל!
דעם 5 טן פעברואַר, אַרום צוועלף אַ זייגער ביי טאָג, האָב
איך געלאָזט אַרויסהייגען אַן׳אַמעריקאַנישע פאָן און מיר זיי-
נען אָפּגעפאָרן, באַגלייט מיט די וואַרעמסטע ברכות פון מיין
באַלעבאָס, דעם אַמעריקאַנישן קאָנסול וועב און זיין ליבער
פאַמיליע.

דער קאַראַוואַן.

די לאַנגזאַמע שיפלאַך האָבן אונז געבראַכט ערשט אין 10 שעה אַרום קיין באַגאַמאָיאָ, וואָס ליגט 40 קילאָמעטער ווייט פון זאַנזיבאַר און וואָס איר קלימאַט איז אָנגענעמער און געזינטער, ווי אין זאַנזיבאַר. ביים ברעג האָבן אונז אָפּגעוואַרט אַראַבער, באַניאַנען און וואַסוואַהעלי, און וואַרעם באַגריסט די אָנגעקומענע מסאָגי (ווייסע), פאַרענדיקנדיק מיט אַ כאָר-געזאַנג „יאַמבאָ באַנאַ“ (וואָס מאַכט איר, הער). איך האָב אָפּגעדאַנקט מיט אַן אַלגעמיינעם „יאַמבאַ“ און געדריקט די האַנט בלויז דזשעמאַדאַר עזוי, דעם קאָמענדאַנט פון דער זאַנזיבאַרער מיליטער-אָפּטיילונג, צו וועלכן איך האָב געהאַט אַ בריוו פון סולטאַן. ער האָט אויסגעזען מאוס און שמוציק, דאָך איז ער געווען זייער אָנגענומען ביי אַלעמען. ער האָט מיר גוט געדינט ביים אויסלאָדעווען מיין עקספּעדיציע.

זייער פריינטשאַפטלאַך דאָט זיך געשטעלט געגן מיר באַלד אין אָנהויב די פראַנצויזישע מיסיאָנערישע געזעלשאַפט. דער מיטאָג, מיט וועלכן מען האָט מיך מכבד-געווען, האָט געפּאַסט, לויט זיין באַטעמטקייט און טייערע ווייַנען, פאַר אַן ערסטקלאַסישן פּאַריזער האָטעל. די פראַנצויזישע גלחים אין באַגאָמאָיאָ לעבן אין וואוילטאָג און טרינקען אַ סך גוטן ווייַן, כדי צו פאַרטרייבן די מאַלאַריע-קראַנקהייט, דעם אומעט פון די פינ-

טערע אַפריקאַנישע נעבלען און דאָס ווייטע וואָיען פון די היענעס. אויסער גוט עסן און טרינקען, האָבן די גלחים נאָך אַן אַנדער אַרבייט: צו פאַרשפּרייטן דעם קריסטלעכן גלויבן צווישן די געצנדינער און צו לערנען זייערע קינדער. אַז זייער שווערע אַרבעט בלייבט נישט אָן ערפאָלג, באַווייזט די גוטע דערציונג פון איבער 200 שוואַרצע תלמידים, יינגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן ביים מיטאָג אונז שיין צוגעשפּילט אויף מוזיק-אינסטרומענטן.

אונזער לאַגער האָט זיך געפונען אין דער מערב-זייט פון דער שטאָט, נישט ווייט פון דער גאַס, וואָס פירט קיין אוניאַניעמבע. באַלד אין דער ערשטער נאַכט זיינען מיר נעלם געוואָרן צוויי אייזלען און אַ ראָלקע דראָט, ווייל מיינע לייט זיינען אַלע געגאַנגען שלאָפן און גאָר פאַרגעסן, אַז עס דרייען זיך אַרום גנבים אומעטום. איין אייזל האָט מען שפּעטער געפונען אויף אַ לאָנקע, אָבער דער צווייטער אייזל און דאָס דראָט זיינען פאַרפאַלן געגאַנגען, ווי אין וואַסער אַריין.

די צייט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין באָגאָמאַיאָ—פון 5-טן פעברואַר ביזן 21 טן מערץ, איז אַוועקגעגאַנגען אין אָנגעשטרייענקטער אַרבעט. אויסער, וואָס מיר האָבן געדאַרפט שאַפן די נויטיקע 140 פעגאַזי, האָב מיר נאָך באַדאַרפט פעסטשטעלן, וואָס אונז פעלט און וואָס עס איז איבעריק. מיר האָבן געמוזט אָנווענדן אַלע כוחות, צו פאַרלאָזן באָגאָמאַיאָ וואָס פריער, צוליב צוויי טעמים: ראשית, האָב איך געוואָלט דערגרייכן אודזשידזשי, איידער ליווינגסטאָן וועט געוואָר ווערן, אַז מיר גייען אים זוכן. וואָרום איך האָבן גערעכנט, אַז אויב ער זאָל זיך דערוויסן דערפון, קאָן זיין, ער זאָל מיך וועלן אויסמיידן און אין מיין גאַנצע נסיעה וואָלט דאַן קיין שום זין נישט געהאַט. שנית, האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די מאַסיקע, די רעגנצייט, ווען עס גיסט, ווי מען דערציילט, פערציק טעג כסדר, און דאָס וואָלט אונז צוגעבונדן צו באָגאָמאַיאָ. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אין וואָס פאַר אַ מזסע עס פאַרוואַנדלט זיך ביי אַזאַ רעגן די

ערד, וואָס ביי אַ טרוקן וועטער איז זי ענלאַך צו שוואַרצן שלאַם.

וועגן פּעגאַזי האָב איך מיר געווענדט צו אַלי בן-סאַלים, דעם ברודער פון באַוואוסטן סאַאיד בן-סאַלים, וועלכער האָט אַמאָל געטאָן גרויסע טובות די רייזנדער בערטאַן, ספּיק און גראַנט. ליידער האָב איך אָבער נישט געטראָפן דעם פּאַסיקן מענטשן. אַלי בן-סאַלימס קאַווע איז געווען גוט, אָבער אָן צוקער, זיינע הבטחות זיינען אויך געווען שיין, אָבער אָן אַ ווערט. ער האָט מיר מבטיח געווען, אַז ער וועט מיר צושטעלן 140 פּעגאַזי אין משך פון 14 טעג, אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

אַ שלאַקסרעגן, וואָס איז בינו-לבינו אַרויסגעפאַלן, האָט מיר באַוויזן, אַז עס איז נויטיק אומצוטוישן דאָס דרילאַך-שטאָף פון די געצעלטן אויף זעגלטוך, מחמת אַלע מיינע שטאָפן זיינען באַנעצט געוואָרן. חוצדעם, האָב איך זיי געמוזט איבערפּאַקן אין קלענערע באַלן, ווייל די פּעק זיינען געווען צו-שווער. נאָכן איבערפּאַקן האָב איך איבערגעציילט 82 באַלן, וועלכע זיינען באַשטימט געווען טיילווייז אַלס האָנגאָ, ד. ה. אַלס מס פאַר די אָנפירער און טיילווייז אַלס צאָלונג פאַר די פּעגאַזי.

בינו-לבינו זיינען אַריבער די 14 טעג—דער טערמין, צו וועלכן אַלי בן-סאַלים האָט מיר צוגעזאָגט צוצושטעלן דידאָזיקע פּעגאַזי, אָבער אַ נעכטיקער טאָג. האָב איך געשיקט צו אים מאַברוקין, ער זאָל דערגיין, ווי עס האַלט. האָט זיך דאַן אַרויסגעשטעלט, אַז אַלי בן-סאַלים טראַכט גאָרנישט וועגן זיין הבטחה, כאָטש מיר האָבן אים דעמאָלט צוגעזאָגט אַ פיינע באַלוינונג. די סיבה איז כלומרשט געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך געפילט עטוואָס באַ-שולדיקט. בעת מאַברוקי האָט אים געמאַכט אַ פאָרוואורף, האָט אַלי גערעדט צו זיך אַזוי הויך, אַז יענער זאָל הערן: „פאַרוואָס זאָל איך דעמדאָזיקן ווייסן שאַפן פּעגאַזי? דער סולטאַן האָט מיר קיין בריף נישט געשיקט, נאָר דזשעמאַדאַרן. פאַרוואָס זאָל

איך מיך באַמיען פאַר אים? אויב סאַיד באַרגאַש (דער סולטאַן) וועט מיר שרייבן אַ בריף, וועל איך אים פאַרשאַפן פעגאַזי אין צוויי טעג."

איך האָב זיך, נאַטירלאַך, אָפּגעזאָגט פון אַליס הילף, אָבער די 14 טעג, וואָס איך האָב אויף אים געוואַרט, זיינען מיר אומזיסט פאַרלאָרן געגאַנגען. דעמאָלט האָב איך מיר דערמאָנט, אַז אַן אָנגעזעענער סוחר אין זאַנזיבאַר האָט מיר געוואָלט געבן אַ בריף צו איינעם סור-האַדזשי-פאַלו, וועלכער איז כלומרשט אַ ספּעציאַליסט אין שאַפן פעגאַזי. האָב איך געשיקט מיין דאָל-מעטשער, סעלים, צוריק קיין זאַנזיבאַר, ער זאָל מיר ברייננגען אַזאַ בריף פון סוחר, און ער האָט אים טאַקע געבראַכט אין דריי טעג אַרום. סור-האַדזשי-פאַלו איז באַלד געקומען צו מיר, האָט מיר פאַרשאַפט די נויטיקע פעגאַזי און געגעבן נוצלאַכע עצות, באַזונדערס, אַז איך זאָל איינטיילן מיין עקספּעדיציע אין עטלאַכע קליינע קאַראַוואַנען, ווייל איינע, אַ גרויסע וועט ציען אויף זיך צופיל אויפמערקזאַמקייט און איז עלול אַרויסצו-רופן אַן אָנגריף מצד די אָנפירערס פון די שטאַמען. בכלל אָבער האָט סור-האַדזשי-פאַלו מיר גורם-געווען מער טאַראַראַם אין אַרבעט, ווי אַלע ניו-יאָרקער גנבים צוזאַמענגענומען דעם דאָרטיקן פּאָליציי-פּרעזידענט, ווייל ער איז זיי אַלע איבער-געשטיגן מיט זיין דריי-קאָפּ און שווינדל. ער האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען מיך אָפּצונאַרן אין געלט און סחורה. גנבה און שווינדל איז געווען זיין צווייטע נאַטור און עס איז אים גע-ווען ליבער מיך אָפּצונאַרן אין 10 דאָלאַר, איידער צו פאַר-דינען ערלאַך צוואַנציק. איך האָב אָבער געמוזט אַוועקקוקן און שווייגן, מחמת איך האָב נישט געקאָנט אויסקומען אָן אים, און ווען נישט ער, וואָלט איך געזעסן נאָך וואָכן און חדשים-לאַנג אָן פעגאַזי.

מיין עקספּעדיציע, איינגעטיילט אין פינף קאַראַוואַנען, האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין דעם 18, 21, 25 פעברואַר, 11 און 21 מערץ. דער לעצטער, פינפטער, גאַראַוואַן איז געווען אונטער

מיין פערזענלעכער פירונג און די איבעריקע אונטער דער פי-
רונג פון פּאַכטער און אַנדערע. אונזער שר-המשקים, אַראַנ-
זשלאַר, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַפריקע, ווי אַ גן-עדן,
אויסגעפּלאָנטערט מיט העלפאַנדביין, האָט אָבער איינגעזען, אַז
ער האָט אַ סך אַרבעט. האָט ער זיך געוואָלט אַרויסדרייען
דוקא אין דער לעצטער מינוט און זיך אויסגעשלאָגן דאָס רעכ-
טע אויג, כדי איך זאָל אים מוזן אָפּלאָזן. איייניקע פון זיינע
חברים האָבן מיר אויך געוואָלט אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל. אָבער מיין
באַפעל, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערוועקן אַזעלכעס צוטאָן, וואָ-
רום זיי וועלן האָבן אַ פינסטערן סוף, איז געווען גענוג, זיי
איינצוהאַלטן אין צוים.
באַטראַכט איך איצט, נאָך מיין צוריקקער פון אַפריקע, וואָס איז
געווען די סיבה, אַז איך זאָל קומען בשלום אַהיים, טראָצדעם
וואָס אין אַ משך פון 13 חדשים האָב איך געהאַט 23 פיבער-
אָנפאַלן, קום איך אַלץ צו דעמזעלבן אויספיר, אַז מיין לעבן
האָב איך צו פאַרדאַנקען פריער גאָט און נאָכדעם: ראשית, דער
באַגייסטערונג פאַר מיין אונטערנעמונג, וועלכע האָט מיך שטאַרק
באַלעבט פון אָנהייב ביזן סוף; שנית, וואָס איך האָב מיר נישט
קאַליע געמאַכט דאָס געזונט דורך אַן אוממעסיק אָדער אויסגע-
לאַסן לעבן; דריטנס, ווייל איך בין ענערגיש פון דער נאַטור;
פערטנס, וואָס איך בין בטבע אַ פריילאַכער מענטש און פאַל
קיינמאָל נישט פון מוט, און, צולעצט, ווייל איך האָב מיטגע-
פירט אַ גרויסע פּאַלאַטקע פון זעגלטוך, וועלכע האָט נישט
דורכגעלאָזט קיין פייכקייט.

דער ערשטער שריט אין צענטראַל-אַפריקע.

אַ גרויסער עולם האָט אונז נאָכגעקוקט, בעת מיר האָבן מיט רעש און געפּילדער זיך געריכט פון באַגאַמאָיאָ. אונזער פירער האַמאַדי, אַ געבוירענער פון וואַנגוואַנאַ, האָט שטאָלץ געטראָגן פאָרויס די פלאַטערנדיקע אַמעריקאַנישע פאָן, אַזוי־אַנדיק, אַז ס׳גייט אַ קאַראַוואַן פון אַ מסונגאַ (ווייסען). די סאָלדאַטן האָבן געזונגען; אַלע זיינען געווען לעבעדיק און פריילאַך. איך בין אויך צריינגעפאַלן אין אַ געהויבענער שטימונג און מיין בלוט אין די אָדערן האָט געשלאָגן מיט אַ יונגער קראַפט. מען האָט פאַרגעסן די שווערע לאַנגווייליקע צייט פון הלנות. אַ זוניקע האָפנונג האָט מיך באַפליגלט. אַלץ האָט אויסגעזען אַרום מיר שיין און ליב. דאָס לאַכעדיקע גרינס, דער מוטיקער געשריי פון פייגל און דאָס זשומען פון די זשוקלאַך—אַלץ האָט אַזוי ווי געגרופן צו מיר: אויפן ריכטיקן וועג ביזטו אַרויף! גאָט צו דאַנקען!

די גאַנצע עקספּעדיציע האָט אין טאָג פון אונזער אָפּפאָר געציילט 3 ווייסע, 23 סאָלדאַטן, 4 היטערס, 4 אָנפירער און 153 פּאַגאַזי מיט אַזויפיל משאות, 27 אייזלען און 2 פערד. מיין אייגענער קאַראַוואַן איז באַשטאַנען פון 36 פּערזאָן, אויסער מיר, וואָס אַלס „באַנאַ מקובאַ" (גרויסער הער) בין איך געווען דער לייטער און אָנפירער פון אַלץ און אַלע.

די ערשטע אָדער „קליינע רייזע" האָט אונז געפירט פינף קילאָמעטער ווייט אין לאַנד. זי האָט מיר געגעבן די געלעגנ-הייט זיך בעסער צו באַקענען מיט די פעיִקייטן פון מיינע לייט און זיך איבערצייגן אין די מעלות פון די זאָטלען, וואָס איך האָב דערפונדן. אין אָנדערטהאַלבן שעה זיינען מיר צוגעקומען אויף אונזער ערשטן לאַגער-פּלאַץ, וועלכער האָט געהייסן שאַמבאַ-גאָנעראַ. אין דרום און מזרח האָבן זיך געצויגן פעלדער מיט נעגער-הירזש, און אין צפון איז געלעגן אַ זומפּ, וואו דער היפּאָפּאָטאַם האָט זיך ליב אויפצוהאַלטן. ביי די ברעגן שטייען פּאַלמען און הויכע רעבייטלאַך מיט נעסטן פון פעליקאַנען און אַנדערע וואַסערפייגלען. צו מערב איז דאָס לאַנד אויך באַוואַלדעט. פאַר די אויגן ליגן ברייטע שטחים, באַוואַקסן מיט ברויט-פרוכט און מאַנגאָ-ביימער.

אין שאַמבאַ-גאָנעראַ האָבן מיר געווײַלט דריי טעג. אין דער-דאָזיקער צייט האָבן מיר געמאַכט די נייטיקע הכנות צו דער ווינטערדיקער נסיעה און זיך באַוואָרנט מיט די געהעריקע פאַרזיכטמיטלען קעגן דער רעגנצייט, וואָס האָט זיך שוין אָנ-גערוקט גאָר נאָענט. אויפן פערטן טאָג אינדערפרי האָט זיך דערהערט אין לאַגער דער רוף פונעם קאַראַוואַן-פירער — סאַ-פאַרי, סעפאַרי לעאָ פאַקיאַ! מיר פאָרן, מיר פאָרן היינט, גרייט זיך אין וועג!) און באַלד האָט דער קאַראַוואַן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, באַגלייט פון די נייגעריקע אָרטיקער באַפעלקערונג.

דער וועג, אַ שמאָל שטעגעלע פאַר פוסגייער, האָט געפירט איבער אַ זאַמדיקן, אָבער זייער אַ פרוכטבאַרן באָדן, וועלכער האָט באַלוינט הונדערט מאָל אַזויפיל אַפילו די נאַכלעסיקע אַר-בעט פון די שוואַרצע. די מאַנסלייט און פרויען, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט אין פעלד, זיינען געווען מוטער-נאַקעט און נישט געטראָגן אַפילו קיין פייגנבלעטער, ווי אדם און חוה. זיי האָבן געקוקט מיט פאַרוואונדערונג און געלעכטער אויף אונ-זערע זומער-היט, פלאַנעליאַגן און שטיוול און באַטראַכט אונז,

קענטיק, פֿאַר אומנאַטירלאַכע אָדער משוגענע מענטשן. מיט אַ ווילד געלעכטער האָבן זיי געטיימלט מיט די פֿינגער אויף דאָס און יענץ, וואָס איז זיי פֿאָרגעקומען באַוווּנדערס קאָמיש.

נישט ווייט איז געשטאַנען אַ וואַלד פֿון עבלהאָלץ און ברויט-ביימער, און ביינאַכט האָבן זיך דאָרט געפּאַשעט היפּאָפּאָטאַ-מעס. נאָך אַ שעה וואַנדערן פֿאַרביי דעם וואַלד זיינען מיר אָנגעקומען אין קזאַנגאַני-טאָל, אַרומגערינגלט פֿון די זייטן מיט וועלדער און באַרג-שפּיצן. דאָ האָבן מיר דערשפּירט די פֿלאַם-פֿייערדיקע היץ פֿון דער אַפֿריקאַנישער זון. רעכטס און לינקס זיינען פֿאַרבייגעלאָפֿן רויטע אַנטילאָפּן. מיר זיינען אַריבער אַן שוועריקייטן אַ זומפּיקן טייך, אויף וועלכן מען האָט געזען שיריים פֿון עפּעס אַ בריקל. מען האָט אַריבערגעשיפֿט די אייזלען, אַראָפּנעמענדיק פֿון זיי פֿריער די משא, און די פּעק האָט מען איבערגעטראָגן אויף די פּלייצעס. דאָס איז אָבער געווען אַ שפּילעכל געגן דער שווערער אַרבעט, וואָס מיר האָבן געהאַט ביים אַריבערגיין די זומפּיגע גריבער לענגאויס דעם קאָנגאָ. הגם דידאָזיקע גריבער זיינען געווען נישט ברייטער, ווי דריטהאַלבן מעטער, האָבן מיר דאָך געמוזט אויסבויען אַ בריק פֿאַר די אייזלען און פֿערד. אַליין זיינען מיר אַריבערגעפֿאָרן דעם טייך אין אַן אויסגעהוילטן בוימשטאַם. פֿאַרענדיקט דידאָזיקע טייכנסיעה האָב איך מיט מיין יאַגד-ביקס. איך האָב מיך געצילעוועט אין די דיקע שאַרבנס פֿון די היפּאָפּאָטאַמעס. אָבער, ווי גוט מיינע קוילן האָבן נישט געטראָפֿן אין ציל, האָבן זיי דאָך גאַנץ ווייניק געווירקט אויף די שאַרבנס פֿון דידאָזיקע באַשעפֿענישן. ערשט אַ קויל פֿון 4 גראַם געוויכט האָט געהאַט אַ שטיקל פּעולה און זיי האָבן זיך געמוזט זעגענען מיטן לעבן. זייער יאָמערגעשריי און קרעכצעריי האָט מען אָבער אָפּגעהאַלטן פֿון ווייטערדיקן שיסן.

בינו-לבינו איז מיין קאַראַוואַן אַריבער דעם קינגאַני, אַזוי, אַז מיר האָבן געקאָנט דורכזעצן דעם מאַרש אָן שוועריקייטן,

ווייל דער מערב-ברעג איז געווען פיל בעסער, ווי דער מזרח־זייטיקער. איצט האָבן מיר געהאַט פאַר די אויגן אַ ברייטן שטח, באַוואַקסן מיט גראָז. ערטערווייז האָבן מיר אָנגע־טראָפן קליינע וועלדלעך באַצויגן מיט פלעכטצמחים. בעת מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דידאָזיקע וועלדלעך, האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ביימער מחנות פייגלעך און אַוועקגעפלויגן אין גרויס פחד. אַן איינזאַמער פעליקאַן האָט זיך אויך אָפגע־טראָגן, קלאַפנדיק מיט די פליגלען. עס זיינען אויך געווען גרעסערע חיות, ווי אַנטילאָפן און ווייסברוסטיקע מאַלפעס מיט אַ לאַנגן געדיכטן וויידל.

5 אַ זייגער, נאָכמיטאָג, זיינען מיר אָנגעקומען אין קיקאָקאָ, אַ קליין דערפל אין צפון-מערב פון אוזאַראַמאָ, נאָכדעם, ווי מיר האָבן אונזערע איינזלען פיר מאָל אויסגעלאַדעוועט און אָנגעלאַדעוועט און נאָכדעם, ווי מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען אַ טיפע בלאָטע, אַ זומפ און אַ טייך.

דאָ האָבן מיר זיך געמוזט אָפשטעלן אויף איין טאָג, מחמת דער פירער פון פערטן קאַראַוואַן האָט אונז געמאַכט שוועריקייטן. ער האָט געוואָלט אַ הוספה צו זיין לוין און האָט זיך ניט געריירט פון אָרט. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט געשווינד אָנקומען קיין אונייאַניעמבע, וועט ער באַקומען אַ באַלוינונג.

דער גורל פון פערטן קאַראַוואַן.

דעם 27-טן מערץ זיינען מיר געפאָרן איבער אַ שטח לאַנד, וואָס איז געלעגן צווישן דעם טייך קינגאַני און קיקאָקאַ. אין פינף שעה אַרום האָבן מיר דערגרייכט ראָזאַקאָ, דעם גרעניץ-דאָרף פון לאַנד אוקווערע. נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזער לאַגער און אַרויסגעלאָזן די קי אויף דער פאַשע, האָט זיך באַוויזן דער ראש פון דאָרף און האָט מיר געבראַכט אַ באַקוועם פירעקנדיק בעטגעשטעל, ער האָט דערפאַר באַקומען אַ שטיקל לייוונט און דראָט.

פאַר אונזער אָפּפאָר האָב איך ווידער געהאַט צרות פונם פערטן קאַראַוואַן, וואָס דריי פון זיינע מענטשן זיינען קראַנק געוואָרן. אַליין נישט קיין דאָקטאָר, האָב איך דאָך געהאַט אַלע רפואות, וואָס זיינען נויטיק אויף אַ נסיעה אין אַפריקע. אַגב האָב איך מיך געהאַט עטוואָס געקאָנט אויף אַ קראַנקהייט. באַטראַכט מיינע חולאים, האָב איך ביי איינעם פעסטגעשטעלט וועקסלפיבער, ביים צווייטן לונגענאָנצינדונג און ביים דריטן—אַ ווענערישן חולאת. אַלע האָבן געוויינט, ווי קליינע קינדער, און געבעטן „דלאַ-מעדיצין” און געמיינט, אַז זיי שטאַרבן שוין. איך האָב זיי געגעבן די נויטיקע רפואות, אָבער דער פערטער קאַראַוואַן האָט געמוזט וואַרטן. מיר האָבן זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין.

באַרבעטע פעלדער האָבן מיר נאָר געזען אַרום די דערפער. און דאָס לאַגד צווישן די דערפער איז וויסט און לער, הגם עס האָט אַ פיל אָנגעגעבמערן אויסזען. אין די געדיכטע וועלד־לאַך, וואָס ליגן, ווי אינזלען, צווישן אַ ים פון גרינגס, קאָן מען זיך שיצן געגן דער היץ. די דאָזיקע וועלדלאַך זיינען אָבער אויך אַ גוטע שוץ פון די רעגנס און ווינטן. איבדערגרי קאָן מען גיין שפּאַצירן אויף די לאָנקעס, דערקוויקן די נשמה מיט זייער פרישקייט און זיך אויסבאָדן אין איינעם פון די זילבער־קלאָרע טייכלאַך. אויף די ביימער הייגגען כלערליי פרוכטן, וויפיל דאָס האַרץ גלוסט און אין די טיפע און קילע וועלדער דרייען זיך אַרום פריילאַכע חיות. מען קאָן גיין און גיין אין אַלע ריכטונגען און אומעטום געפינען די אייגענע לאַנדשאַפט.

די זאָרג וועגן דעם מערטן קאַראַוואַן האָט מיך געצוואונגען זיך אָפּצושטעלן נאָך אַ מאַרש פון 15 קילאָמעטער.
אויף דעמדאָזיקן אָרט האָט געשטראָמט אַ קוואַל, וואָס האָט אין דער רעגנצייט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויס טייכל. בעת מיר האָבן געמאַכט אַ צוים פאַר די קי, זיינען אונז באַפאַלן מאַסן פליגן און זשוקעס, וואָס האָבן אונז גורם געווען נישט ווייניק צאַרג. איך האָב געמוזט זען, צי איז נישט פאַראַן צמאָל צווישן זיי די באַרימטע פליג צע־צע, וואָס איר ביס איז אומגעהייער געפערלאַך פאַר פערד און פי. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז פאַראַן צווייערליי פליגן פון דעמדאָזיקן מין: די „מאַבינגאַ,“ וואָס איז גרעסער טונם בין און די „טשופוואַ,“ וואָס איז אויך אַ דריטל גרעסער פון אונזער הויזפליג. לויט דער פאַרזיכערונג פון די איינגעבוירענע, זיינעןביידע פליגן געפערלאַך פאַר פערד און פי און אומגעפערלאַך פאַר מענטשן און ווילדע חיות. דאָס איז די סיבה, וואָס אין דער געגנט ווערן נישט געהאָדעוועט קיין פי, חוץ עטלאַכע ציגן, הגם די פעלדער זיינען זייער רייך אין פאַשע. אונזערע פערד זיינען טאַקי באַלד אַוועקגעפאַלן.

וואַרטנדיק אויפֿן קאַראַוואַן, האָב איך מיר איין טאָג אָפּגע-
געבן מיט יאַגד. בשעת איך האָב נאָכגעיאָגט אַ פּאָר אַנטילאָפּן,
בין איך טיף פֿאַרקראָכן אין אַן אַפֿריקאַנישן דזשונגל, וואו
איך האָב מיר צעשטאָכן, צעריסן און צעבלוטיקט אָן די דער-
נער און שיעור נישט געחלשט פֿון דער מוראדיקער היץ. אַזוי
אַז איך האָב שוין פֿאַרזאָגט אַ צענטן נישט צו לאָזן זיך ווייטער
אין אַזוינע ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען.
מחמת דער פֿעטער קאַראַוואַן מיט זיין אָנפֿירער מאַגאַנגאַ האָט
זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן, האָב איך אַרויסגעשיקט צו אים
שויעץ און באָמבייען. אויפֿן צווייטן טאָג זיינען זיי צוריקגעקו-
מען צוזאַמען מיטן קאַראַוואַן, וועלכער איז געגאַנגען פּאַמעלעך
צוליב דעם, וואָס די מענטשן זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן פֿון
די קראַנקהייטן. מאַגאַנגאַ האָט מיך געבעטן, איך זאָל גיין
פֿאָרויס קיין קינגאַרו, וואָס ליגט אין אַ מרחק פֿון 8 קילאָמע-
טער, און ער וועט שוין אונטערקומען אַהין. איך האָב אַזוי
געטון.
אָנפֿאַנגס האָט די לאַנדשאַפֿט, קענטיק, אָנגענומען דעם כאַראַק-
טער פֿון אַ געבירגיק לאַנד: צו צפֿון און צפֿון-מזרח האָבן מיר
געזען דעם פּורפּורענעם קאָנטור פֿון אוצאָע, איבער וועלכן עס
האָט אַרויסגעשטאַרצט דער באַרגשפּיץ דילימאַ—450 מעטער הויך
איבער דער ים-אויבערפֿלאַך. אָבער באַלד האָט זיך די וואַל-
דיקע לאַנדשאַפֿט ווידער אַראָפּגעלאָזט, און נעבן דאָרף קינגאַרו
האָט זי באַקומען אַלע סימנים פֿון אַ געגנט, וואָס ליידט פֿון
קדחת און אַנדערע קראַנקהייטן. חוץ דעם, איז געקומען דער
ערשטער אָנזאָג פֿון דער רעגנצייט. עס איז אַרויסגעפֿאַלן אַ
שלאַקסרעגן, וועלכער האָט פֿאַרוואַנדלט דעם באָדן אין אַ זומפּ,
פֿון וועלכן מען האָט קוים געקאָנט אַרויסשלעפּן די פֿיס. מיר
האָבן געהאַט גענוג מי און אַרבעט, צו באַוואָרענען דאָס געפּעק
פֿאַר נעץ און גנבים.
געגן אָוונט האָט נאָכגעלאָזן דער רעגן און די איינגעבוי-
רענע זיינען אַרויסגעקומען צו אונז מיט פֿאַרשידענעם עסנ-
וואַרג פֿון זייערע וואַלדדערפֿער. פֿאָרויס איז געגאַנגען זייער
ראש פֿון דאָרף, טראָגנדיק אַ מתנה—דריי מאָס מטאַמאַ (נעגער-

הירוש) און אַ האַלב מאָס רייז און האָט געבעטן, איך זאָל עס אָננעמען. אָבער אונטער זיין ליבלאַכן שמייכל איז געלעגן פֿאַרבאָרגן עפּיס אַ גײַציקייט. איך האָב אים געענטפֿערט אויך מיט אַ פֿריינטלאַכן שמייכל: דער ראָש פֿון קינגאַרו רופֿט מיך אַן רײַכער סולטאַן. פֿאַרוואָס איז ער נישט געקומען צו מיר מיט אַ רײַכער מינה, כּדי איך זאָל אים קאָנען אָפּדינען מיט אַ רײַכן געשיינק? דער ראָש האָט געענטפֿערט, אַז קינגאַרו איז אָרעם און קאָן נישט געבן קיין שענערע מתּנה דערויף האָב איך זיך אָפּגערופֿן, אַז איך וועל געבן בלויז אַ האַלבן שיוקקאַ ד. ה. אַ מעטער טוך. דער ראָש האָט זיך געטוליעט צופֿרידנשטעלן דערמיט.

דער ראָש האָט געפּרובט שלאָגן קאַפּיטאַל דערפֿון, וואָס איך האָב באַגראָבן מיין געפּגרט פֿערד אין זיין ערד און האָט פֿאַרלאַנגט, איך זאָל אים געבן דערפֿאַר 8 מעטער באַוולשטאָף. ערשט ווען איך האָב נאָך לאַנגע פֿאַרהאַנדלונגען געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך וויל פֿלומרשט אַרויסגראָבן דעם פּגר צוריק, איז ער געוואָרן ווייכער און האָט אויסגערופֿן: „ניין, ניין, הער! זאָל דער ווייסער מאַן נישט זיין בייז. דאָס פֿערד איז טויט און ליגט באַגראָבן, זאָל עס ליגן ווייטער און לאָמיר זיין גוטע פֿריינט."

פֿון פֿערטן קאַראַוואַן האָט מען גאָרנישט געהערט. און צו פֿאַרפֿילן די מאָס פֿון מיינע צרות האָט זיך פֿאַרגרעסערט די צאָל פֿון די קראַנקהייטן. 11 מאַן פֿון קאַראַוואַן זיינען קראַנק געוואָרן, טיילווייז אויף פֿיבער, טיילווייז אויף האַלזאָנצינדונג, אָפּפֿירונג און אַנדערע קראַנקהייטן. דערצו האָט איינער פֿון די פּעגאַזי צעזעדטירט. אויפֿן פֿינפֿטן טאָג האָט זיך באַוויזן מאַגאַנגאַ. זיינע לייט האָבן זיך שוין פֿאַרבעסערט אין געזונט. ער האָט ווייטער געמאַכט אַ פּראָבע אויסצופּרעסן מער געלט ביי מיר, אָבער אומזיסט, איך האָב אים ווידער געזאָגט, אַז אויב ער וועט געשווינט אָנקומען קיין אוניאַניעמבע, וועל איך אים פֿאַרגיטיגן. האָט ער מיר צוגעזאָגט זיך צו צואיילן און

ער האָט זיך טאַקע געלאָזט אין וועג אַריין שוין דעם פֿינפֿטן אַפּריל. אויף מאָרגן האָב איך זיך געלאָזט נאָך אים. אָבער פֿריער האָב איך אַביסל אויפֿגעמונטערט מיינע לייט דורך פֿונקען אין אַ בלעכענער פֿאַן.

אונזער ציל איז געווען אימביקי. אויף דעמדאָזיקן 20 קילאָמעטער לאַנגן מאַרש האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיינע לייט זיינען געוואָרן שטאַרק דעמאָראַליזירט דורכן לאַנגן זיצן אין קינגאַרו: פֿיל זיינען אָפּגעשטאַנען צוליב שוואַכקייט און איין פֿעגנאַר מיטן נאָמען כאַמעדי איז גאָר אַנטלאָפֿן מיט צוויי ציגן און מיטן גאַנצן האָב און גוטס פֿון זיין חבר אולעדי. מען האָט די זאַך נישט געטאָרט פֿאַרשווייגן. איך האָב דאַריבער געשיקט אילעדין און נאָך איינעם זיי זאָלן פֿאַנגען דעם גנבֿ.

די ערשטע ידיעה וועגן ש. ווינגסטאָנען.

דעם 8-טן אַפּריל זיינען מיר געגאַנגען ווייטער קיין מסובאַ. דערדאָזיקער מאַרש—בלויז 19 קילאָמעטער — האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך וועל אים אייביק געדענקען. ער האָט געפירט מייסטנס דורך וועלדלאַך פון דזשונגלען, און דער ריח פון די ווילדע צמחים איז געווען אַזוי שאַרף, אַז איך האָב מורא געהאַט, מיינע לייט זאָלן נישט אַריינפאַלן אין אַ פיבער. חוצדעם, האָבן מיר געמוזט אַלע פאָר מינוט איבער-לאַדעווען דאָס געפעק אויף די אייזלען, ווייל דאָס שטענדיגע איז געווען זייער שמאָל און פון ביידע זייטן האָבן אַרויסגע-שטעקט צווייגן, וועלכע האָבן געשטאָכן ווי שפּילקעס, און צע-וואָרפן די אָנגעלאַדעוועטע משא. ביי די גרעסטע אָנשטרענ-גונגען פון מיינע מענטשן און אייזלען האָבן זיי דאָך זיך גע-מוזט עפּמער אָפּשטעלן, און איך בין געקומען קיין מסובאַ אַליין מיט איין פּעגאַדי און 10 אייזלען.

דער ראָש פון מסובאַ איז געווען שטאַרק ענלאַך צו אַ ווייסן. ער האָט מיר געשיקט אַ מתּנה — דעם פעטסטן שעפּס פון זיין טשערעדע אין פינף מאָס מטאַמאַקאָרן, און האָט באַקומען פון מיר אויך אַ פיינע מתּנה. דערצו האָב איך אים געוויזן מיין ביקס און רעוואָלווער און דערקלערט, ווי אַזוי ס׳ווערט באַנוצט. ער האָט זיך נישט בעקאָנט אַפּהדושן דערפון און אויסגערופן:

מיט היץ: „די וואַסונגו זיינען פיל קליגער, ווי די וואַשעגזי (איינגעבוירענע). וואָס פאַר אַ קאָפּ זיי האָבן! וואָס פאַר וואונדערלאַכע זאַכן זיי מאַכן! זעט, וואָס פאַר אַ געצעלטן, וואָס פאַר אַ געווער, לאַגערס, קליידער און וואָס פאַר אַן אויסטערלישע זאַך דאָס איז (אַ וועגל), וואָס פירט מער ווי פינף מאַן.“

דעם 10-טן אַפּריל האָבן מיר אָנגעהויבן דעם מאַרש קיין קיזעמאָ, אַריין דאָרף, אַרומגעצוימט מיט פּלעקער און דערנער ביים טייך אונגערענגערי, דער הויפּטצופלוס פון קינגאַני. די ווייבער פון קיזעמאָ צייכענען זיך אויס מיט זייער ליבשאַפט צו שמוק פון מעשענעם דראָט, וועלכן זיי וויקלען אַרום איבער די הענט און פיס. זיי טראָגן פאַרשידענע פּריזורן, און לאַנגע האַלזבענדער פון קאָלירטע פּאַטשערקעס, וועלכע דערגרייכן ביז די קני. דערפאַר פוצן זיך ווייניק זייערע מענער, וואָס געהערן דאָ שטאַרק די ווייבער. דער פּסוק והוא ימשול בך“ (ער וועט געוועלטיקן איבער דיר), איז משמעות נישט שייך צו זיי.
עס איז געווען אַ שיין בילד, בעת איינע פון דידאָזיקע אויסגעפוצטע ווייבער איז באַשעפטיגט געווען מיט איר באַלאַבאַטישקייט און האָט געמאָלט קאָרן פאַר זיך און איר פאַמיליע. די מאָלמאַשין איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: פון אַ דיקן לאַנגן שטעקן, וואָס האָט געדינט אַלס שטייסל און פון אַ הילצערנעם מערזער.
דאָ האָבן מיר זיך באַקענט מיט סגולות, וועלכע זיי האָבן אָנגעווענדט געגן פאַרשידענע אומגליקן. בשעת מיר האָבן אויפגעשטעלט די געצעלטן האָט שוין געמוזט אָפּרוקן אַ שטיין. האָט עס דערזען דער ראש פון דאָרף, איז ער הענדום פּענדום צוגעלאָפן און צוריקגעלייגט דעם שטיין אויף דעם פריערדיקן אָרט. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף אים, ווי איינער, וואָס וויל אָפּהיטן אַ טייערן אוצר. אויף מיין פראַגע וואָס דאָס באַדייט, האָט ער מיר געוויזן, אַז אונטערן

שטיין ליגט אַ הערצעלע, צו וועלכן מען האָט צוגעבונדן אַ ווע-רעטל. צוליב דעמדאָזיקן ווערעמל דאַרף מען ניט וואַרטן, כלומרשט מפּיל געווען אַ יונגע פֿרוי. איצט פֿון עס צוגעדעקט ווערן מיט אַ שטיין כּדי עס זאָל מער אין פֿאַל נישט פּאַרקומען. אַזעלכע סגולות און רפֿואות האָבן די נעגערס זייער פֿיל.

נאָכמיטאָג האָט מען געבראַכט דעם אַנטלאָפֿענעם כּאָמעדי צוזאַ-מען מיט זיין גנבה. איך האָב באַלד פֿאַרשטימט אַ געריכט פֿון 8 מענאַזי און 4 סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געפּסקנט, מען זאָל דעם בורח פּשוט אָנשמייסן און דעמדאָזיקן פּסק-דין האָט מען תּיכּף מקיים געווען.

דעם 12-טן איז אונזער קאַראַוואַן אָנגעקומען קיין מוטונדי ביים טייך אוגערענגערי. דאָסדאָזיקע דאָרף ליגט ביי דער מערב-גרענעץ פֿון לאַנד אוקווערע, זייער אַ שיינע געגנט. או-מעטום זעט מען פּלעריי בלומען און זיס שמעקנדיקע קשאַ-קעס; אין הונטערגרונט ציען זיך בערג, וואָס שטאַרצן צום בלויען הימל מיט זייערע שפּיצן. נעבעטער איז דער טאָל באַדעקט מיט פֿעלדער פֿון צוקערשטעקלאַך, מטאַמאַ און מאַיס. נעבן וואַסער בליס דער באַנאַנבוים און איבער אים הויבן זיך הוי-כע פּאַלמען מיט בלעטער, ענלאַך, צו רענגשירמס.

דאָס נאָנטסטע דאָרף מוהאַלע ליגט שוין אינם געביט פֿון וואַ-זעגוהאַ. פֿון איין זייט ציען זיך הייסע פֿאַרנעבלטע בערג פֿון אולוגורו און פֿון דער אַנדערע זייט—די בערג פֿון אודאָע. אוזעגוהאַ איז געווען פֿאַר אונז אַן אָנגענעמער אָפּרופּונקט נאָך די לאַנגע מאַרשן איבערן פֿלאַכלאַנד. דאָ האָב איך געטראָפֿן טאַגאַנגאַ מיט דריי נייע חולים, און—וואָס עס האָט מיך מער דערפֿרייט—אַ קאַראַוואַן פֿון הענדלערדיין אונטער דער פֿירונג פֿון סאַלים בן ראַשיד, וועלכער האָט מיר געבראַכט די ער-שטע ידיעה פֿון ליווינגסטאָן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיטן גרויסן פֿאָרשער אין אודזשידזשי און געוואוינט צוויי וואָכן לאַנג אין שכנות מיט אים. לויט זיין

שילדערונג איז ליווינגסטאָן אויסערלאַך זייער אַלט. ער האָט זיך נאָרוואָס אויפגעהויבן פון אַ שווערער קראַנקהייט און איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ליווינגסטאָן האָט בדעה, נאָכדעם ווי ער וועט אינגאַנצן געזונט ווערן, צו באַזוכן דאָס לאַנד, וואָס הייסט מאַניעמאַ.

נאָך אַ צוויי שעהדיקן מאַרש זיינען מיר געקומען נאָענט צו סימבאַמוועני, די הויפּטשטאָט פון אוזעגוהאַ. דידאָזיקע שטאָט, וועלכע ציילט פון 3000 ביז 5000 איינוואוינער, ליגט ביים פוס פון אולוגורוגעבערג, און איז אַרומגערינגלט מיט פעסטונגן טורמעס און באַסטיאָנען—אַ זאַך, וואָס איז גאָר אַ נייעס אין מזרח-אַפריקע. די מויערן זיינען געבויט לויטן אַראַביש-פּערסישן מוסטער און די טויערן זיינען פאַרצירט מיט פיינע אָרנאַמענטן.

אין סימבאַמוועני הערשט אַ סולטאַנין די עלטסטע טאָכטער פון באַרימטן קיזאַבענגאַ, וואָס איז פריער געווען אַ פשוטער גזלן און אַ שקלאַפן-הענדלער. שפּעטער האָט ער זיך געשטעלט בראָש פון אַ מחנה אַנטלאָפענע שקלאַפן, מיט זייער הילף האָט ער פאַרכאַפּט אַ גרויסן שטח לאַנד און דאָן געגרינדעט די שטאָט סימבאַמוועני, וואָס הייסט „דער לייב" אָדער די „שטאַרקסטע שטאָט."

צוליב מיינע 5 קאַראַוואַנען האָב איך ביי די איינוואוינער פון סימבאַמוועני באַקומען אַ שם פון אַ רייכן און מעכטיקן מסחר און פיל פון זיי זיינען מיר אַרויסגעקומען אַנטקעגן. אויף אונזער וועג זיינען געשטאַנען איבער טויזנט איינגעבוירענע, וועלכע האָבן געגלאָצט אויף מיר מיט די אויגן, געטייטל מיט די פינגער און נאָכגעגאַנגען טרט-טריט. נאַטירלאַך, האָב איך גע-האַט דערפון ווייניק הנאה. צום גליק זיינען זיך ביסלעכווייז מיד געוואָרן פון גאַנג און פון דער ברענעדיקער זון און אָפּ-געטראָטן.

אויפן אַנדערן טאָג נאָך מיין אָנקומען אין סימבאַמוועני האָב איך איינגעזען, אַז איך בין נישט באַוואָרנט געגן די שעדלאַ-

בע ווירקונגען פון אַפריקאַנישן קלימאַט. איך האָב באַקומען
דאָס אַפריקאַנישע פיבער אָדער מוקוגנרו. אַ דריי טעג גאַנצ-
נאַנד האָב איך איינגענומען גרויסע פּאָרציעס כינין און בין
געזונט געוואָרן.
אויפן דריטן טאָג זיינען געקומען צו מיר שלוחים פון דער
סולטאַנין מיט דער פאָדערונג, איך זאָל איינצאָלן מס, שטייערן.
איך האָב זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז עס איז נישט פּאַסיק צו
נעמען מס צווימאָל, מחמת מיין עקספּעדיציע האָט שוין איינ-
מאָל געצאָלט מס, בעת עס איז אַדורכגאַנגען דער ערשטער
קאַראַוואַן. די שלוחים האָבן דערויף געענטפערט: „נגעמאַ" (ווייער
גוט) און האָבן אונז פאַרלאָזט. די סולטאַנין האָט זיך אָבער
נישט צופרידנגעשטעלט מיט מיין תשובה, ווי מיר וועלן עס
זען ווייטער.
אין 29 טעג האָבן מיר אויף 14 מאַרשן דורכגעמאַכט 190 קי-
לאָמעטער, וואָס עס איז זייער ווייניק אין אַזאַ צייט. די אייז-
לען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אויסגעצייכנט, אָבער די שלעכ-
טע פירונג פון מאַגאַנגאַ און די רעגנס האָבן אונז שטאַרק באַ-
שווערט דעם וועג.

דער טרויעריקער סוף פון קובער.

ווען איך טראַכט איצט וועגן גאַנצן וועג, וואָס איך האָב דורכגעוואַנדערט פון באַגאַמאָיאָ ביז סימבאַמוועני, מוז איך דאָך זאָגן, אַז נישט קוקנדיק אויף די בלאָטעס, זומפּן, דזשונג-לעס און פיבער, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, וועט די מלוכה, וואָס וועט אַמאָל נעמען אין באַזיץ אָט דאָס לאַנד, געווינען אַ גרויס עשירות און גליק. ס'וואָלט געוויס געווען קיין שווע-רע זאַך אויסצובויען אַן אייזנבאַן צווישן ביידע פּונקטן און אַז מען וואָלט אויסגעטריקנט די בלאָטעס און זומפּן, וואָלט מען דאָ געקאָנט זייער גוט לעבן. די געפּערלאַכע פליגן וועלן שטערן צו האַלטן דאָ בהמות און פערד, כל-זמן מען וועט נישט האָבן אויסגעהאַקט די געדיכטע וועלדער און דזשונגלעס.

לאָזן זיך ווייטער אין וועג האָבן מיר געקאָנט ערשט נאָך אַ פירטעגיקן אָפּרו. יענע צייט, ווען מיר זיינען לאַנג געזעסן אין טשאָל, וועלכער ווערט אָן די רעגנס פאַרוואַנדלט אין אַ ים רופט נאָך אויך איצט אַרויס אין מיר אַ פיינלאַכע שפּירונג. דער שמוץ, וואָס ווערט דאָ געלאָזן יאָרנלאַנג פון די פּעגאַזיס און וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין גרויסע קופּעס, איז געווען אַ נעסט פאַר פלערליי ווערים. עס האָט געשוועבלט פון שוואַר-צע, ווייסע און רויטע מוראַשקעס ; טויזנט פּיסלאַך פון צלע

פון

קאָלירן, משונהדיקע שרצים, אוגעהוירע זשוקעס, וועלכע קריכן אומעטום און האָבן אויך נישט דורכגעלאָזן מיין געצעלט, האָבן אונז פאַרפאָלגט אויף יעדן שריט און טריט.
ווען דער רעגן האָט אַביסל נאָכגעלאָזט, האָבן מיר זיך גע־איילט אַריינצוקריכן אין די שטינקנדיקע בלאָטעס, אַבי צו לייגן אַ בריק איבערן טייך און אַריבערצופעקלען זיך אויף דעם אַנדער ברעג. דאָס האָט געדויערט גאַנצע פינף שעה, הגם מיר האָבן אָנגעשטריינגט אַלע כוחות, און די אַרבעט איז געפעפערט און געזאַלצן געוואָרן מיט קללות און זידלערייען, וועלכע וואָלטן קלעקן פאַר אַ גאַנצער אַרמיי.
איצט זיינען מיר געגאַנגען אויף באַקוועמע וועגן דורך יונגן וואַלד און וואַלדלאָנקעס, בשעת דער האָריזאָנט פון מערב און צפון איז געווען פאַרשטעלט פון די בלויע אוזאַגאַראַ-בערג. נאָך אַ צוויי-שעהדיקן מאַרש האָבן מיר דערגרייכט אַ לאַגער פון גוטגעבויטע כאַטקעס מיטן נאָמען סימבאַ. אין סימבאַ האָט מיך געטראָפן אַן אומגליק: דאָרט האָב איך פאַרלוירן מיין קוכער בונדער סאַלאַאַם. איך האָב אים געפאַקט ביי דער פינפטער גנבה, און דערפאַר מכבד געווען מיט שמיץ. דערנאָך האָב איך געהייסן אָפּפירן זיין אייזל מיט זיין האָב און גוטס און אים אַרויסטרייבן פון לאַגער, ווי אַ גנב, וואָס קאָן זיך שוין נישט אויסבעסערן. איך האָב אָבער נישט געהאַט בדעה להלוטין צו פאַרטרייבן אים פון לאַגער און איבערלאָזן אים אין דער פרעמד, וואו ער זאָל קאָנען אַריינפאַלן אין די הענט פון די ווילדע רוצחים — דעם וואַסעגוואַ-שטאַם. איך האָב אים בלויז געוואָלט אָפּשרעקן. בונדער סאַלאַאַם האָט אָבער אָנגענומען די זאַך זייער ערנסט און איז אַנטלאָפן אין די בערג, נישט געקוקט דערויף, וואָס כ׳האָב אים געלאָזט רופן צוריק. מיר האָבן דעריבער צוגעבונדן זיין אייזל מיט די זאַכן צו אַ בוים מיט דעם חשבון, אַז דער בורח וועט באַלד צוריק־קומען, און האָבן זיך אָפּגעלאָזט ווייטער אין וועג.
אין צען שעה אַרום זיינען מיר אָפּגעגאַנגען 16 קילאָמעטער און געמוזט אויסשטעלן אונזער לאַגער אין אַ ווילדעניש. דאָ האָב

איך נוייטער געהאַט עגמת-נפש. דער קאַראַוואַן-אָנפירער באָמביי איז געקומען צו מיר מיט אַ קלאָג: ער האָט געהאַלטן אַרויסשלעפּן אַ וואָגן פון אַ זומפּ און האָט דעריבער פאַרלוירן זיין משא, וואָס איז באַשטאַנען פון טוך, פּאַטשטערקעס, אַ געצעלט און האַנטצייג. דאָס אַלץ איז, משמעות, אַוועקגעגנבעט געוואָרן פון די איינגעבוירענע וואַנדערער. איך בין אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, האָב אים געגעבן אַ פּיינע פּאָרציע פאַר זיין נאַכלעסיקייט און האָב אים אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט, אַלס אָנפירער פון אַ קאַראַוואַן.

אויף מאָרגן האָב איך געשיקט דעם אייגענעם באָמבייען מיט אַ פּאָר סאָלדאַטן אויפצוזוכן דעם אַנטלאָפענעם קוכער און זיין אייזל מיט די זאַכן. זיי זיינען צוריקגעקומען ערשט אין פיר טעג אַרום און האָבן מיר געבראַכט זייער נישט קיין פריילאַכע בשורות. דעם אייזל מיט די זאַכן האָבן זיי אַפילו געפונען אין סימבאַמוועני, אָבער דעם קוכער האָט מען דערהרגעט. בשעת זיי האָבן געמאַכט אַ שטיקל אויספאָרשונג וועגן דעם קוכער און די זאַכן, האָט מען זיי פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט צו דער סולטאַנין, וועלכע האָט זיי געהייסן שמידן אין קייטן דערפאַר, וואָס איך האָב איר כלומרשט נישט געצאָלט קיין מס. ערשט מיינעם אַ באַקאַנטן קאַראַוואַנען-פירער, שייך טאַני, האָט זיך איינגעגעבן זיי צו באַפרייען, נאָכדעם ווי ער האָט געוואָרנט דער סולטאַנין, אַז איך וועל די זאַך נישט פאַרשווייגן און וועל זיך אין איר נוקם זיין.

דעם קוכערס טויט האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ שווערן רושם, און איך האָב גענומען אויף זיך קיינמאָל נישט צופאַרטרייבן עמיצן פון מיינע לייט, בכדי ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די באַנדיטן און מערדער.

דורך מאַקאַטאַ קיין אונאַגאַרא.

דער ווייטערדיקער וועג איז געווען זייער אַ שווערער, בפרט, אַז שוי איז קראַנק געוואָרן און איך האָב אַליין געמוזט פירן דעם קאַראַוואַן. מען האָט אַלע ווײַלע געמוזט אַריבערגיין ברייטע קאַנאַוועס און טיפע קאָליקע קוואַלן, אַזוי אַז אין צען שעה צייט האָבן מיר אַדורכגעמאַכט בלויז 10 קילאָמעטער. ווי דורך אַ נס איז בײַ אונדז נישט געווען קיין פיבער, הגם די געגנט מיט אירע נעבלען, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די וועלדער, האָבן שטאַרק מיטגעווירקט צו דערדאָזיקער קראַנקהייט.

אין דער רעגנצייט איז דער מאַקאַטאַ-טײַך, וועלכער האַלט געוויינלעך בלויז 12 מעטער די ברייט, אַרויס פון די ברעגן, און דער דערבײַיִקער טאָל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקן זומפּ פון אַ וואַסערע 50 קילאָמעטער. דער מאַקאַטאַ איז דער הויפּט-צופלוס פונם טײַך וואַמי, וואָס פאַלט-אַרײַן אין ים צווישן די פּאָרטן סאַדאַני און ווינדי.

בעת דעם לאַנגן מאַרש דורך די טיפע זומפּן האָט מען נישט געהערט קיין אַנדער קלאַנג, ווי פּיטש-פּאַטש, פּיטש-פּאַטש. אין דער געגנט פון טײַך רודעוואַ האָבן אונדזערע צרות און שוועריקייטן דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. אויסער די די שטענדיקע איבערגאַנגען איבער די שטראָמען און די שטאַרקסטע רעגנס, האָבן מיר נאָך געליטן פון די סאָלדאַטן,

וואָס האָבן געוואָלט צעגנבענען די סחורות, און פון די אמתע און איינגעבילדעטע קראַנקהייטן און פון שויט נאַכלעסיקייט. געגן דער פוילקייט פון די לאַסטערגערס האָב איך געהאַט איין עצה: מיין בייטש, וואָס האָט געטאַנצט איבער זייערע רייקנס. אָבער געגן די איבריקע צרות און שלעק האָב איך, ליידער, נישט געהאַט קיין שום מיטלען.

דער שלאַקסרעגן, בעת מיר זיינען אַריבער דעם מאַקאַטאַ-טייך, איז געווען דער לעצטער פון דער רעגנצייט. דער ערשטער שלאַקסרעגן איז אַרויסגעפאַלן דעם 23-טן מערץ און דער לעצטער דעם 30-טן אַפּריל, אַזוי, אַז די רעגנצייט האָט געדויערט בסך-הכל 39 טעג מיט הפסקות. רעגנדיקע טעג האָבן מיר באמת געהאַט בלויז 18. מיר זיינען געווען מלא שמחה, וואָס מיר האָבן געפטרט דידאָזיקע שרעקלאַכע צייט און פאַרשפּאָרט יעדן טאָג צו טריקענען די משאות, צו שמירן מיט פעטס די ווערקצייג און אייזערנע סחורות, זיי זאָלן נישט זשאַווערן. ביי דעם אַלעם האָבן מיר דאָך געהאַט פיל פאַרפוילטע און פאַרשימלטע זאַכן. איך האָב פילמאָל באַדויערט, וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן אין דער רעגנצייט, מחמת די אייזלען האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן די נעץ, און אַלע טאָג זיינען אַוועקגעפאַלן אַ צוויי שטיק. די איבערגעבליבענע פינף שטיק האָבן אויסגעזען זייער צרהדיק. חוצדעם, האָבן די סאָלדאַטן און פעגאַזי געליטן אויף פאַרשידענע קראַנקהייטן, און איך אַליין בין שיער נישט געשטאָרבן פון דיזענטעריע. פון דערדאָזיקער קראַנקהייט איז געשטאָרבן איין פעגאַזי און מיין הינטל אָמאַר.

דעם 4-טן מאַי האָבן מיר, ענדלאַך, דערגרייכט דאָס ערשטע דאָרף אין לאַנד אוזאַגאַראַ-רעהענעקאַ מיט טויזנט איינוואוינער. זיין באַרגלופט און די קרישטאָלענע וואַסערן פון זיינע קוואַלן האָט אונז ממש מחיה געווען. מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף פיר טעג. דער ווייטערדיקער מאַרש האָט אונז געפירט איבער בערגלאַך, פון וועלכע מען האָט געקאָנט זען דעם הערלאַכן מאַקאַטאַ-טאָל. טויזנטער פאַלמען האָבן צוגעגעבן אַ

באַזונדערן חן דער פּריינטלאַכער לאַנדשאַפט, וואָס איז געווען איינגעראַמט אין די מעלטיקע בערג פון אוליוגורו און אוזואַ-פּינגאַ. דערנאָך איז געקומען דער חנעוודיקער און רייך באַ-וואַקסענער מוקאַנדאָקו-טאָל. ביי אַ היץ פון 50 גראַד צעלזיוס, זיינען מיר אָנגעקומען אין דאָרף קיאָראַ, וואו עס איז געווען פול שמוץ און ווערים.

דאָ האָב איך געטראָפן מיין דריטן קאַראַוואַן, וועלכער איז געשטערט געוואָרן אין זיין ווייטערדיקן וועג דורך דער קראַנק-הייט פון זיין פירער פאַרקאַר. דערהערט מיין שטים, איז פאַרקאַר אַרויסגעגאַנגען צו מיר פון געצעלט און זיך געוואַקלט אויף די פיס, ווי אַ שכור. ער איז שוין צוויי וואָכן קראַנק געווען און האָט זיך געענדערט נישט צו דערקענען. טויט-בלאַס, מיט אַ געשוואָלן פּנים, גראָבע פיס, ווי ביי אַ העלע-פאַנד, איז ער געווען גאָר נישט דערזעלביקער שיינער מענטש, ווי איך האָב אים געזען אין באַגאָמאַיאָ. דער מאַן האָט געהאַט, אָדער די העלפאַנדיאַזיס, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אין זאַנזיבאַר, אָדער די אַזוי-גערופענע בריטישע קראַנקהייט, וועל-כע קומט פון אַן אויסגעלאַסענעם שטייגער לעבן. קיין שמערצן האָט ער נישט געשפּירט, אָבער ער איז געווען שרעקלאַך נידערגעשלאָגן און נישט קלאָר ביים זינען. ער האָט מיר נישט געקאָנט געבן קיין קלאָרן ענטפער אויף מיינע פראַגן וועגן דעם מצב פון די סחורות און זאַכן, וואָס זיינען אים אָנגע-טרויט געוואָרן. איך האָב געמוזט נאָכזען אַליין יעדן פּאַק סחורה און קאָנטראָלירן זיי לויט מיינע רשימות. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פאַרקאַר האָט געפירט זייער אַ שלעכטע ווירטשאַפט און האָט פאַרברויכט כמעט אַלע זאַפּאַסן. חוצדעם, זיינען 9 אייזלען געפאַלן, און דער לעצטער האָט געהאַלטן אין גסיסה, און אַלץ צוליב דעם, וואָס פאַרקאַר האָט געפּיי-ניקט די אייזלען צום טויט און זיי נישט געלאָזט זיך אָפּטעטעמען,

איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווי צו פאַראיו-ניקן פאַרקאַרס קאַראַוואַן מיט מיינעם און זיך לאָזן ווייטער אין

וועג אריין. נישט ווייט פון דארף מאדעסטע זיינען מיר אריבער דעם טייך מאקאנדאקיא, וועגן וועלכן איך האב געקאנט פעסטשטעלן, אז ער פליסט ארויס פון א בארג, וואס ליגט 65 קילאמעטער ווייט. נאך א ווייטערן מארש פון 11 קילאמעטער האבן מיר דעם 14-טן מאי דערגרייכט די אוגאמבא-אזיערע. אונטערוועגס האב איך פארלוירן נאך צוויי אייזלען און האב געהאט פארשידענע סכסוכים מיט שיען, וועלכער איז צוליב זיין קראנק צושטאנד געווען זייער אויפגערייצט, נערוועזיש און נישט געהארכזאם.

מחמת איך האב ווידער געהאט א דעזערטיר, דעם אינדיער דושאקא, וואס איז אנטלאפן מיט א ביקס, האב איך ארויסגעשיקט מענטשן, מען זאל אים אויפזוכן, און פאר דער צייט האב איך גענוי אויסגעמאסט די אוגאמבא-אזיערע. איצט האלט די דאזיקע אזיערע 5 קילאמעטער די לענג און 3 קילאמעטער די ברייט און איז ארומגערינגלט מיט טיפע זומפן. אמאל אבער איז די דאזיקע אזיערע געווען זייער גרויס, ווי עס לאזט זיך דרינגען פון די ברעג-ליניעס אין די שטיינער און די ארומיגע זאמדשטיין-בערגלאך. דאס איז, משמעות, א רעשטל פון א וואסער-גרונט. א מאסע היפאפאטאמען שפילן זיך ביי די ברעגן פון דער אזיערע. מען זעט דא אבער אויך פיל אנדערע חיות, ווי בופלאקסן, זעברעס, זשיראפן, ווילדע חזירים און אנטילאפן. די אויבערפלאך פון דער אזיערע האט געווימלט מיט פלערליי וואסער-עופות, ווי: שווארצע שוואנען, קאטשקעס, קראניכן און פעליקאנען. אין דער לופט האבן געשוועבט פישאדלערס און האביכטן. צווישן די רערביימלאך האבן געקוואקעט פערלהינער און געווארקעט טויבן.

אויף אַ האָר פון טויט.

דעם אַנטלאָפענעם דזשאַקאָ האָט מען אָפּגעזוכט און געבראַכט צו מיר. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז געווען מיד און געבליבן הינטערשטעליק. איך האָב פאַראָרדנט, מען זאָל אים אַריינעמען אין דער באַנדע דעזערטירן, וואָס זיינען געגאַנגען געשמידט אין קייטן. מער עגמת-נפש און אַרבעט האָט מיר פאַרשאַפט דער קראַנקער פּאַרקאַר, וואָס זיין איינציקע אַרבעט איז איצט געווען צו פייניקן ביזן טויט די לעצטע איינלען. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער עצה, ווי איבערצולאָזן אים פאַר אַ באַלוינונג ביי אַ זיכערן שייך, ביז מיין צוריקקער. פּאַרקאַר האָט דערויף איינגעשטימט, און אין אַ פּאָר טאָג אַרום האָב איך אים צוזאַמען מיט דזשאַקאָ, אַלס דינער, איבערגעגעבן אַ באַקאַנטן שייך אין אַ דאָרף.

מיט שויען האָב איך געהאַט אַ מערקווירדיקן פאַל. איינמאָל האָט ער מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך גיב אים שלעכט עסן און לאָז אים גיין צופוס, בעת פּאַרקאַר רייט תמיד אויף אַן אייזל. דער טאָן איז געווען זייער אַ האַמעטנער. האָב איך אים מכבד געווען מיט אַ פּאָר קלעפּ און ער האָט מיר געקינדיקט זיין שטעלע. דאָסמאָל האָב איך אָנגענומען זיין קינדיקונג און געהייסן מיינע לייט, זיי זאָלן אים אָפּפירן 500 טריט פון לאַגער און דאָרט איבערלאָזן אַליין מיט זיין געפּעק. אין אַ קורצער

ווײלע אַרום איז ער צוריקגעקומען: חרטה האָט ער. ער וויל בלייבן צוריק אויף דער שטעלע און דערבײַ האָט ער געבעטן, איך זאָל אים מוחל-זײַן. איך האָב אים אויסגעשטרעקט די האַנט און שלום געוואָרן מיט אים.

אין אָיונט, ווען איך האָב געהאַלטן בײַ אײַנשלאָפן, האָב איך דערהערט אַ שאָס: אַ קויל איז אַריבער־געלאָפן איבער מײַן קער־פּער דורך מײַן געצעלט. איך בין אַרויסגעלאָפן און געפרעגט די איבערגעשראָקענע מענטשן, ווער האָט דאָ געשאָסן.

איינער האָט געזאָגט: „באַנאַ מדאָגאָ" (קליינער הער), ווי זיי פלעגן רופן שויען.

איך בין אַרײַן אין שויס געצעלט

—שוי, דאָס האָט איר געשאָסן?

שווייגט ער און מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער שלאָפט.

—שוי, שוי, זאָגט, דאָס האָט איר אויסגעשאָסן פון ביקס?

—וואָס, וואָס?—פרעגט ער, אויפשפרינגנדיק פון אָרט,—איך? איך שיסן? איך האָב געשלאָפן.

זײַן ביקס איז געלעגן נעבן אים. איך האָב אַרײַנגעשטעקט מײַן קליינעם פינגער אין דער רער פונם ביקס. די רער איז גע-ווען וואַרעם און מײַן פינגער איז אָפּגעשוואַרצט געוואָרן פון אויסגעברענטן פּולווער.

—וואָס באַדײַט עס?—האָב איך אים אַ שאָקל געטאָן.—דער ביקס איז וואַרעם און די לײַט זאָגן, אַז איר האָט אויסגעשאָסן.

—יאָ, יאָ,—האָט ער געענטפערט.—איצט דערמאָן איך זיך. עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז עס גייט אַ גנב, האָב איך אויס-געשאָסן. אָבער וואָס איז געשען?

—גאָרנישט,—האָב איך געזאָגט,—אָבער איך ראָט אײַך נאָכאַמאָל נישט צו שיסן אין מײַן געצעלט. איר האָט מיך געקאָנט פאַר-וואונדן און דערמאָלט וואָלט איר זיך זייער מאוס באַצאָלט. אַ גוטע נאַכט!

מיר האָבן צו לע געהאַט אַ השד, אָבער איך האָב קיינעם אַ וואָרט

בישט געזאָגט וועגן דעם, ביז איך האָב מיך באַגעגנט מיט ליווינגסטאָנען. דער דאָקטער האָט אויסגעדריקט זיין חשד דורך דידאָזיקע ווערטער: „ער האָט אייך געוואָלט דערהרגענען."

דעם 16טן מאַי זיינען מיר געגאַנגען איבער אַ פּלאַלאַנד אין דער צפון-מערבדיקער ריכטונג ביזן געבירג פון מפּאַפּוּאַ. נאָך אַ קורצן אָפּרו אין מאַטאַמאָמבאַ האָבן מיר, נאָך אַ מאַרש פון 24 קילאָמעטער, דערגרייכט אויף מאָרגן מפּאַפּוּאַ. דאָ האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט שייך טאַני, און, אויסגעמאַטערט פון לאַנגן וועג, האָבן מיר געוואָלט זיך לאָזן אַ ביסל וואוילגיין. שייך טאַני האָט מיר אויך אַזוי געראַטן מיט די ווערטער: „לאָזט אָפּרוען אייערע אויסגעמאַטערטע מענטשן און פאַרשאַפט זיך, וואָס מער פּעגאַויס, פאַרזאָרגט זיך מיט פרישן מילך, קאַרטאָפל, פליש, פּוטער, האָניק, באָבעס, מטאַמאַ און ניס, און דעמאָלט וועלן מיר מיט גאָטס הילף, צוזאַמען זיך לאָזן אין וועג אַריין קיין אוגאַגאַ."
דידאָזיקע עצה האָט געשטימט מיט מיין אייגענעם וואונטש און איך בין תיכף מרוצה געוואָרן דערויף. דעמזעלביקן טאָג אין אָוונט, האָב איך איינגעשריבן אין מיין טאָגבוך: „גאָט צו דאַנקען, נאָך 57 טעג, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט בלויז פון צמטאַמעבריי און האַרטן ציגנפליש, האָב איך מיט פאַרגעניגן געגעסן אַן אמתן פרישטיק און אַ רעכטן מיטאָג!"
כדי בעסער צו באַטראַכטן דידאָזיקע הערלעכע געגנט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך קוואַלן, גומיביימער און סיקאָמאָרן, בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אַ באַרג און געוואָרפן אַ בליק אויף דעם אַרומיקן שטח. מיין אויג האָט אַרומגעכאַפּט בערג און טאָלן אויף אַ שטח פון הונדערטער קילאָמעטער. פון באַרג זאוגאָמבאָ ביזן ווייטן אוגאָגאָ און פון רובעהאָ און אוגאָגאָ ביז צו די פּאַשעס פון ווילדן שבט וואַהומאַ, האָב איך געזען דזשונגלען און וויסטע שטרעקן. אין דער נאָענט אָבער זיינען געלעגן פעלדער פון נעגערהירזש און מאַיס. בײַם פוס פון די בערג מפּאַפּוּאַ האָבן זיך געפּאַשעט בהמות, וואָס האָבן באַ-

לעבט די לאַנדשאַפט. איך האָב שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ בילד.

באַזונדערס שיין און חנעוודיק איז די געדיכטע באַרג־גרופּע צו צפון פון רובעהאָ. דאָס איז די היים פון די ווינטן. זיי פליען־אַרויס פון די גלייכע בערג־שפּיצים, צעוואַקסן זיך אין דער ברייט, פליען אַריבער דעם טאָל פון מאַרענגאַ־מקאַלי און רייסן זיך אַריין אין אוגאָגאָ און אוניאַמוועזי. דאָס איז אויך די היים פון טוי; פונדאַנען גיסן זיך אַרויס קלאָרע קוואַלן, וואָס שלענגלען זיך אין די וואַלדטאָלן און באַוואַסערן די רייכע געגנט פון מפּאַפּוואַ. דאָ, אויף דידאָזיקע שיינע בערג, ווערט פריילאַך אויף דער נשמה און מען פילט זיך קרעפטיקער און פרייער, אַרומכאַפּנדיק מיטן בליק די פאַרשידנאַרטיקע לאַנדשאַפט, וואָס ליגט אונטן, ביים פוס פונעם באַרג.

דריי טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין מפּאַפּוואַ, וואָס האָט, איבעריגנס, געהאַט אויך זיינע חסרונות. דאָ זיינען געווען מאַס ווערים און ווייסע מוראַשקעס, וואָס זיינען אומעטום געקראָכן און אַלץ געפרעסן. איך האָב באַשלאָסן, מיר זאָלן זיך תיכף לאָזן אין וועג אַריין קיין מאַרענגאַ־מקאַלי.

ביי די סולטאַנען פון וואַ:אַגאַ.

ווי מען האָט אָפּגערעדט, האָבן מיינע קאַראַוואַנען זיך גע־טראָפן דעם 22טן מאַי אין דאָרף טשוניאָ מ׳ט די קאַראַוואַ־נען פון די אַראַבישע סוחרים—שייך טאַני און שייך האַמעד, כדי צוזאַמען צו גיין דורכן טאָל מאַרענגאַ־מקאַלי קיין אוגאַגאַ. צוזאַמען האָבן מיר געבילדעט אַ היבשן קאַראַוואַן פון 400 מאַן.

מאַרענגאַ־מקאַלי הייסט אויפן נעגערישן לשון „ביטער וואַסער,״ און דערדאָזיקער נאָמען פּאַסט טאַקי זייער גוט. דאָס ביטערע וואַסער איז שעדלאַך בלויז פאַר פי און נישט פאַר מענטשן. מיר האָבן נישט געוואוסט, אַז דאָס וואַסער איז זייער שעדלאַך און איך האָב עס געגעבן מיינע אייזלען צו טרינקען. פינף אייזלען זיינען טאַקי באַלד אָפּגעפאַלן.

דער מאַרש פון טשוניאָ ביז אוגאָגאָ דורך מאַרענגאַ־מקאַלי איז געווען זייער שווער, ווייל אויפן גאַנצן וועג—50 קילאָמעטער—איז גישט געווען קיין טראָפּן וואַסער. מען האָט דעריבער גע־מוזט גיין אָן אויפהער און 17 שעה כסדר נישט טרינקען, ווייל אַזאַ גרויסער קאַראַוואַן, ווי אונזערער, האָט נישט געקאָנט דורכ־גיין מער, ווי צוויי־דרייפערטל קילאָמעטער אַ שעה. פאַר מיר איז די נסיעה געווען באַזונדערס שווער, ווייל איך האָב גע־כאַפּט אַ געפערלאַכן פיבער, וואָס איז ערשט אָפּגעטרעטן ביי־

נאַכט. צוליב מיין קראַנקהייט האָט זיך מיר גאָרנישט געגלוסט
צו קוקן אויף די אַפֿריקאַנישע חדושים, אויף די זעברעס, זשי-
ראַפֿן און אַנטילאָפּן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן פֿון אַלע זייטן.

8 אַ זייגער אינדערפֿרי האָבן מיר שוין געהאַט געפּטרט דעם
מדבר פֿון מאַרענגאַ-מקאַלי און דערגרייכט אוגאַנדאַ מיט זיינע
פֿעלדער. די זאַנגען אויף די פֿעלדער זיינען געווען אַזוי הויך,
אַז זיי האָבן אַלץ פֿאַרשטעלט אַרום און אַרום. עס האָבן זיך
אַרויסגעזען בלויז עטלעכע ווייטע בערג, נישט ווייט פֿון מוואַנ-
מי, וואו עס לעבט דער גרויסער סולטאַן, דער ראש פֿון שטאַם,
וועמען מען דאַרף צאָלן מס. די לאַנדשאַפֿט פֿון אוגאַנדאַ באַ-
קומט אַן אייגנאַרטיק אויסזען דורך די טעלזן, וואָס ליגן צע-
וואָרפֿן אין טאָל און וואָס האַלטן 20 מעטער די הויך און דורך
די ברייטע, גרויסע באַאָבאַבביימער. דעם באַאָבאַב לעבט זיך
דאָ זייער גוט, ווייל עס פֿעלן דאָ גרויסע העק אויף אויסצו-
האַקן אַזעלכע ריזן. אין זיינע פּירות געפֿינט זיך אַזאַ מעל,
וואָס איז נאַרהאַפֿט און קאָן דינען אָנשטאָט ברויט, ווען עס
איז עפּיס בעסערס נישטאָ.
פֿון ערשטן דאָרף אין אוגאַנדאַ ביז מוואַנזי האָבן אונזער קאַ-
ראַוואַן באַגלייט מחנות שוואַרצע, וועלכע זיינען באַשטאַנען פֿון
נאַקעטע מאַנסלייט, פֿרויען און קינדער. אַלע האָבן זיך גע-
שטופּט, ווייל זיי האָבן געוואָלט זען דעם מזונגו באַנאַ, וואָס
האָט זיי אויסגעזען אַזוי משונה און טשיקאַווע, ווי ביי אונז
אַ מאַלפּע. גלאָצן מיט די אויגן אין בעת-מעשה שווייגן מיט
דרך-ארץ—דאָס איז אַזאַ ענין, וואָס איז גאַנץ פֿרעמד אין או-
גאַנדאַ. ווען איינער פֿון מיינע סאָלדאַטן האָט געבעטן דעם עולם,
מען זאָל אַזוי נישט פּילדערן, האָט מען אים געהייסן שווייגן,
ווייל אַזוי רעדט מען נישט מיט די וואַגאַנדאַ. איבעריגנס, האָט
מיך ווידעראַמאָל אַרומגעכאַפּט דער פֿיבער אַזוי שטאַרק, אַז איך
האָב אַ געווויסע צייט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אַרום
מיר.

עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ לעבעדיקע טוישהאַנדל מיט די איינגעבוירענע פֿונם דאָזיקן רייכן לאַנד. מען האָט אונז געבראַכט פֿון אַלע זייטן: מילך, האָניק, באָבעס, בטאַטעס, מאַאיס, אַרבוזן, דיניעס, אוגערקעס, פֿאַר וועלכע מיר האָבן געצאָלט מיט שטאָפֿן און פּאַטשערקעס.

דער אַנדערער טאָג איז געווען באַשטימט פֿאַר אונטערהאַנדלונגען מיטן סולטאַן פֿון מוואַומי וועגן דער צאָלונג פֿון מס. ניט צאָלן דעם מס, וואָלט געהייסן—אָנהויבן אַ קריג מיטן סולטאַן. שייך טאַני האָט גענומען אויף זיך דידאָזיקע וויכטיקע אָנגעלעגנהייט און האָט געשיקט צום סולטאַן צוויי שקלאַפֿן, וועלכע האָבן זיך זייער געפּאַסט אין אַזוי ענינים. הגם די שקלאַפֿן האָבן זייער גוט געפֿירט זייער זאַך, דאָך האָט לאַנג געדויערט, ביז דער סולטאַן האָט זיך צופֿרידנגעשטעלט. דריימאָל האָבן זיי געמוזט גיין אַהין און צוריק אַלעמאָל מיט גרעסערע פּעקלאַך סחורה און נאָך אַ לאַנגן דינגען זיך, איז מען לסוף דורכגעקומען אויף 200 מעטער שטאָף און 10 האַלזבענדער פֿון שוואַרצע פּאַטשערקעס אויף אַ סומע פֿון 50 דאָלאַר.

ווען מיר זיינען ווייטער געגאַנגען דורכן רייכן און געדיכטבאַזעצטן לאַנד, באַגלייט אומעטום פֿון נייגעריקע בליקן, האָב איך מיך אויפֿגעהערט צו חדושן אויף דעם גרויסן מס, וואָס מען האָט ביי אונז אויסגעפּרעסט. אין אמתן האָבן די וואַגאָגאָס געדאַרפֿט בלויז אויסשטרעקן זייערע הענט, צוצונעמען אונזער גאַנץ האָב און גוטס און מיר וואָלטן זיך גאָרנישט געקאָנט ווערן געגן אַזאַ עם-רב. וויסנדיק זייער קראַפֿט, האָבן די שוואַרצע אָבער קיין שום בייז אונז ניט געטאָן, און זיינען געווען גענוג קלוג, כדי צו באַגרייפֿן, אַז עס לוינט בעסער צו נעמען שטענדיק אַ מס פֿון די פֿאַרבייפֿאָרער און קאַראַוואַנען, איידער צו באַרויבן זיי אויף איינמאָל.

דער סולטאַן פֿון דער נאָענטסטער סטאַציע מאַטאַמבורו, וועלכער האָט געוועלטיקט איבער 40 דערפֿער, איז געווען ווייניקער גייציק און זיך באַנוגנט מיט 8 דאָטי אָדער 30 מעטער

טור. דער סולטאַן פון בּיהאַוואַנאַ, וואוהין מיר זיינען אָנגעקומען בּיי אַ בּרענענדיק'ר היץ נאָך אַ באַשווערליכן מאַרש איבּער בּערג און וועלדער פון גומי־און דאָרן־קשאַקעס, האָט זיך צופרידנגעשטעלט אַפילו מיט 11 מעטער טוך. פון אָט דעם קעניג האָב איך דערהאַלטן אַ ידיעה וועגן מיין פערטן קאַראַוואַן, אַז ער האָט דורכגעמאַכט אַ קאַמף מיט צו באַנדע רוצחים, וואָס זיינען אים באַפאַלן.

אין די לעצטע טעג פון חודש מאַי זיינען מיר געגאַנגען איבּער קידידימאָ קיין ניאַמבּואַ, די מלוכה פון סולטאַן פּעמבּעראַ פּערע. דער מעלאַנכאָליקסטער פון אַלע הערשער און אוגאָגאָ. די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבּן מאַרשירט איבּער דעמדאָזיקן לאַנד, האָב איך געליטן פון וועקסלפיבּער.

די געגנט צווישן קידידימאָ און ניאַמבּואַ איז באַדעקט מיט וועלדער און דזשונגלען, וואו ס'האַלטן זיך אויף פיל העלפאַנדן, זעבּרעס, הירשן, אַנטילאָפּן און זשיראַפן. צולעצט האָבּן מיר אויפן וועג נישט געפונען קיין וואַסער, אַזוי, אַז איין פּעגאַזי איז געפאַלן טויט פון דורשט.

אין ניאַמבּואַ האָבּן מיר געטרונקען אויסגעצייכנט וואַסער מיט דער תאווה פון דורשטיקע קעמלען. אויך דאָ האָבּן אונז שטאַרק דאַקוטשעט די נייגיריקע וואַגאַנאָס, וואָס זיינען אונז נאָכגעלאָפן און געטייטלט אויף אונז, ווי אויף משוגעים. איך האָב מיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און מכבד געווען איינעם פון זיי, וואָס האָבּן אַמייסטנס געפּילדערט, מיט אַ היפּשע פּאָרציע שמיץ. האָבּן זיי זיך שטאַרק באַליידיקט און זיך אָנגעהויבּן זידלען און שרייען, אַז זיי זיינען פריי מענטשן, נישט קיין שקלאַפן, און מיר טאָרן זיך נישט דערוועגן אויפצוהויבּן אויף זיי אַ בּייטש, ווייל מיר וועלן האָבּן אַ כאַוסן פּסק. אָבּער באַריטערס, ווי מען זאָגט, איז גוט צו שמייסן, און בּעת מיר האָבּן זיי ווידער געוויזן די בּייטש, האָבּן זיי העגדום־פּעגדום געמאַכט ויבּרח.

פּעמבּעראַ פּערע, אַן אויסגעוויינלאַך שמוציקער זקן, האָט גע-

שפּט אין דער גאַנצער געגנט פֿאַר אַ קלוגן ריכטער. שייך האַמעד, וועלכער איז געווען זייער אַ קאַרגער און יעדער מעטער סחורה, וואָס ער האָט געמוזט אָפּגעגעבן, האָט אים ממש געקאָסט געזונט, וועט האָבן לאַנג צו געדיינקען פֿעמבעראַ פֿערע. בלויז דערפֿאַר, וואָס צוויי אייזלען האָבן זיך געפּאַשעט אויפֿן סולמאַנס לאָנקע, האָט האַמעד געמוזט באַצאָלן 33 מעטער סחורה. פֿעמבעראַ פֿערע איז געווען שפּור, און אָנשטאָט אים, האָט מיט אונז געפֿירט די אונטערהאַנדלונגען זיין רעכטע האַנט.

ער איז גלייכצייטיק געווען פּרעמיער-מיניסטער, יועץ און תּלין, און ער האָט פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון זיין באַלעבאָס מיט דער גרעסטער עקשנות. דער דורכמאַרש איבער זיין טעריטאָריע האָט אונז אַלעמען געקאָסט 190 מעטער שטאָף.

די טעריטאָריע פֿון פֿעמבעראַ פֿערע גרענעצט זיך מיט אַ גרויסן זאַלץ-פּלאַכלאַנד פֿון 250 קוואַדראַטקילאָמעטער, וואָס אַ טייל דערפֿון האָבן מיר געמוזט דורכגיין. אויף דער נאָענטסטער סטאַציע, אין מיאַנזאַ, וואָס ליגט צווישן אַ פּאַלמען-וועלדל, איז, ענדלאַך, אָפּגעטרעטן פֿון מיר דער פֿיבער נאָכדעם, ווי איך האָב איינגענומען געוואַלטיקע דאָזעס כינין. אַרויס פֿונם פֿיבער, האָב איך שוין געקאָנט אויפֿנעמען דעם דאָרטיקן סולטאַן, וועלכער איז נאָך פֿעמבעראַ פֿערע געווען דער מעכטיקסטער הערשער אין אוגאָגאָ.

בעת מען האָט אויפֿגעמאַכט פֿאַרן סולטאַן די טיר פֿון מיין געצעלט, ער זאָל קאָנען אַריינגיין, איז ער געוואָרן אַזוי איבערראַשט פֿונם הויכן געצעלט און זיין אינעווייניקסטער איינריכטונג, אַז פֿון גרויס צערודערונג איז אים אַראָפּגעפֿאַלן דער טוך, וואָס האָט אים צוגעדעקט זיין נאַקעטקייט. זיין זון, אַ יינגל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, וועלכער האָט אים באַגלייט, האָט, ווי אַמאָל שם ויפת מיט נחן, געכאַפּט און תּיכף צוגעדעקט זיין פֿאָטער. דער סולטאַן האָט זיך אָפּגעזעצט און גענומען גלאָצן

מיט די אייגן אויפן געצעלט. צוערשט האָט ער געגאַפּט אויף די שטיינערנע בלים און בילער, וואָס זייגען געלעגן אויפן טיש, און דערנאָך האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויפן האַמאַק, וואָס האָט אים אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט היינגען אין דער לופטן דורך אַ כישוף, און אויף מיינע קליידער. באַקוקט אַלץ, ווי געהעריק, האָט ער אויסגערופן: „הײלע! דערדאָזיקער מוסונגו איז אַ מעכטיקער סולטאַן!“ דערנאָך האָט ער ווידער געשטוינט אויף מיין בלאַסער הויטפאַרב, מיינע גלייך-געקעמטע האָר, און דערביי אַ פרעג-געטאָן: „פאַרוואָס ביזטו ווייס? מיינע לייט זייגען פאַרברענט און פאַרשוואַרצט פון דער זון!“ איך האָב אים דאַן געוויזן מיין קאָרקענעם הוט, וועלכן ער האָט באַלד אַרויפגעזעצט אויף זיין געקרויזטן קאָפּ. דערנאָך האָב איך אים געוויזן מיין רעפּעטיר-געווער און אויסגעשאָסן אַ מאָל דרייצען נאָכאַנאַנד. האָט ער ווידעראַמאָל אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און געזאָגט, אַז אין קריג וועלן די וואַגאָגאָס נישט קאָנען ביישטיין בעגן די מוסונגו מיט זייער שיסגעווער. אַנטציקט פון מיין חכמה און עשירות, האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט מיר שיקן במתנה אַ קי אָדער אַ ציג און וועט זיין מיין ברודער. איך האָב אים געדאַנקט פאַרן כבוד און צוגעזאָגט אָנצונעמען אַלצדינג, וואָס ער וועט מיר שיקן. לויט דער עצה פון שייך טאַני, וואָס איז געווען דער דאָלמעטשער צווישן מיר און סולטאַן, און וועלכער האָט מיר באַמערקט, אַז מען דאַרף נישט אָפּלאָזן דעם סולטאַן מיט ליידיקע הענט, האָב איך אים געגעבן 10 מעטער לייוונט. נאָכדעם, ווי ער האָט עס גוט באַקוקט, באַטאַפּט און אויסגעמאָסטן מיט דער האַנט, האָט ער עס מיר אָפּגעגעבן צוריק מיט די ווערטער, אַז פאַר אַזאַ מעכטיקן סולטאַן, ווי איך, פּאַסט נישט צו געבן אַזאַ קליינע מתנה. איך האָב אים צוגעלייגט נאָך אַ מעטער.

נאָך זיין אָוועקגיין האָט ער מיר אַריינגעשיקט אַ גרויסן שיינעם שעפּס מיט דער באַמערקונג, אַז איך בין איצט זיין ברודער און אַז איך מוז אים שיקן דריי דאָטי פיינעם טוך.

מחמת דער ווערט פון שעפּס איז געווען בלויז אָנדערטהאַלבן דאָטי, האָב איך אים מוחל געווען דעם שעפּס מיט דער ברו-דערשאַפט און געזאָגט, אַז קיים האָב איך אים באַצאָלט דעם מס און געגעבן אַ מתנה, קאָן איך מער נישט געבן קיין שאָף אומזיסט.

דעם 4-טן יוני האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, אין דער ריכטונג פון צפון-מערב. מיר זיינען פאַרבייגעגאַנ-גען מערערע געוואַלצענע טייכן און קליינע בערגלאַך, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט אוגאָגאָ פון אויסאַני. אין איינעם פון די דער-פער, וואָס מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיר באַגעגנט פאַסטוכער פון וואַהומאַ און וואַהעהע-שטאַמען, וועלכע געהערן צו די שענסטע אַפריקאַנער, וואָס מיר האָבן ביז איצט געזען. די וואַהומאַ-לייט זיינען זייער שיין. זיי האָבן נישט קיין דיקע ליפּן און אַ פלאַטשיקע נאָז, ווי אַנדערע נעגער; פאַרקערט, זייער מויל איז גלייך און שיין געשניטן און די נאָז איז פון אַן עכט גריכישער פאָרם. זיי האָבן אויך שלאַנקע פיס, ווי ביי די אַנטילאָפּן. די פרויען זייערע זיינען אַזוי שיין, ווי די מענער. די וואַהומאַ קאָן מען, לויט זייער גע-שטאַלט, אָנרופן די גריכן און די וואַהעהע—די רוימער פון אַפריקע.

אין פיר שעה אַרום זיינען מיר געווען אין דעם געדיכט באַ-זעצטן עקסטן טייל פון אוגאָגאָ, אין מוקאָנדאָקו, וואָס זיין סולטאַן איז געווען סוואַרורו, וועלכער האָט געהערשט איבער 36 דערפער. דאָ האָבן אונז אויך שטאַרק דאָקוטשעט די וואַגאָגאָס מיט זייער געפּילדער און טייטלען מיט די פינ-גער, ביז איינער פון זייערע אָנפירערס האָט זיי אויסגעמוסרט און אָנגעוויזן דערויף, אַז די מוסינגוס קומען נישט, ווי די מאַ-קואַנגאָ-אַראַבער—צו האַנדלען מיט העלפאַנדביין, נאָר אונז צו זען און צו ברייגען מתנות. און דעריבער, דאַרף מען זיי גוט באַהאַנדלען. די וואַגאָגאָס האָבן אים געפאָלגט און זיי-נען באַלד אָפּגעטרעטן.

ווייניקער העפלעך איז געווען ס ו אַ ר ו ר ו גופא. טויט-שטור, איז ער אויף דעם שייך טאַניס מוסר-ווערטער, אַרויסגעפאָרן מיט דעמדאָזיקן ענטפער: „וואָס ווילסטו, גנבֿ! די ביזט געקומען אויסנאַרן ביי מיר העלפאַנדביין און עסנוואַרג? טראָג זיך אָפּ געשווינט!"

אויף יענער זייט פון מ ו ק אָ נ ד אָ ק אַ האָבן מיר באַדאַרפט צאָלן מס נאָך איין סולטאַן. דאָס איז געווען דער סולטאַן פון ק י ו ו י ע, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ שלעכטן שם אומעטום, אַז די קאַראַוואַנען פלעגן אים מייסטנס אויסמיידן און ליבערשט געמאַכט אַ גרויסן שווערן אומוועג דורכן מדבר. די פּעגאַזיס, וועלכע האָבן זיך נישט געקימערט וועגן אונזערע גרויסע אָפּ-צאָלונגען, און אין פאַל פון אַ פיינטלאַכן אָנגריף זיינען זיי געווען מוכן ומזומן צו מאַכן פּליטה, האָבן, נאַטירלעך, געוואָלט גיין איבערן נענטערן וועג—איבער קיוויע. נאָך אַ ישוב-הדעת מיט שייך טאַני און האַמעד וועגן דעם וועג קיין אוניאַנזי, האָבן מיר באַשלאָסן אויסצומיידן ק י ו ו י ע און צו גיין מיטן ווייטערן אין באַשווערלאַכן וועג. באַלד אין אָנהויב האָב איך אָבער באַמערקט, אַז נישט-געקוקט אויף אונזער באַפעל, האָבן די פּעגאַזיס זיך געפּרובט צו גיין קיין ק י ו ו י ע דורך זייטיקע וועגן. איך האָב זיי באַלד צוזאַמענגערופן און דערקלערט, אַז אַ מ ו ס ו נ ג ו ענדערט קיינמאָל נישט זיין באַשלוס, און דער ערשטער בעסטער פּעגאַזי, וואָס וועט נישט פאָלגן, וועט דער-שאָסן ווערן. דאָס האָט זייער גוט געווירקט.

דער וועג איז ווירקלעך געווען אַ שווערער, באַרג-צרויף. דער-צו האָט מען געהערט פון דערווייטן אַ שיסעריי אין וואַלד, וואָס ס'האָט פאַרגרעסערט די אומרויִקייט און שרעק פון די פּעגאַזיס. ווען איך וואָלט נישט געגאַנגען האַרט הינטער מיין קאַראַוואַן און געהיט יעדע באַוועגונג פון די פּעגאַזיס, וואָלטן זיי זיך געוויס צולאָפן ביז איינעם.

בעת מיר זיינען אָנגעקומען קיין מ ו נ י ע ק אַ—די גרענעץ פון א ו נ י אַ נ ז י—האָט זיך די שטימונג פיל פאַרבעסערט. א ו ג אָ ג אָ,

וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַ לאַנד פון מילך און האָניק, האָט אונז שטאַרק אַנטוישט, און מיר זיינען געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן עס שוין געהאַט הינטער זיך. דאָס איז געווען אַ לאַנד, וואו אויף יעדן טריט און שריט זיינען מיר געווען אין גרויס סכנה, באַפאַלן אָדער אויפגעפרעסן צו ווערן פון די ווילדע און שוואַרצע סאַלדאַטן. וואָלט עס אונז אויסגעפאַלן צוגיין אין אַ ווילדער געגנט, וואָלטן מיר געווען זייער צופרידן, מחמת אין אַפריקע איז זייער אָפט בעסער צו האָבן צו טאָן מיט אַ מדבר, איידער מיט מענטשן.

דער מאַרש קײן טאַבאָראַ.

צו מיטאָג האָבן מיר זיך ווידעראַמאָל געלאָזט אין וועג אַרײַן. די וואַניאַמוועזי, וואָס מיר האָבן באַגעגנט, האָבן געהוליעט און געזונגען, די סאָלדאַטן אין פּעגאַזיס האָבן זיי אונטערגעהאָלפן און דער גאַנצער וואַלד האָט פאַרהילכט פון זייערע געזאַנגען.

נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, נאָכדעם ווי מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ מאַרש פון 32 קילאָמעטער איבער אַ פעלזיקער באַרגגעגנט. אָבער שוין איינס אַ זייגער בײַנאַכט האָט האַמעד געגעבן אַ סיגנאַל, מען זאָל זיך אויפהויבן פון די ערטער און גיין ווייטער. דער שייך האָט אונז אונטערוועגס שוין פילמאָל באַוויזן, אַז ער איז אַ מענטש אַ בערוויאַישער אין צעשרויפטער, האָבן מיר תחילת נישט געהאַט קיין חשק אים נאָכצופאָלגן. דערנאָך אָבער האָבן מיר זיך איבערגערעכנט: מסתמא האָט ער געהאַט אַ טעם דערבײַ, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן אין אַזאַ אומגעווײנלעכער צײַט און מיר ווײַנען אויך אַוועק מיט אים.

עס איז געפאַלן אַ שווערער טוי און אַ קעלט האָט אַדורכגענומען אַלע איברים. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ הייך פון 4500 פוס איבער דער ים-אויבערפלאַך. די כמעט נאַקעטע פעגאַזיס זײַנען געגאַנגען שנעל, כדי זיך צו דערוואַרימען, און

האָבן זיך דערבײַ צוקאַליעטשעט די פֿיס אָן די דערנער און אַרויסשטאַרצנדיקע וואָרצלען, און זײַנען געשטרויכלט געוואָרן איבער די שטיינער. דרײַ אַ זייגער אינדערפֿרי זײַנען מיר אָנגעקומען אין דאָרף אוניאַמבאַגי, וואו מיר זײַנען מיד און צעבראָכן אַנידערגעפֿאַלן, כּדי אויסצורוען זיך און צו שלאָפֿן. בעת מיר זײַנען אויפֿגעשטאַנען, האָט האַמעד שוין געהאַט אָפּגעמאַרשירט מיט צוויי שעה פֿריער. דאָסדאָזיקע אײַלעניש איז געווען נאָכמער אומפֿאַרשטענדלאַך צוליב דעם, וואָס מען האָט דאָ געקאָנט קריגן עסנוואַרג גענוג און ביליק.

דעם 10טן יוני האָבן מיר דערגרייכט קיטי, וואו שיין האַמעד האָט גערוט אין זייער אַ שלעכטער שטימונג. עס האָט אים געטראָפֿן אַן אומגליק: זײַן געליבטע שקלאַפֿין איז געשטאָרבן און דרײַ פֿון זײַנע דינער זײַנען אַנטלאָפֿן מיט טײַערע חפֿצים. אין משך פֿון די נאָענטסטע טעג זײַנען מיר איבער מטאַלאַלאַ, וועלעד, נגאַראַזיזאַ און קירורומאַ געגאַנגען קיין קוזורי, דעם לעצטן דאָרף אין מגונדאַ-מקאַלי.

דער ווײַטערדיקער מאַרש איבער נגייאַלאַ, מטאָני און מאַדעדיטאַ, וואו עס זײַנען פֿאַראַן די באַרימטע פֿליגן צע-צע, קיין מורח-טורא, דעם גרעניץ-דאָרף פֿון אוניאַמוועזי, איז געווען זייער באַשווערלאַך. די זון האָט געברענט אומדערבאַרעמלאַך. איין פּאַגאַזי איז אונטערוועגס קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן און האָט זיך אַוועקגעלייגט נעבן וועג, כּדי צו שטאַרבן. מיר האָבן אים מער נישט געזען. דער קאַראַוואַן מוז ציען ווײַטער זײַן וועג און, אָך און ווײַ איז צו דעם, וואָס בלײַבט הינטערשטעליק: אַזאַ איינער מוז שטאַרבן פֿון הונגער, דורשט און קראַנקהייט.

דאָס פֿלאַכלאַנד אוניאַמוועזי האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר אונדז ביזן האָריזאָנט, און ווי ווײַט דאָס אויג האָט געגרייכט, האָבן מיר געזען בלויז פֿעלדער מיט צייטיקן קאָרן, וואָס האָבן פֿרײַלאַך געראַשט אינעם קילן מאָרגנווינט. אין דער אומגעגנט פֿון די דערפֿער האָבן מיר געזען ברייט-בלעטערדיקע באַנאַנעבײַ-

מער און וואָס ווייטער מיר זיינען געגאַנגען, אַלץ מער דער-
פֿער האָבן מיר געזען: הייזלאַך מיט פֿלאַכע דעכער און אָפֿענע
פֿלעצער אינמיטן.

די וואַקימבו, וואָס האָבן געוואוינט אין דידאָזיקע דערפֿער, האָבן,
קענטיק, גאָרנישט געהאַלטן פֿון ערלאַכקייט, און איינער פֿון זיי
האָט באַצאָלט מיטן לעבן. איך האָב דאָ געלאַגערט צוזאַמען
מיטן שייך האַמעד, וועלכן מיר האָבן אָנגעיאָגט. ביינאַכט האָט
זיין שקלאַף, האַסאַן, דערשפּירט עטלאַכע גנבים, וואָס האָבן גע-
וואָלט מאַכן פּליטה מיט אַוועקגעלקחנטן טוך. אַ גוט-געצילטער
שאָס האָט איינעם אַנידערגעלייגט אויפֿן אָרט, זיינע חברים זיי-
נען בליצשנעל אַנטרונען געוואָרן.

דורך פֿעלדער און וועלדער, רייך מיט העלפֿאַנדן, זיינען מיר
געגאַנגען קיין קוואַלאַ-מטאַני אין רובוגאַ. אַ קורצע
צייט פֿאַר אונזער דורכמאַרש, איז אָט די רייכע געגנט באַפֿאַלן
געוואָרן פֿון אַ שכנותדיקן שטאַם. די באַפֿעלקערונג איז אַוועק-
געטריבן געוואָרן קיין צפֿון, די בהמות צוגערויבט, די הייזער
פֿאַרברענט און די פֿעלדער זיינען געבליבן נישט באַאַרבעט און
זיינען פֿאַרוואַקסן געוואָרן פֿון ווילדע גראָז. מיר זיינען גע-
גאַנגען דורך עטלאַכע פֿאַרברענטע דערפֿער, וועלכע זיינען באַ-
שטאַנען פֿון בלויז שוואַרצע קופּעס אַש און פֿאַרברענטן געהילץ.
דאָסזעלביקע בילד האָט אייך פֿאָרגעשטעלט קוגחאַ, פֿינף שעה
גאַנג ווייטער.

פֿון טאַבאָראַ, דער גרעסטער אַראַבישער שטאָט אין צענטראַל-
אַפֿריקע, האָט אונז אָפּגעשיידט דאָס לאַנד שיזאַ-קויקורו.
איך האָב באַצייטנס געשיקט סאָלדאַטן צום שייך סאַיד-בן-סאַ-
לים און שייך בן-נאַסיב, ביידע גרעסטע מושלים פֿון אוניאַ-
ניעמבע, אָנצוזאָגן זיי וועגן מיין קומען.

אויף דעם צווייטן טאָג זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען מטאַני,
וואָס שיידט אָפּ קוגוואַ פֿון דער פּראָווינץ אוניאַניעמבע.
נאָך אַ קורצער הפסקה האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג
אַריין. פֿאַר אונז האָט זיך אַנטפּלעקט זייער אַ שיינע לאַנד-

שאַפֿט, וועלכע האָט מעיד געווען אויף דער פֿלייסיקייט און פֿרידלאַכקייט פֿון די איינוואוינער. אַ האַלבע שעה הינטער שי־זאַ האָבן מיר געזען אַ גרויסן פּלאַץ, וואו די אַראַבער האָבן איינגעאָרדנט אַ צענטראַל־מאַגאַזין פֿאַרן האַנדל מיט שאָף. פֿון ווייטן האָט מען געהערט דאָס ברומען פֿון בהמות, דאָס מעקען פֿון ציגן און דידאָזיקע קלאַנגען האָבן צוגעגעבן דעם לאַנד עפּיס אַ גליקלאַך אידיליש אויסזען.

דער סולטאַן פֿון שי־זאַ האָט געוואָלט, אַז מיין אָנקומען קיין אוניאַניעמבע זאָל געפֿייערט ווערן מיט גרויס פּאַראַד, און פּאָמפּע, און האָט מיר געבראַכט צו דעם צוועק אַ גרויסן טאָפּ מיט פּאָמבע, אַ משקה, וואָס האָט געהאַט דעם טעם פֿון געמיינעם ביר און אַ קאָליר פֿון וואַסערדיקן מילך. איך האָב עס אויסגעשיינקט די פּעגאַזי און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דערפֿון שטאַרק הנאה געהאַט. אויף מיין בקשה, האָט מיר דער סולטאַן געבראַכט פֿאַר אַ באַלוינונג אַ שענע פֿעטע קאַלב, וואָס מיר האָבן באַלד געשאָכטן און געמאַכט אַ געזעגנונג־סעודה פֿאַר די סאָלדאַטן און פּעגאַזי, וועלכע האָבן זיך אין טאַבאָראַ געדאַרפֿט שיידן מיט מיר.

קיינער האָט נישט געשלאָפֿן די נאַכט. עס האָט שוין געטאָגט און די פֿאַנאַנדערגעלייגטע פֿייערן האָבן געברענט. שטיקער פֿלייש האָבן זיך געבראָטן, כּדי די פּעגאַזיס זאָלן זיך גוט קאָנען אָנ־פּאַקן, איידער זיי געזעגענען זיך מיטן מוסונג. יעדער סאָל־דאַט און באַוואָפֿנטער פּעגאַזי האָט באַקומען אַ פּאָרציע פּול־ווער, כּדי אויסצושיסן לכּבוד אונזער אָנקומען אין טאַבאָראַ. יעדער פּעגאַזי האָט זיך אויסגעפּוצט די לענדן מיטן בעסטן שטאָף, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, און איניקע האָבן געשטאָל־צירט מיטן פֿיינסטן טוך. די סאָלדאַטן האָבן געטראָגן לאַנגע, ווייסע העמדער, ווי עס איז דער מנהג אין זאַנזיבאַר. עס איז אַלזאָ געקומען דער גרויסער ליכטיקער טאָג, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט אָן אויפֿהער, זינט מיר האָבן פֿאַרלאָזט באַגאַמאָיאָ, און צוליב וועלכן מיר האָבן געמאַכט די גרויסע מאַרשן

הונדערט אַכט און זיבעציק מייל אין 16 טעג.

עס איז געגעבן געוואָרן אַ סיגנאַל, און דער קאַראַוואַן האָט זיך פריילאַך געריהרט מיט פלאַטערדיקע פאָנען, טראָמפּייטן און האָרנשאַלן. פאַר קוויקורו, וואָס ליגט צוויי מייל צו דרום פון טאַבאָראַ, האָבן מיר דערזען אַ מחנה אַראַבער אין ווייסע העמדער. אונזערע ביקסן האָבן אָנגעהויבן צו קנאַלן לכבוד זיי. די פּעגאַזי האָבן זיך צוזאַמענגערוקט אין גלייכע שורות. די סאָלדאַטן האָבן געבלאָזן אין די טראָמפּייטן. איך בין אַרויסגעטרעטן פאָרויס און אויסגעשטרעקט די האַנט פריער דעם שייך סאַאיד בן סאַלים און דערנאָך אייניקע צענדליק אַנדערע אַראַבער. אַזוי זיינען מיר אַריינגעצויגן אין טאַבאָראַ, די הויפּטשטאָט פון אוגיאַניעמבע און די גרעסטע אַראַבישע שטאָט אין צענטראַל-אַפריקע.

אָדם לאַנד.

ווי ס'איז צו זען פון די פריִעדיקע קאַפּיטלען, בין איך געגאַנגען קיין אוגיאַניעמבע איבער צפון-אוזאַראַמאַ, אוזווערע, אוקאַמי, אודאָע, אוזעגוא, אוזאַגאַראַ, אוגאָגאָ און אַזיאַנזי. וועגן אַט דעם וועג קאָן מען זאָגן, אַז דער ערשטער טייל האָט געפירט דורכן קינגאַני-באַסיין, דער צווייטער — דורכן וואַמי-באַסיין, דער דריטער — דורכן וואַמי-באַסיין, דער פערטער — דורכן צפון-טייל פון רואַהאַ-באַסיין, דער פינפטער — צו דער וואַסערשייד פון דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע. איך וויל באַזונדערס אָנווייזן אויף די וואַמי-און רואַהאַ-טייכן, מחמת דער ערשטער שיינט צו זיין שיפבאַר פון זיין התחלה אַן ביים פאָרט ווינדי ביז אַבומי אין אוזאַגאַראַ, ד. ה. אויף אַ שטרעקע פון 300 קילאָמעטער. ווער עס וויל ציוויליזירן אַפריקע אָדער האַנדלען דירעקט מיט אוזאַגאַראַ, אוזעגוהאַ, אוקוטי, אוהעהע און אַרויספירן צוקער, באַוול, אינדיגאָ און קאָרן פון די לענדער, דאַרף צי־ניוולען אַט דעם וועג. אַ מיסיאָנער, וואָס פאָרט קיין אַפריקע, קאָן אין פיר טעג אָנקומען מיט אַ שיף אינם געבירגיקן וואַזאַגאַראַ, וואו ס'וואוינט אַ רוהיק און פאַרנינפטיק פאָלק, צווישן וועלכן ער קאָן לעבן במנוחה, אָן פחד באַרויבט צו ווערן. אויסער אַ ציוויליזירטער

געזעלשאַפט, איז דאָ פאַראַן אַלץ, וואָס אַ מענטש קאָן זיך פאַר-
גלוסטן.
דער אַנדער טייך רואַהאַ איז נאָך ווייניק אויסגעפאָרשט,
אָבער איז יעדנפאַלס וויכטיקער, ווי דער וואַמי-טייך, ווייל
ער איז לייגגער און גיסט אַריין אינם אינדישן אָקעאַן צוויימאָל
אַזויפיל וואַסער.
די פרוכטבאַרקייט איז דאָ אַ זעלטענע. יעדער מין פלאַנץ
איז זעפטיק, גרין און גרויס. די איינפאַכע לאַנגע גראָזן דער-
גרייכן די הויך פון אַ באַמבוס און די ביימער פאַרמאָגן שטאַ-
מען, וואָס זיינען 30 מעטער הויך.
אויך בנוגע דער באַפעלקערונג איז אָפט צו באַמערקן
אַ שטאַרקן אונטערשייד. דער שטאַם וואַזואַהעלי ביים
ברעג-לאַנד איז צו מיינסטן קולטורעל, הגם בלויז אויסערלעך;
ער זעט בעסער אויס און קליידט זיך בעסער, ווי זיינע ברי-
דער אין מיטל-אַפריקע. די ערשטע עכטע באַרבאַרן,
די וואַגווערע, לעבן אין אַ צאָל פון אַ 5000 נפשות צווישן
אוזאַראַמאָ און אודאָע. זיי זיינען על-פי-רוב נישט ערלעך
און נישט דרייסט. ווען זיי וואָלטן, אַ שטייגער, אַלע געווען
פאַראייניקט אונטער איין ראש און נישט געווען צעוואָרפן
איבער כמעט הונדערט דערפער, וואָלטן זיי אַלנפאַלס געביל-
דעט אַ מעכטיקן שטאַם.
נאָך זיי קומען די וואַקאַמי, די רעשטן פון אַ גרויס פאָלק,
וועלכע באַוואוינען די לענדער פון אונגערענגערי-
באַסיין ביזן גרויסן מאַקאַטאַ-טייך. צוליב די אָפטע
מלחמות מיט די וואַ[illegible]אָע און וואַזועגואַ איז דאָס אַמאָליקע
גרויסע פאָלק געוואָרן קליין אין צאָל.
דאָס שכנותדיקע פאָלק, די וואַדאָע, איז שענער אין גע-
בעשטאַלט און פיל אינטעליגענטער. דאָס איז אַ פאָלק, וואָס
פאַרמאָגט פיל אַלטע מסורות און וואָס קעמפט געגן יעדן
שונא, וואָס וויל אים צונעמען אַ שטיקל לאַנד אָדער אַוועק-
רויבן זיין הויזגעזינדס און פי. דער שטאַם האָט אַ סך געליטן
פון זיינע שכנים, די וואַזועגואַ, און שקלאַפנהענדלער, וועל-

כע האָבן געשלאָסן צווישן זיך אַ בונד. נישט איינמאָל האָ
מען אַוועקגעשלעפּט פון זיי זייערע ווייבער און קינדער אָדער
פאַרנומען שטיקער פון זייער לאַנד, אָבער זייערע פיינט האָבן
טייער באַצאָלט פאַר די אָנפאַלן און רויבערייען.
אויך דאָס פאָלק פון די וואַזאַגאַראַ האָבן פיל געליטן פון די
וואַזועגואַ און אַנדערע שטאַמען. זיי זיינען דעריבער געוואוינט
צו קוקן מיט חשד אויף יעדן פרעמדן. אָבער נאָך אַ קורצער
באַקאַנטשאַפט ווייזן זיי זיך אַרויס פאַר אָפנהאַרציקע, בראַווע
און פריינטלאַכע מענטשן.
ווייטער אויף אונזער מאַרשלינייע קומען די וואַגאָגאָ, אַמעכ-
טיקער שטאַם, וועלכער באַוואוינט די געגנט צו מערב פון
אוזאָגאַראַ. דאָ הערט דער ווענמענטש צום ערשטן מאָל
דאָס וואָרט „האָנגאָ,” וואָס באַדייט—מס,־צינש, אָפּצאָל. דעמדאָ-
זיקן „האָנגאָ” מוז מען צאָלן. אויב מען צאָלט נישט מיטן גוטן
ווילן, איז מען איינגעשטעלט מיטן לעבן און פאַרמעגן. די וואַ-
גאָגאָ שטייען סיי פיזיש און סיי גייסטיק העכער פון אַלע
שטאַמען, וואָס וואוינען צווישן אוניאַמוועזי און דעם ים.
אָט דער קרעפטיקער איינגעבוירענער, מיט דער טונקעלער הויט-
פאַרב, לייבנשטערן און דראָענדיקער האַלטונג, וואָס מאַכט אויפן
ערשטן קוק דעם איינדרוק פון אַ ווילדן, אומגעצוימטן מענטשן,
איז אינדערעמתן אַ שטיל קינד, ווען מען דערקאָנט אים נענ-
טער, און מען קאָן אים לייכט אַרומפירן ביי דער נאָז. צו-
געוואוינט פון דער פריעסטער יוגנט צום געברויך פון כלי-זין, איז
דער וואַגאָגאַ תמיד גרייט צום קאַמף. אין אַ מלחמה-צייט לויפט
דעם קעניגס שליח פון דאָרף צו דאָרף און בלאָזט אין אַ ביפלאַקס-
האָרן—אַ מהומה-סיגנאַל. דער וואַגאָגאָ הערט דעם סיגנאַל,
וואַרפט אַוועק זיין אַקעראייזן, גייט אין שטוב און קומט באַלד
אַרויס, אַ באַוואָפנטער און אויסגעמאָלטער מיט די קריגס-
פאַרבן. אַוועקגעוואָרפן די פרידלאַכע אַרבעטס-כלים, ווערט ער
גאָר אַן אַנדער מענטש. איצט איז ער אַ שטאָלצער בעל-מלחמה,
וועלכער שפרינגט אויף, ווי אַן אַטלעט און לויפט מיט אימפּעט
צום שלאַכטפעלד.

די וואַגאָגאָ גלויבן און אַ הימלגייסט, וועלכן זיי רופן מולונגו. זיי זיינען מתפלל צו אים, ווען זייער טאַטע-מאַמע שטאַרבט. נאָכדעם, ווי דער וואַגאָגאָ האָט באַגראָבן זיין פאָטער אָדער מוטער, ברייננגט ער זיין האָב-און-גוטס, זיין טוך און העלפאַנדביין און מעסערס און אַקעראייזן און פייל-און-בויגן, שפיון און שאָף אויף איין אָרט, פאַלט אויף די קני פאַר דעם צלעם און בעט צו גאָט, ער זאָל פאַרמערן זיין עשירות, בענטשן זיין אַרבעט און אים באַשערן גליק אין מסחר.

דער סולטאַן-שטול גייט איבער בירושה ביי די וואַגאָגאָס. אויב דער הערשער שטאַרבט אָן קינדער, פאַרנעמט זיין פלאַץ דער ראש, וואָס שטייט אַמנאָנטסטן צו אים לויטן ראַנג. ווער ס'וויל חתונה האָבן, מוז קויפן די פרוי ביי אירע עלטער פאַר אַ גוטן פרייז לויט זיין פאַרמעגן. אַ קבצן קאָן געבן אַפּאָר ציגן. אַ מערדער קאָן זיך אויסקויפן מיט פופציק קי. אויב ער פאַרמאָגט נישט, ווערט ער געטויט. אַ געכאַפּטער גנב קאָן זיך נישט אויסקויפן, און ווערט באַלד געטויט. ביי אַ חשד פון אַ גנבה שעכטן די וואַגאָגאָס אַ הון און עפענען זי; אויב די גע-דערים זיינען ווייס, איז דער פאַרדעכטיקער אומשולדיק, זיינען זיי געל איז ער שולדיק. אַ מענטש, וואָס פאַלט אַריין אין חשד, אַז ער טוט שאָדן דעם שאָף אָדער ער דערלאָזט נישט קיין רעגן דורך כשוף, ווערט באַשטראָפט מיט טויט.

דער קאַמף געגן מיראַבאַ.

בעת איך בין אַריין אין טאַבאָראַ, דעם 23-טן יוני, בין איך באַגריסט געוואָרן פון די איינגעבוירענע, וואָס זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן וועג. מיין אַראַבישער בעל-הבית, שייך סאַאיד בן-סאַלים, האָט מיך אויפגענומען מיט טיי פון אַ זילבערנעם קעסל און אַ גאַנצן באַרג לאַטקעס אין אַ זילבערנעם שיסל. נאָכן לאַנגן מאַרש האָב איך געהאַט אַן אויסגעצייכנטן אַפעטיט און דער שייך האָט ממש געשטוינט, בשעת איך האָב איינגעשלונגען 11 גלעזער טיי און אַ גאַנצן באַרג מיט לאַטקעס.

פאַרבראַכט מיטן שייך ביי אַ שעה צייט, בין איך מיט אים אַוועק קיין קוויהאַראַ, אַ שעה גאַנג פון טאַבאָראַ, וואו מען האָט געגעבן אַ פלאַץ פאַר מיר און מיינע לייט. דאָרט האָט מיך אָפגעוואַרט און הערציק באַגריסט שייך בן-נאַסיב, דער קאָנסול פון סולטאַן פון זאַנזיבאַר, און אַנדערע אַראַבישע גרויסע לייט, ווי אויך די סאָלדאַטן פון מיין ערשטן, צווייטן און פערטן קאַראַוואַן. דער שייך סאַאיד האָט מיך צוגעפירט צו די הייזלאַך מיט די דאָזיקע ווערטער: „גייט אַריין, מיין הער, דאָס איז אייער הויז. דאָס זיינען וואוינונגען פאַר אייערע לייט און דאָ קאָנט איר אויפנעמען די אַראַבישע גרויסע לייט; אָט איז דאָס פאָרהויז, אָט איז די קיך; דאָרט איז דאָס

געפּענגעניש פֿאַר די ווידערשפּעניקע; אָט איז אייער צימער און
דאָס צימער פֿון אייער ווײַסן באַגלייטער און אָט איז דאָס
דאָס שלאָפֿצימער, דאָס געווער-צימער און די איבעריקע צי-
מערן."

איך האָב געהאַט אַ פֿיינע וואוינונג—ווערדליק פֿאַר צענטראַל-אַפֿ-
ריקע. מיין ערשטע אַרבעט איז איצט געווען — אָפּצולאָזן און
פֿיין צו באַצאָלן די משא-טרעגער, אָפּצונעמען רעכענונג פֿון די קאַ-
ראַוואַן-פֿירער און אויסלייגן די סחורות. אַז איך בין פֿאַרטיק גע-
וואָרן מיט דער אַרבעט, האָבן מיר די אַראַבער געבראַכט שיי-
נע מתנות: אַ גרויס שיסל רייז און אַ טאָפּ מיט שטאַרק-גע-
פֿעפֿערטע הינער, אַ צענדליק ווייסע קוכנס, שמאַלצקוכנס, גראַ-
נאַטן און ציטרינען. דערנאָך האָט מען צוגעטריבן פֿינף פֿעטע
אָקסן, אַכט שעפּסן און צען ציגן; צולעצט האָב איך באַקומען
אַ טוץ יינגע הינער און אייער. דאָס איז געווען אַזעלטענע
גאַסטפֿריינטלאַכקייט, אי אָנגעגעם אי נוצלאַך, און זי האָט מיך
שטאַרק גערירט.

די מתנה-געבער זיינען צוזאַמען מיט זייער סוויטע צומאָרגנס
געקומען מיך באַגריסן. אַלע פֿיינע בכבודע מענטשן, וואָס לעבן
ברייט אויפֿן אַפֿריקאַנישן באָדן, לויט זייערע היימישע זיטן און
מנהגים.

לויטן מנהג האָב איך צוערשט באַגריסט שייך סאַאיד און
שייך בן-נאַסיב און דערנאָך דעם איידלסטן מאַן אונטער
די אַראַבער, דעם שייך כאַמיס בן-עבדולאַ; דערנאָך אַ
גאַנצע ריי אַנדערע הויכגעשטעלטע אַראַבער.

בעת איך האָב זיי באַזוכט אין דריי טעג אַרום, האָב איך אין
הויז פֿון כאַמיס בן-עבדולאַ געטראָפֿן אַ פֿאַרזאַמלונג,
וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן אַ קריגסראַט. מען האָט מיך געבעטן
צו פֿאַרבלייבן. כאַמיס בן-עבדולאַ האָט אַגיטירט די אַראַ-
בער, אַז זיי זאָלן פֿאַרטיידיקן זייערע רעכט געגן ראש מי-
ראַמבאָ פֿון אוניאָמוע. דערדאָזיקער מיראַמבאָ, וועלכער איז
אַמאָל געווען אַ לאַסטטרעגער ביי די אַראַבער, איז איצט גע-
וואָרן קעניג און אָנפֿירער פֿון אַ גזלנים-באַנדע. ער האָט געפֿיר-

קריג און באַרויבט אוגאַראַ און אוקאָנאַגאַ ביז צו דער גרעניץ פון איווינזאַ. און נאָכדעם ווי ער האָט פאַרניכטעט אַ באַפעלקערונג אויף אַ שטח פון 300 קילאָמעטער, האָט ער געפלאַנט אַן אָנפאַל אויף מקאַזיהאַ, דעם הערשער פון אוניאַניעמבע און אויף די אַראַבער, דערפאַר, ווייל זיי האָבן אים נישט אונטערגעשטיצט אין זיינע מלנישע פּלענער געגן זייערע פאַרבינדעטע און פריינט. סאַאיד, אַן אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג, האָט פאַרענדיקט מיט דידאָזיקע ווערטער: „איך זאָג קריג — קריג ביז מיר וועלן אים צוטרעטן אונטער אונזערע פיס, קריג ביז גאַנץ אויניאָווע און ווילי אַנקו-רו וועלן חרוב ווערן, קריג ביז מיר וועלן ווידער קאָנען דורכגיין פריי דאָס לאַנד בלויז מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט."

די אַלגעמיינע הסכמה צו סאַאידס רייד האָט געוויזן, אַז עס האַלט טאַקי ביי אַ מלחמה. איך האָב זיך דערמאָנט אָן ליווינגסטאָנען: אפשר וועט זיך אים פאַרגלוסטן צו פאָרן איבער אוניאַניעמבע דוקא אין דער מלחמה-צייט? דערהערט, אַז די אַראַבער האָבן בדעה זיך אָפּצופאַרטיקן גיך מיט דער מלחמה, ווייל אויאָווע ליגט נישט ווייט פון זיי, האָב איך מיין אַליין אָנגעבאָטן צו באַגלייטן די אַראַבער אין דער מלחמה, מיטצונעמען מיינע אָנגעלאָדענע קאַראַוואַנען ביז מפוטאַ, איבערלאָזן זיי דאָרט אונטער אַ שמירה און מאַרשירן ווייטער מיט די אַראַבער. אויב מען וועט צוקלאַפּן מיראַמבאָען און זיינע באַנדיטן — צי וועל איך זיין אומשטאַנד צופירן מיין עקספּעדיציע אויף דעם איצט פאַרשפאַרטן וועג דירעקט קיין אודזשידזשי? די אַראַבער זיינען געווען זיכער אין זייער נצחון און מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז זיי וועלן מנצח זיין.
אונזער מאַרש קיין מפוטאַ, דעם זאַמלפונקט פון דער אַראַבישער אַרמיי, האָבן מיר געקאָנט אָנהויבן ערשט דעם 19טן יולי, ווייל מיט 10 טעג פריער בין איך, נאָכדעם שוי און סעלים, געווען קראַנק אויף קדחת. אין וועג זיינען מיר אָבער אַרויס אין אַ געהויבענער שטימונג. פאָרויס איז געגאַנגען אַ כאָר, וועל-

כער האָט געזונגען מיטן פירער:

פירער: וואוהין ציט איר?

כאָר: מיר ציען אין קריג.

פירער: קעגן וועמען?

כאָר: קעגן מיראַמבאַ.

פירער: ווער איז אייער הער?

כאָר: דער ווייסער מאַן.

פירער: אוף, אוף!

כאָר: אוף, אוף!

פירער: היאַ, היאַ!

כאָר: היאַ, היאַ!

און אַזוי האָבן זיי געזונגען אָן אויפהער דעם גאַנצן טאָג.

די אַראַבישע אַרמיי האָט געציילט צוזאַמען מיט מייגע לייט 2555 מאַן, פון וועלכע 1500 זיינען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן. אַלע מיינע זאַפאַסן האָב איך אָפּגעשטעלט אין מפּוטאַ. די מלחמה האָט זיך געזאָלט אָנהויבן — און טאַקי זיך אָנגעהויבן דעם 3-טן אויגוסט. אַלע זיינען געווען זיכער אין נצחון. ווער וואָלט עס געקאָנט פאָרויסזען, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט מען צו־קלאַפּן דידאָזיקע אַרמיי און זי וועט מוזן צוריקציען אין איי־לעניש? און דאָך איז אַזוי געשען.

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז מיין גאַנץ האָב און גוטס געווען צונויפגעזאַמלט אין מפּוטאַ, גרייט אַריבערצו־פירן קיין אודזשידזשי באַלד, ווי מיר וועלן אָפּהאַלטן דעם נצחון איבער מיראַמבאַ, אָדער וויינִיקסטנס זיין בעזיכערט געגן אָנפאַלן.

אין דאָרף אומאַנדאַ, וואָס איז געלעגן אַ שעה ווייט פון מפּוטאַ, האָבן זיך אַלע קריגסלייט באַשמירט מיט אַ זאַלב, וואָס זייערע מכשפים האָבן געמאַכט, און וואָס איז גע־ווען אַ סגולה געגן די פיילן פון די פיינט.

דעם 4-טן אויגוסט זיינען מיר ווידער געווען גרייט אין וועג. פריער אָבער האָט דער אָנפירער פון די וואַניאַמוועזי

געהאַלטן [illegible]

— הערט, איר זין פֿון מקאַסיוואַ, איר קינדער פֿון אוניאַמוועזי!—האָט ער געזאָגט.—עס שטייט אייך פֿאַר אַ מלחמה. די וואַלד-גזלנים דערוואַרטן אייך. יאָ, זיי זיינען גזלנים, וואָס צופֿלינדערן אייערע קאַראַוואַנען, שלעפּן אַוועק אייער העלפֿאַנדביין, הרגע-נען-אויס אייערע פֿרויען. זעט, די אַראַבער זייַנען מיט אייך, די וואַלי פֿון אַראַבישן סולטאַן און דער ווייסער מאַן. קעמפֿט, מאַכט שקלאַפֿן, נעמט טוך, נעמט שאָף, עסט עס און ווערט זאַט. גייט!

נאָך דערדאָזיקער דרשה האָט זיך דערהערט אַ ווילדער געשריי. די טויערן פֿון דאָרף זיינען אויפֿגעפּראַלט געוואָרן און ס'האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ מחנה סאָלדאַטן, געקליידט אין בלויע, רויטע און ווייסע מלבושים. כּדי צו מאַכן זיך קוראַזש און אָפּ-צישרעקן דעם שונא, האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן אין דער לופֿטן.

זעלף אַ זייגער זיינען מיר געקומען קיין ס י מ ב י ז אָ, וואָס איז געלעגן פֿינף שעה ווייט פֿון אומאַנדאַ. מיר האָבן זיך אָפּגע-שטעלט ביים ראַנד פֿון די פֿעלדער, ביי די שכנותדיקע דער-פֿער, אין שאָטן פֿון וואַלד. די שייכן און ראשים האָבן אַרויס-געגעבן אַ באַפֿעל נישט אָנצוהייבן פֿריער שיסן, ביז מען וועט זיך געפֿינען אויף אַ שיס-ווייטקייט פֿון באָמאַ, וואו דער שונא איז געשטאַנען.

כ אַ מ י ס ב ן-ע ב ד ו ל א איז געגאַנגען דורכן וואַלד צו מערב פֿון דאָרף. די וו אַ נ י אַ מ וו ע ז י האָבן פֿאַרנומען זייער פּאָזיציע פֿאַרן הויפּטטויער, געשטיצט פֿון רעכטס און לינקס פֿון ס אַ-א י ד און כ אַ ב י ב. איך און מאַנכע אַנדערע שייכן האָבן גע-זאָלט אָנגרייפֿן דעם מזרחטויער, אַזוי, אַז דער גאַנצער דאָרף איז געווען, ווי אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן.

אַרויס פֿון וואַלד, וועלכער ציט זיך לייַנגאויס דעם וועג קיין אוניאַניעמבע, האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן אַ שיסעריי פֿון דעם שונאס זייט. אונדזערע אָנגריף-אָפּטיילונגען האָבן אָפּגעענטפֿערט. מיר האָבן זיך געוואָרפֿן פֿון אַלע זייטן אין דאָרף דורכן טויער

און איבער די הויכע פאַרקאַנעס. די איינוואוינער פון דאָרף זיינען אַנטלאָפן אין די בערג, פאַרפאָלגט פון אונזערע שנעלע לויפערס און באַשאָסן פון אונזערע ביקסן.

איבערגעלאָזן אין סימביזאַ אַ גענוגלאַכע צאָל מיליטער, זיינען מיר געגאַנגען ווייטער, און אין איין שעה האָבן מיר אָפּגערייניקט די געגנט פון שונא און פאַרנומען נאָך צוויי דערפער, וועלכע זיינען צוראַבירט און אונטערגעצונדן געוואָרן. צו די אַראַבער אין די הענט זיינען אַריינגעפאַלן עטלאַכע העלפאַנדביין, 50 שקלאַפן און אַ מאַסע קאָרן.

אויך ווילאַנקורו, וואָס מיראַמבאָ מיט זיין זון האָבן זיך דאָרט געפונען, איז גענומען געוואָרן אין קאַמף. אָבער מיראַמבאָס ריקצוג איז געווען בלויז אַ שפּיצל פון זיין זייט, בכדי אונז אַריינצופּאַקן אין זיין נעץ. ער האָט באַלד געמאַכט אַן אָנגריף אויף די אַראַבער פון עטלאַכע באַהעלטענישן, וואו קיינער האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אים. דער אָנגריף איז געמאַכט געוואָרן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אונזער אַרמיי האָט אַ ציטער געטאָן, איז אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלאַכער פּאַניק און מען האָט אָנגעהויבן צולויפן.

דאָס איז געווען אַן אומבאַשרייבלאַכע מפּלה. די פאַרלוסטן זיינען געווען גרויס. די ווייבער, וואָס זייערע מענער זיינען געפאַלן, האָבן אויסגעהויבן אַ יללה. די פאַרוואונדעטע האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אַ קרעכצן און זיפצן. די גאַנצע נאַכט איז דער עולם געלאָפן אין אימה און פחד.

די שטורמישע פאַרזאַמלונגען פון די אַראַבער, וועלכע האָבן איינער דעם אַנדערן באַשולדיקט אין אומגליק, האָבן נאָך פאַרגרעסערט די אַנגסטן פון דער באַפעלקערונג. מיין עצה, אַז מען זאָל זיך האַלטן פעסט, ווייל דאָס וועט באַוועגן מיראַמבאָ צו קומען קיין אוניאַמבע, האָט קיין שום ווירקונג נישט געהאַט. דער עולם איז אַלץ געלאָפן קיין מפּוטאַ, און דער אויפרוף: „מיראַמבאָ קומט!“ האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק, אַז די אויגן זיינען זיי כמעט אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. פון מיינע 50 סאָלדאַטן איז געבליבן נישט מער, ווי 7: די איבע-

דיקע האָבן געמאַכט פּליטה. איך האָב ווידער געכאַפּט אַ וועקסל פיבער און שוין האָט געשפּילט מיט מיר אַ ברוגז, אַזוי, אַז די אַראַבישע מפּלה איז געווען פאַר מיר אַ טאָפּעלע צרה. די אַראַבער האָבן זיך אָבער גאָרנישט געשעמט און צומאָרגנס נאָכן פּאַנישן ריקצוג זייַנען זיי זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק אַרומ-געגאַנגען, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.
אַלע האָבן זיך צוריקגעצויגן, האָט איך אויך געמוזט טאָן דאָס אייגענע. ביי אונז מיין מלחמה-פירונג האָב מען בשום-אופן נישט געקענט פאָראויסזען דעם סוף פון אַ קאַמף. געצוואונגען זיך אונ-טערצוואַרפן דעם אַלגעמיינעם באַפעל וועגן ריקצוג, האָב איך מיין עקספּעדיציע מיט אַלע אירע זאַפּאַסן אַוועקגעפירט צוריק קיין קאָהיראַ.

בעסער צו שטאַרבן, איידער צוריקגיין.

דער פאָלגנדיקער אויסצוג פון מיין טאָגבוך פון 11-טן אוי־גוסט כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן מיין דעמאָלטיקע שטימונג: „איך פריי מיך, וואָס איך האָב דורך אַ קליינע צאָל קרבנות אָפּגעגעבן מיין חוב די אַראַבער פאַר זייער גאַסטפריינטלאַכ־קייט. איך האָב אָבער אויך זיך אַנאַנדער מער ווילטיקן חוב: וואָס גיכער אָפּצוזוכן ל י ו י נ ג ס ט אָ נ ע ן. דער וועג, וואָס איז פאַרשפּאַרט דורכן קריג מיט מ י ר אַ מ ב אָ, פירט קיין או־דזשידזשי. איך האָב גערעכנט, אַז דורך מיין באַטייליקונג אין קריג וועל איך גיכער פריי מאַכן דעם וועג און איך האָב נישט געקאָנט אָפּזאָגן די אַראַבער אין מיין הילף. פון מיינע און די אַראַבישע פּלענער האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ בוי־דעם. איצט וועל איך פּרובן אַן אַנדער וועג. איך מיין, אַז איך באַדאַרף גיין קיין דרום. איך מוז אָבער קודם ווערבירן נייע מענטשן, מחמת די פריערדיקע באַטראַכטן זייער קאָנטראַקט פאַר געענדיקט און דערצו האָט דער טויט פון זייערע פינף חברים געמאַכט זיי אָפּהענטיק. וואַניאַמוועזיס וועל איך נישט קריגן, מחמת אין מלחמה-צייט ווילן זיי זיך נישט לאָזן אין וועג אַריין. מיין לאַגע איז דעריבער זייער אַן ערנסטע, און איך וואָלט געהאַט אַ גענוגלאַכע סיבה זיך אומצוקערן צום ברעג; אָבער מיין געוויסן דערלאָזט עס מיר נישט. איך פיל,

אַז איך בין גרייט בעסער צו שטאַרבן, איידער זיך אומצוקערן פון מיין נסיעה״.

בינו-לבינו איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איידער דער קריג מיט מיראַמבאָ ענדיקט זיך, וועל איך נישט קאָנען פאַרלאָזן אוניאַניעמבע. דערדאָזיקער אַפריקאַנישער נאַפּאָלעאָן האָט זיך איינדעראמתן צוגעגרייט צו אַ מאַרש אויף אוניאַניעמבע. דעם 22-סטן אויגוסט האָבן מיר די שיטערייען באַוויזן, אַז מיראַמבאָ גייט טאַקי אויף טאַבאָראַ. פון די פליטים בין איך געוואָר געוואָרן, אַז כאַמיס בן עבדולא און אַנדערע הויכגעשטעלטע אַראַבער זיינען דערהרגט געוואָרן. פון די געפאַלענע האָבן די ווילדע נעגערס אָפּגעשניטן די הויט פון געזיכט און אויסגעשניטן שטיקער לייב. זייערע דאָקטוירים, די וואַגאַנגאַ, האָבן דערפון אויסגעקאָכט אַ משקה צוזאַמען מיט רייז. דידאָזיקע משקה ווערט געטרונקען אַלס אַ זיכער מיטעל קעגן קוילן און אַנדערע מיני כלי-זין.

פון קוויהאַראַ האָב איך געזען אַ טרויעריק בילד: גאַנץ טאַבאָראַ איז געשטאַנען אין פלאַמען און הונדערטער פליטים זיינען געלאָפן זוכן ביי אונז רעטונג.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק צו בריינגען מיין לאַגער און אַ פאַרטיידיגונגסצושטאַנד. אין די שטאַרקע ליימענע ווענט פון מיין הויז האָב איך געלאָזט אויסהאַקן לעכער, פאַרשאַפט זיך עסנוואַרג און וואַסער אויף זעקס טעג און אָן שום באַרימעריי קאָן איך זאָגן, אַז אַפילו 10,000 אַפריקאַנער וואָלטן נישט געווען בכח איינצונעמען דאָס פאַרפעסטיקטע הויז. די בקשה פון די אַראַבער אין טאַבאָראַ, אַז איך זאָל זיי קומען צו הילף, האָב איך אָפּגעוואָרפן.

דערווייל האָט זיך די צייט גערוקט. אין מיין טאָגבוך איז אונטער דער דאַטע פון 20-טן אויגוסט פאַרצייכנט געוואָרן פאָלגענדיקס: „ווי איך זע, זיינען אַלע מיינע שיינע פלענער צונישט געוואָרן צוליב דער מלחמה מיט מיראַמבאָ. מיר פאַרברענגען שוין דאָ צוויי חדשים אומזיסט. די אַראַבער האָבן עצות אַ סך, אָבער קיין מעשים זעט מען נישט״.

דעם 8-טן סעפּטעמבער האָט אָבער די קריגסלאַגע געגן מ י ר אַ מ ב אָ אָנגענומען אַ גינסטיקע ווענדונג, ביי אַן אָנגריף געגן מ פּ ו ט אָ איז דערדאָזיקער אַוואַנטוריסט צוריקגעשלאָגן געוואָרן אונטער שטאַרקע פאַרלוסטן און איז געצוואונגען געוואָרן צו אַנטלויפן. ס'איז געווען אַ האָפענונג, אַז אינגיכן זאָל נעמען אַ סוף צו דער מלחמה, און איך האָט שוין ביסלאַכווייז געקאָנט ווערבירן מענטשן פאַר דער ווייטערדיקער נסיעה און זאָגאַר פעסטשטעלן, אַז דעם 20-טן סעפּטעמבער וועלן מיר אָפּפאָרן.

דעם 19-טן סעפּטעמבער האָב איך פאַרצייכנט פאָלגנדיקס אין מיין טאָגבוך:

„אין אָוונט האָב איך מיך שלעכט געשפּירט. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איך בין גאַנץ אַליין מיט מיינע פּלענער און געפינען נישט ביי קיינעם קיין מיטגעפיל אָדער הילף. די אַראַבער האָבן מיר שווער געמאַכט דאָס האַרץ מיט זייערע מעשיות, אַז אַלע וועגן, איבער וועלכע איך באַדאַרף דורכמאַכן מיין נסיעה, זיינען פאַרשפּאַרט. די ווילדע ר ו ג אַ-ר ו ג אַ בלאָנדזשען אַרום איבער די וועלדער. די וואַגאַנאָ גייען פון דרום זייט מ י ט אַ מ ב אַ צו הילף און די וו אַ ש ע נ ז י פירן אַ קאַמף צווישן זיך. צי ווילן אַמאָל נישט די אַראַבער אומישנע מיך אויפהאַלטן דאָ, כדי איך זאָל זיי קומען צו הילף געגן מיראַמבאָ? אויב דאָס איז זייער כוונה, האָבן זיי אַ גרויסן טעות. איך האָב געגעבן אַ פייערלאַכע שבועה, אַז אַזוילאַנג, ווי איך האָב די מינדסטע האָפענונג, זאָל איך נישט אָפּטרעטן פון מיין פּלאַן, אויפצוזוכן ל י וו י נ ג ס ט אָ נ ע ן צו לעבעדיקן אָדער אַ טויטן. קיין שום מענטש אין דער וועלט וועט מיך נישט אָפּהאַלטן דערפון בלויז דער טויט קאָן עס טאָן. עפּעס אַן אינווייניקסטע שטים זאָגט מיר: אין וועל געפינען ל י וו י נ ג ס ט אָ נ ע ן! איך פיל זיך שוין לעבעדיקער און שטאַרקער.

פּאַרויס

הגם איך בין געווען אָפּגעשוואַכט פון אַ נייעם קדחת-אַטאַק האָב איך דאָך באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין וועג אין דעם באַשטימטן טאָג — דעם צוואַנציקסטן סעפּטעמבער. איך האָב זיך דאָרט באַרימט פאַרן שייך בן נאַסיב, אַז אַ ווייסער ברעכט קיינמאָל נישט זיין וואָרט, און איך וואָלט ביי אים אויסגעזען, ווי אַ באַרימער און אַ ליגנער, ווען איך וואָלט אָפּגעלייגט די רייזע צוליב שוואַכקייט.

צו דער באַשטימטער שעה זיינען אַלע געווען אויפן פּלאַץ מיטן אויסנאַם פון באָמביי, וואָס האָט מיט טרערן דערקלערט, אַז ער קאָן זיך נישט שיידן פון זיין געליבטער. נאָך עטלאַכע מוסר-ווערטער האָב איך אים מכבד געווען מיט מיין בייטש, און זיין ליבע איז פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי רויך.

מיין קאַראַוואַן איז איצט באַשטאַנען פון 54 מאַן, על-פּי-רוב נייע מענטשן. איצט האָב איך פאַרמאָגט אַרום 4000 מעטער שטאָף און 6 ביימלען פּערל, אַ חוץ פיר פּעק אַמוניציע, אַ געצעלט, אַ בעט, קליידער, אַפּטייק-זאַכן, ביכער, עסנוואַרג, אינסטרומענטן, קאָכגעשיר א. אַז. וו.

נאָכן געזעגענען זיך מיט מיינע אַראַבישע פריינט, האָט זיך דערהערט אַ געזעגנונגסשיסעריי. די פאָנען זיינען אויפגעוויקלט געוואָרן און אונטערן געזאַנג פון די פּעגאַזי האָבן מיר אָנגע-

הויבן מאַרשירן אויפן וועג קיין א ו ג אַ נ ד אַ.

אויף אונזער ערשטער סטאַציע, אין דאָרף מ ק ו ע נ ק ו ע, נאָך אַ מאַרש פון אָנדערטהאַלבן שעה, האָב איך באַמערקט, אַז אַ טייל פון מיינע לייט איז צוריקגעלאָפן קיין ק ו י ה אַ ר אַ, כדי צו פרייען זיך נאָכאַמאָל מיט זייערע ווייבער און פריינדינס פאַר דער נסיעה. האָב איך באַלד געשיקט נאָך זיי עטלאַכע זיכערע מענטשן מיט דער וואָרנונג, אַז אויב זיי וועלן נישט קומען, וועט מען זיי ברייגנען אין קייטן און אַז איבערהויפּט וועט יעדער דעזערטיר געקאָוועט ווערן אין קייטן. מחמת אַזעל־כע פאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט, האָב איך געמוזט מקיים־זיין די התראה.

די ערשטע וואָך פון אונזער מאַרש האָט מיין עקספּעדיציע גע־האַט פיל אָנשטרענגונגען. איך האָב געמוזט געבן דימיסיע מיין שניידער עבדול קאַדער און געמוזט אַלטונג געבן אויף די חולאים און האָבן אַ שאַרף אויג אויף דעזערטירן און זיך אומ־אויפהערלאַך פּלאָגן מיטן קראַנקן און פוילן שוי, וועלכער האָט אַלץ געבעטן, איך זאָל אים באַפרייען. זיינע בקשות זיינען מיר, ענדלאַך, נמאס געוואָרן און איך האָב אים פ ר יי ג ע ל אָ ז ט. דעם 20 טן סעפּטעמבער איז ער געפאָרן קיין צ פ ו ן און איך מיט מיין קאַראַוואַן—קיין ד ר ו ם. מיר זיינען שנעל און זיכער געגאַנגען פאָרויס, און בעת־מעשה האָב איך געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין דערלייזט געוואָרן פון אַזאַ שלאַק.

מיר זיינען אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויכן באַרג און פון דאָרט געוואָרפן אַ בליק אויף דער אַרומיקער געגנט. פון אַלע זייטן האָבן מיר געזען בלויז וואַלד און וואַלד. די וועלדער זיינען געשטאַנען איינס איבערס אַנדערע, אַן אמתער ים פון בלעטער און צווייגן. זייגען מיר אַריין אין די וועלדער און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסנעמען.

נאָך אַ זיבן־שעהדיקן מאַרש האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין א ו ג ו נ ד אָ. אַ גוט באַפעסטיגט דאָרף מיט 2000 איינוואוינער און אַ פרוכטבאַרער סביבה ביי דער דרום־גרענעץ פון אוניאַ־ניעמבע. דאָ איז נאָך געווען זייער גרויס דער פחד פאַר מי־

ראַמבאַ, הגם מען האָט אַ פּאָר מאָל אָפּגעשטויסן מיט דערפּאָלג זיינע דרייסטע אָנגריפן. דער ווייטערער וועג האָט אונז געפירט דורך אַ וואַלד און דורך די דאָרפלאָנקעס פון קיזאַרי.

בעת דעמדאָזיקן מאַרש זיינען מיר צוגעקומען צו אַן אויסגעטריקנטן זומפּ, וואָס זיין באָדן האָט געהאַט דייטלאַכע שפּורן פון העלפאַנדן, בופלאָקסן און זעברעס. דערפון האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן אינגיכן אָנבאַגעגענען יאַגד-חיות. אין דערדאָזיקער געגנט נעסטיקט זיך אָבער די מוקונגורו (פיבער), וועלכע איז אָפטמאָל זייער געפערלאַך.

דעם ערשטן אָקטאָבער האָבן מיר אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער פון סיוואַני-טייך, אונטערן שאָטן פון אַ מעכטיקן סיקאָמאָר (אַזאַ בוים). דערדאָזיקער וואַלדריז האָט געהאַט אַן אומפאַנג פון עלף און אַ האַלבן מעטער, און איז געווען דער שענסטער בוים פון דעם מין, וואָס איך האָב ווען-עס-איז געזען אין אַפריקע. דער שטח פונם שאָטן, וואָס איז געפאַלן פון דעמדאָזיקן בוים, האָט געהאַלטן 36 מעטער. אַ דאַנק מיין דעמאָלטיקן גוטן געזונטצושטאַנד, האָב איך געקאָנט קוקן מיט פרייע אויגן אויף דער שיינקייט פון דער נאַטור. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ געפיל פון באַקוועמלאַכקייט און צופרידנקייט, וואָס איך האָב ביזאַהער נישט געקאָנט אין אוניאַניעמבע. אין אָוונט, ווען די זון האָט זיך געשווינט אַראָפּגעלאָזט אין מערב און פאַרפאַרבט דעם הימל מיט אַלערליי קאָלירן, ווען דאָסדאָזיקע פאַרבנשפּיל האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די שפּיצן פון אייביקן וואַלד און די הייליקע שטילקייט פון הימל האָט אויף אַלץ און אַלעמען געדרוט, זיינען אַפילו די רויע געמיטער פון מיינע האַלבווילדע חברים אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט דער הערלאַכקייט פון די הימלען און וועלדער. דאַן איז געקומען די שעה, ווען נאָך דער פאַרענדיקטער טאָגאַרבעט האָבן מיר אַרויסגענומען אונזערע לולקעס און זיך געקוויקט מיטן שמעקעדיקן רויך און מיט דער הערלאַכער סביבה. אָבער מיינע געדאַנקען האָבן זיך ווידער גענומען דרייען אַרום מיין נאָך נישט אויס-

געפירטער אויפגאַבע. איך האָב ווידער געטראַכט פון יענעם מאַן, וועלכער איז אפשר געווען טויט אָדער גאָר גאַנץ פון מיר. אָבער וואָס העלפט דאָס קלערן און טראַכטן. מען דאַרף גיין פאָרויס ווייטער און מיט האָפענונג.

ביי אַ שרעקלאַכער היץ און געפלאָגט פון די צע-צע-פליגן האָבן מיר דעם 3-טן אָקטאָבער אָפגעמאַרשירט קיין מאָניאַראַ. אונטערוועגס האָבן מיר געזען אַ מיינגע זשיראַפן. דאָס איז פאַר אונז געווען אַ גרויסע פרייד, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר קומען איצט אין דער סביבה פונם טייך גאָמבע, וואו עס האַלטן זיך אויף מאַסן זשיראַפן און אַנדערע יאַגד-חיות.

אין יאָגר־גן־עדן.

אין מאַניאַראַ האָבן מיר געהאַט אַ באַזונדערע צרה. צו־ליבן קריגסצושטאַנד האָט מען אונז נישט אַריינגעלאָזט אין דאָרף און זאָגאַר נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין עסנוואַרג. האָבן מיר געפּרובט פאַרגינסטיקן דעם סולטאַן מיט טייערע מתּנות, אָבער דאָס האָט געהאָלפן ערשט דעמאָלט, ווען נאָך דער ער־שטער מתּנה האָב איך אים געשיקט אַ צווייטע, אַ גרעסערע, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר גוטע מיכער און אַכט מעטער פון בעסטן שטאָף. דאָס האָט געווירקט, און מיר האָבן באַלד באַקומען עסנוואַרג אויף פיר טעג. און דער סולטאַן בכבודו־ובעצמו, אין דער באַגלייטונג פון 20 מושקערטן און 30 שפּיון־טרעגער, האָט מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. עס איז אוממעגלאַך צו באַשרייבן, מיט וואָס פאַר אַ גאַפנדיקן בליק דער סולטאַן און זיינע לייט האָבן געקוקט אויף מיר, מיינע קליידער און געווער. נאָכדעם, ווי זיי האָבן מיך גוט באַטראַכט, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און אויסגעשאָסן אין אַ שטאַרקן געלעכטער. מיין דאָלמעטשער האָט איבערגעגעבן דעם סולטאַן אויפן לשון פון די וואַניאַמוועזי, אַז איך פריי מיך זייער צו זען ביי זיך אַזעלכע טייערע געסט. נאָכדעם, ווי מיר האָבן אַ צייטלאַנג

געלאַכט, קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, האָט דער סולטאַן גע-וואָרט באַטראַכטן מיין געווער. ווען מיר האָבן אויסגעשאָסן זיינען די געסט אומרוהיק געוואָרן און אויפגעשפרונגען פון די ערטער, אָבער באַלד ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ געלעכטער. אין דער העכסטער מדרגה פון זייער באַגייסטערונג האָבן זיי איינער דעם אַנדערן אָנגעכאַפּט ביי די שפּיצפינגער און זיך געדרייט אין אַ ראָד, אַזוי, אַז איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלן זיך אויסלענקן די פינגער. דערנאָך האָב איך געעפנט מיין קאַסטן מיט רפאות. די קליינע פלעשעלאַך און סלאָאיק-לאַך האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי זיי און זיי האָבן זיך גע-פרייט דערמיט, ווי קליינע קינדער.

„דאָ,—האָב איך געזאָגט און אויפגעקאָרקעוועט אַ פלעשל מיט שפּירט,—איז דאָס מסוגל פאַמבע, דאָס ביר פון ווייסן. נעמט אַ לעפל דערפון.“

און מיט די ווערטער האָב איך זיי דערלאַנגט אַ לעפל שפּירט.

דער סולטאַן האָט זיך פאַרהוסט און געשריען: „אוי, וואָס פאַר אַ שטאַרקן ביר די ווייסע געברויכן! אוי, ווי ס'ברענט אין גאָרגל!“

כדי צו ווייזן זיי די ווירקונג פון מיינע רפואות, האָב איך אַרויסגענומען אַ פלעשל אַמאָניאַק און זיי דערקלערט, אַז דאָס איז אַ רפואה געגן קאָפּשמערצן און געגן דעם ביס פון אַ שלאַנג. דער סולטאַן האָט זיך באַלד אָנגעהויבן קלאָגן אויף קאָפּשמערצן און געוואָלט אויספּרובן דעם מיטל. האָב איך אים געהייסן פאַרמאַכן די אויגן און פלוצלונג דערלאַנגט אים דאָס פלעשל אונטער דער נאָז. די ווירקונג איז געווען אַ געוואַלדי-קע; ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן רוקן, ווי אַ דערשאָסענער און געמאַכט אַזעלכע משונה-ווילדע העוויות, אַז איך האָב זיך אַליין דערשראָקן. זיין סוויטע האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער און געקניפּט איינער דעם אַנדערן. אַזוי איז דער גאַנצער מאָרגן אַוועקגעגאַנגען אין דעמדאָזיקן מלוכה-ווי-

זיט, פון וועלכן אַלע באַטייליקטע האָבן געהאַט גרויס תענוג.
„אַך,—האָט זיך אָנגערופן דער סולטאַן ביים אַוועקגיין,—דידאָזי-
קע ווייסע ווייסן אַלצדינג. די אַראַבער זיינען אַ גאָרנישט קעגן
זיי !“

דעם פערטן אָקטאָבער זיינען מיר גאָך אַ פיר - און - האַלב -
שעהדיקן מאַרש אָנגעקומען צום טייך ג אָ מ ב ע, דורכגייענדיק
איינע פון די שענסטע אַפריקאַנישע לאַנדשאַפטן. פון אַ בערגל
אַראָפּ האָבן מיר פּלוצלונג אַרויסגעזען טשערעדעס פון בופ-
לאָקסן, זעברעס, זשיראַפן און אַנטילאָפּן. דאָס איז געווען אַן
אמתער גן-עדן פאַר יעגער ! איך בין טאַקי באַלד אַרויס מיט
מיינע לייט אויף יאַגד. קליינע אַנטילאָפּן זיינען געשפרונגען
פאַרביי מיר, ווי קראָליקעס. מיט אַ פּיפּס שפּרינגט און פלאַ-
טערט דער האָנג-פויגל, פונקט ווי ער וואָלט מורא האָבן, איך
זאָל נישט צונעמען ביי אים דעם האָנג, וואָס ער אַליין ווייסט
נאָר זיין פאַרבאָרגן אָרט. די גרויסע רויפפייגלאַך אויף די
ביימער פיים נאָמבע-טייך האָבן, אָפּנים, געמיינט, אַז איך
לויער אויף זיי, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און געשווינט
אַוועקגעפלויגן. איך האָב אָבער געמיינט נישט זיי און נישט די
קליינע חיהלאַך, נאָר עפּיס בעסערס. און טאַקי באַלד האָב
איך דערזען פון ווייטן אַ גרופּע זעברעס, וועלכע האָבן גע-
שמיסן זייער געשטרייפטן קערפּער מיט די לאַנגע ווידלען
אין געביסן איינאַנדער. פּיף-פּאַף ! און צוויי פון זיי זיינען
געבליבן ליגן אויפן רוקן. די איבריקע זיינען זיך צעלאָפן,
שפּרינגנדיק, ווי די שדים.

נאָך דער פאַרענדיקטער אַרבעט האָב איך געוואָלט זיך אויס-
באָדן אינם טייך ג אָ מ ב ע, וואָס זיינע וואַסערן זיינען גע-
פלאָסן רוהיק און פרידלאַך. איך האָב שוין געוואָלט מאַכן אַ
שפּרונג אין וואַסער אַריין, אָבער אין דער אייגענער רגע האָב
איך באַמערקט אַ לאַנגע דיקע חיה, וועלכע האָט אויפגעעפנט
אַ מוראדיקן פּיסק. גאָט מיינער, דאָס איז געווען אַ קראָקאָדיל,
וועלכער האָט זיך מכין געווען צו מאַכן אַ סעודה פון מיין

אָרימען גוף. דעמאָלט האָב איך מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל מיך נישט לאָזן פאַרפירן פון דער פאַרעטערישער רוהיקייט פון אַן אַפריקאַנישן טייך. אין אַזאַ טייך טאָר מען זיך נישט באָדן!

נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז געווען דער אָוונט פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן טאָג. פאַרשידענע רויב-חיות האָבן זיך בגנבה אַרומגעבלאָנקעט אַרום אונזער לאַגער, דערשמעקנדיק דעם ריח פון געבראָטן פלייש. אַרום יעדן פייער האָט מען געזען אַרומטאַנצן מענטשן; איינער האָט אויסגעזויגן דעם מאַרך פון אַ ביין, אַ צווייטער האָט אָפּגעשונדן דאָס פעטס פון אַ זעברע-פוס, אַ דריטער האָט געדרייט אויף אַ שפּיז אַ שטיק פלייש אָפּצעבראָטן עס אויפן פייער. די פלאַמען האָבן געוואָרפן אַ רויטן אָפּשיין אויפן גאַנצן לאַגער. און צווישן די ביימער האָט מען געזען משונהדיקע, פאַנטאַסטישע שאָטנס. עס איז געווען אַן אויסטערליש בילד, וואָס האָט זיך אַזוי געפּאַסט פאַר די אַפריקאַנישע וועלדער. מיינע לייט האָבן זיך ווייניק געקימערט וועגן דידאָזיקע בילדער. זיי זיינען געווען מער באַשעפטיקט מיטן גשמיות און מיטן אָנשטאָפּן דעם חומר מיטן פלייש, וואָס אונזערע ביקסן האָבן זיי פאַרשאַפט.

נאָך פיר שעה זיינען מיר געקומען צום ס י וו אַ נ י-ט י י ך. אָבער צוליבן שלעכטן וועטער האָבן מיר געמוזט גיין ווייטער און זיינען געקומען צו אַ לאָנקע, וואו מיר האָבן געפונען זיס וואַסער און געשטילט אונזער ברענענדיקן דורשט. דאָ האָבן מיר געפונען שיריים פון דערפער, וועלכע זיינען פאַרברענט געוואָרן פון מיראַמבאָס קריגסלייט, די ר ו ג אַ-ר ו ג אַ ס. בכלל האָט מען דאָ גערעדט אומעטום פון קאַמף און קריג צווישן די שטאַמען, און די שטימונג איז געווען אַ קריגערישע, אַזוי, אַז איך האָב געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק ביים אויסקלויבן אַן אָרט, וואו צו לאַגערן. אַדורכגעגאַנגען מ אַ ר ע פ ו, האָב איך געטראָפן דעם פירער פון אַן אַראַבישער דעלעגאַציע, וועלכער האָט מיך געוואָרנט, איך זאָל ווייטער נישט גיין. האָב איך אים געפאָלגט,

דאָס הייסט, איך האָב מיך פאַרקירעוועט אין אַ ווייניקער געפערלאַכער ריכטונג — קיין צפון צו דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע.

נאָכן אַריבערגיין דעם גאָמבע-טייך האָבן מיר זיך געפונען אין אוקאָנאָנגאָ און, נאָכדעם ווי מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען אוטענדע און מוואַרו, האָבן מיר ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צו שפירן דעם איינפלוס פון דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע. וגם ביז דער אָזערע האָבן מיר נאָך באַדאַרפט דורכמאַכן אַ מהלך פון 15 מאַרשן. געדיכטערע קוסטעס זיינען דאָ געשטאַנען און דאָס גראָז איז געווען העכער. דאָ האָב איך אויך געהערט פון אַ קאַראַוואַן, וואָס איז אָנגעקומען פון אופיפאַ, אַז אין אורואַ איז פאַראַן אַ ווייסער, וועלכער האָט, לויט מיין מיינונג, נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערער, ווי ליווינגסטאָן.

אין די נחלות פונם ראש מרעראַ, וואוהין מיר זיינען איצט אַריינגעדרונגען, האָבן מיר געזען אַ קליינע טשערעדע מיט העלפאַנדן. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען דידאָזיקע חיות אין זייער נאַטירלאַכער ווילדקייט, און איך וועל לאַנג געדיינקען דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבן אויף מיר געמאַכט. לויט מיין מיינונג פאַרדינט דער העלפאַנד דעם טיטל מלך פון די חיות; זיין אונגעהויערע געשטאַלט, די מאַיעסטעטישקייט, מיט וועלכער ער קוקט אָן דעם פרעמדן, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין זיין מלוכה, און זיין גאַנץ וועזן, וואָס דריקט אויס באַוואוסטזיין און קראַפט, גיבן אים דאָס פולע רעכט צו טראָגן דעמדאָזיקן טיטל. דער חורבן, וואָס אַזאַ טשערעדע העלפאַנדן מאַכט אָן אין אַ וואַלד, איז אומבאַשרייבלאַך. אויב די ביימער, צווישן וועלכע די העלפאַנדן גייען דורך, זיינען נאָך יונג, ווערן זיי אויסגעריסן מיטן וואָרצל און בלייבן ליגן אויף דער ערד אין געדיכטער שורות, באַצייכענענדיק די שפורן פון די העלפאַנדן, וועלכע האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורכן געדיכטן וואַלד.

צו מערב פון מ ר ע ר אַ איז געלעגן אַ מדבר. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ניין טעג באַדאַרף מען האָבן אַדורכצוגיין דעמדאָזיקן מדבר. האָבן מיר געמוזט אָנגרייטן גרויסע קאָרנזאַפּאַסן, צעמאָלט דאָס קאָרן און איבערגעזיפּט—מיט איין וואָרט, אַ לאַנגע און אַ שווערע אַרבעט...

צווישן ווילדע חיות.

דעם 17-טן אָקטאָבער האָבן מיר זיך געזעגנט מיט מרערא און אַוועק ווייטער קיין צפון-מערב. איך האָב מיך גאַנץ פריינטלאַך באַצויגן צו די מענטשן און זיי זיינען אויך בעסער געוואָרן, ווייל זיי האָבן, ווי מאַברוקי האָט זיך אויסגעדריקט, שוין דערשמעקט די פיש פון טאַנגאַניקאַ. פאַרבייגייענדיק פיל קונציק-אויסגעבויטע בערגלאַך פון טערמיטן (אַזוינע בייסנדיקע מוראַשקעס), זיינען מיר געקומען אין אַ באַרגיקער געגנט. דאָ האָבן מיר געזען די קוועלן, פון וועלכע עס פליסט אַרויס דער טייך רונגוואַ, וואָס גיסט זיך אַריין אין טאַנגאַניקאַ אין דרום און דער טייך מאַלאַגאַריזאַ, וואָס פאַלט אַריין ווייטער אַביסל צו צפון.

די פיל געפערלאַכע זומפן פון דערדאָזיקער געגנט שטאַמען פונם בלאָטיקן טייך אוזענזע, וועלכע פאַראייניקט זיך ווייטער מיט אַן אַנדער טייך, וואָס קומט פון מזרח, אוןביידע פאַלן אַריין אין דער טאַנגאַניקאַ. דער מאַרש איז געווען זייער אַ שווערער און מיר זיינען צייטנווייז געזונקען ביזן האַלז אין זומפן. אויפן וועג האָט אונז באַגריסט אַ מיסיע פון סימבאַ, דעם הערשער פון קאַזעראַ, אין דרום-אוניאַמוועזי. די שלוחים האָבן מיר דערקלערט, אַז זייער הער בעט מיך, איך זאָל אים שיינקען אַ מתנה אַלס צייכן פון מיין פריינט-

שאַטס. פאַר דרכי-שלום-וועגן האָב איך דערפילט זייער וואונש און זיי געגעבן אַ שטיקל טוך.

אויך אין דער געגנט, איבער וועלכער מיר זיינען איצט געגאַנגען, האָט געהערשט קריגסצושטאַנד. מיר האָבן עפטער געטראָפן פאַרלאָזענע אָדער צעשטערטע דערפער. דאָ האָב איך געזען דאָס ערשטע מאָל אַ לעמפערט, וועלכער איז דאָ אַזוי היימיש, ווי דער לייב.

מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזער לאַגער נעבן אַ קריסטאָל-קלאָרן קוואַל, און באַלד געטריבן אונזערע אייזלען און ציגן, זיי אָנצוטרינקען. כדי צו דערגרייכן דעם קוואַל, האָבן זיי געמוזט דורכגיין אַ מין טונעל, וואָס העלפאַנדן האָבן דורכגעטראָטן צווישן די הויכע גראָזן און קשאַקעס. זיינען זיי נאָר אַרויף אויף דעמדאָזיקן טונעל-וועג, איז אַרויסגעשפרונגען אַ שוואַרץ-געפלעקטער לעמפערט און אַריינגעהאַקט זיינע נעגל אין רוקן פון אַן אייזל, וואָס האָט געמאַכט גוואַלדן פון שרעק און ווייטאָג. די איבעריקע אייזלען האָבן מיטגעהאָלפן שרייען און אַזוי שטאַרק געקאָפעט מיט די הינטערשטע פיס, אַז דער לעמפערט איז אַוועקגעשפרונגען און נעלם געוואָרן אין די הויכע גראָזן. אויפן האַלז פון אייזל זיינען פאַרבליבן עטלאַכע שטאַרקע וואונדן, אָבער נישט קיין געפערלאַכע.

כדי איך זאָל מיך ווידעראַמאָל נישט טרעפן מיט אַ לייב אָדער אַ לעמפערט, בין איך געוואָרן פאָרזיכטיקער: מיר זיינען געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אַ געווער-טרעגער, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך צוויי ביקסן און אַ גרויסן זאַפאַס פון קוילן. איך האָב אַריינגעקוקט טיף אין אַלע היילן און לעכער, טאָמער וועל איך מיך אפשר טרעפן מיט די פייערדיקע אויגן פון אַ לייב אָדער אַ לעמפערט. דידאָזיקע אויגן האָב איך דערווייל נישט באַמערקט. האָב איך דערפילט פרייער און דרייסטער און בין פאַרקראָכן אין אַ געדיכט באַוואַקסענער הייל, וואו איך האָב זיך באַלד געפונען אונטער אַ דאַך פון בלעטער, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט איבער מיין קאָפ אויף אַ שטרעקע פון 30 מע-

טער. אַרום אונז זיינען געשטאַנען הויכע געדיכטע ביימער, וואָס האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איינציקן שטראַל פֿון דער זון, און פֿאַר אונזערע פֿיס איז געלאָפֿן אַ שטראָם איבער גלאַטע שטיינער. צי וואָלט עמיץ געהאַט די העזה צו שטערן דידאָזיקע הייליקע פֿייערלאַכע האַרמאָניע פֿון דער נאַטור? אָבער אָט האָט אַראָפּגעקוקט צו אונז פֿון אַ צווייג אַ מאַלפּע, וואָס האָט באַ-טראַכט די אומגעוויינלאַכע געסט מיט אַ שרעקנדיקן בליק. איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך הויך צעלאַכט דער מאַלפּע אין די אויגן אַריין. אַ געריש און קוויטשעריי פֿון צווישן די ביימער האָט אָפּגעענטפֿערט אויף מיין געלעכטער. אַ מחנה מאַלפּעס, וואָס איז געזעסן אויף די צווייגן, האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן פֿאַר אונז און האָט תיכף-ומיד געמאַכט פּליטה.

אויף אונזער ווייטערדיקן וועג האָט אונז באַגלייט אַ גרויסע חיה. עס איז געווען צי-טונקל, אַז זי זאָל דייטלאַכער אַרויס-טרעטן פֿאַר אונזערע אויגן. מעגלאַך, אַז אַ לייב, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פֿון דערווייטן.

פֿאַר האַלבער נאַכט האָבן מיר האַרט ביי אונזער לאַגער דער-הערט אַ בריל פֿון אַ לייב. באַלד איז געקומען אַ צווייטער און, צולעצט, אַ דריטער. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן טירל פֿון לאַגער און אַרויסגעשאָסן קעגן די חיות. עס איז אָבער געווען אומזיסט אַרויסגעוואָרפֿענע פּאַטראָנעס. די לייבן האָבן ווייטער געברילט און זיך געדרייט אַרום אונזער לאַגער.

אַ פרײַלאַכע בשורה.

אין צווײ טעג אַרום האָבן מיר פון אונזער יאַגד-גן-עדן מאַרשירט ווײַטער איבער רוזאַוואַ, אַ געדיכט באַוועצטע געגנט אינם געביט פון אוקאַווענדי. גערוט האָבן מיר אין דאָרף איטאַגאַ. דער געווײנלאַכער ווײַטערדיקער וועג פון די קאַראַוואַנען אין די אינערלאַכע טײלן פון לאַנד צײט זיך קיין אוזאַוואַ בײַ דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע. אָט דאָרט האָבן מיר זיך אָנגעמערקט פאַר דעם ציל פון אונזער נסיעה. מיט דעמדאָזיקן וועג האָבן מיר זיך אָבער נישט געקאָנט באַנוצן, צוליב דער מלחמה פונם אוזאַוואַ-סולטאַן קעגן די וואַזאַוויראַס. נאָך אַבעראַטונג מיט מײַנע לײַט איז בײַ אונז געבליבן צו ציען לענגאויס דעם מאַלאַגאַראַזי-טײַך.

די מאַרשטעג פונם 25-טן ביזן 30-טן אָקטאָבער האָבן געהערט צו די שווערסטע פון מײַן נסיעה, ווײַל מיר האָבן זיך געמוזט לאָזן אין וועג אָן אַ פירער און געווען פאַרזאָרגט מיט שפּײַז בלויז אויף דרײַ טעג. אין דער צײַט פון אונזער מאַרש איבער דער געבירגיקער געגנט, וועלכע געהערט צו די ווילדסטע און העכסטע אין אַפריקע, זײַנען אונזערע קנאַפּע זאַפּאַסן באַלד אויסגענוצט געוואָרן. כדי מפּייס צו זײַן מײַנע לײַט, וועלכע זײַנען געווען טויט-הונגעריק און געבעטן גאָט, ער זאָל

ווי צושיקן עפּיס עסן, האָב איך געלאָזט מאַכן טיי, וועלכן זיי האָבן געטרונקען צוזאַמען מיט ווילדע יאַגדעס. דאַן האָבן מיר מאַרשירט ווייטער מיט דער כּוונה צו וואַנדערן אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן געפינען עסנוואַרג אָדער אויסגיין פאַר הונגער. צולעצט האָבן מיר דעם 30-טן אָקטאָבער דערזען אַ דאָרף, מיט וועלכן מיינע לייט האָבן זיך שרעקלאַך דערפרייט. דאָס דאָרף האָט געהייסן „וועלעד נסאָגעראַס", ד. ה. דאָס דאָרף פון נסאָגעראַס זון, דער ערשטער ראש פון דערדאָזיקער געגנט. דער קריג, וואָס נסאָגעראַס פאָטער האָט געפירט צוליב די זאַלץ-גרובן פון מאַלאַגאַראַזי, האָט אונז אָבער געצוואונגען ווידער צו ענדערן די ריכטונג פון אונזער מאַרש און אויסצעוויילן דעם צפון-וועג קיין אודזשידזשי. דער זון פון נסאָגעראַ האָט אונז דערביי פאַרזאָרגט מיט פירערס און לעבנס-מיטלען קעגן אַ שטייער פון טוך.

די ערשטע מניעה אויפן ווייטערן וועג איז געווען אַ פאַראַטערישער זומפּ, וואָס איז געלעגן צווישן אונז און דעם מאַלאַגאַראַזי-טייך, און וועלכן עס איז נישט לאַנג פאַרזונקען געוואָרן אַ קאַראַוואַן פון 25 מאַן מיטן גאַנצן האָב און גוטס. נאָך דעמדאָזיקן זומפּ, וועלכן מיר זיינען, אַ דאַנק אונזערע פאַרזיכטסמיטלען, אַריבערגעגאַנגען אָן אַ שאָדן, האָבן מיר דערגרייכט דאָס געביט פון ראש קיאַלאַ, וועלכער איז אויך געווען אַ זון פון מעכטיקן נסאָגעראַ. פאַר דער דערלויבניש דורכצוגיין דעם מאַלאַגאַראַזי-טייך האָבן מיר געמוזט באַצאָלן מיט 90 מעטער טוך. אַזוי האָבן מיר דערגרייכט דעם לינקן ברעג פון מאַלאַגאַראַזי. און ווייטער געגאַנגען איבער אַ פּראָם דער אייגנטימער פון פּראָם האָט פאַר יעדער נייער פּאַרטיע מענטשן און זאַכן פאַרלאַנגט אַ גרעסערן אָפּצאָל און מיר האָבן געמוזט צאָלן אָן טענות. ביים אַריבערשווימען דעם טייך איז אַן אייזל אַריינגעפאַלן אין וואַסער און פאַר אונזערע אויגן אויפגעפרעסן געוואָרן פון אַ קראָקאָדיל.

אויפן צווייטן טאָג זיינען מיר באַלוינט געוואָרן מיט אַ פריי-

לאַבע בשורה. פון אודזשידזשי האָט זיך געוויזן אַ קאַראַוואַן פון 80 וואַגוהאַס, אַ שטאַם, וואָס וואוינט אין דרום-מעריב פון טאַנגאַניקאַ. פון זיי זיינען מיר געוואויר געוואָרן, אַז אַ ווייסער איז אָקוראַט אָנגעקומען פון מאַניעמאַ קיין אודזשידזשי. דיזאָזיקע ידיעה האָט אונז אַלעמען איבערראַשט.

—אַ ווייסער?—האָבן מיר געפרעגט.
—יאָ, אַ ווייסער,—איז געווען דער ענטפער.
—וואָס פאַר אַ מלבושים טראָגט ער?
—אַזוי ווי דער הער,—האָבן זיי געענטפערט, אָנווייזנדיק אויף מיר.
—איז ער יונג, צי אַלט?
—ער איז אַלט, ער איז גרוי און קראַנק.
—פון וואַנען איז ער געקומען?
—פון מאַניעמאַ, וואָס ליגט ווייט הינטער אוגוהאַ.
—איז עס וואָר? איז ער איצט אויך אין אודזשידזשי?
—יאָ, מיר האָבן אים געזען מיט אַכט טעג צוריק.
—צי רעכנט איר, אַז ער וועט דאָרט בלייבן ביז מיר וועלן אָנקומען אַהין?
—דאָס ווייסן מיר נישט.
—צי איז ער שוין אַמאָל געווען אין אודזשידזשי?
—יאָ, ער האָט עס פאַרלאָזן פאַר אַ לייִנגערער צייט.
— הוראַ, דאָס איז געווען ליווינגסטאָן! דאָס מוז ער זיין! דאָס האָט נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערער! אָבער טאָמער איז עס פאָרט אַן אַנדערער, עמיצער פון מערב-ברעג, אָדער אפשר גאָר דער אַפריקע-רייזנדער סאַמועל בעקער? גיין, בע-קער איז נישט קיין גרויער מאַן. אָבער איצט מוזן מיר שנעל מאַרשירן, בכדי ער זאָל נישט הערן, אַז מיר גייען צו אים און זאָל נישט פריער מאַכן פליטה. איך האָב צוגעזאָגט יעדן פון מיינע לייט, אַז איך וועל זיי גוט באַלוינען, ווען זיי וועלן גיין אָן שום הפסקות קיין אודזשידזשי, און מיט גרויס האָפנונג

האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

מיר זיינען אַריבער בשלום דאָס געביט, וואָס איז באַדראָט געוואָרן פֿון אַ ראש מיטן נאָמען מאַקומבי. דערדאָזיקער מאַקומבי איז נאָר־וואָס געקומען אַהיים פֿון אַ זיגרייכער מלחמה און, ווי דער שטייגער איז אין יענעם קאַנט, האָט ער פֿאַר גרויס שמחה געמאַכט אַן אָנפֿאַל זאָגאַר אויף די דערפֿער פֿון זיין אייגענעם שטאַם. מיר זיינען באַלד געקומען קיין קאַוואַנגאַ, דאָס געביט פֿון סולטאַן פֿון אוהאַ. דאָ האָט דער ראש פֿון געביט געוואָלט אונז מודיע זיין, אַז ער איז דער שטייער־איינמאָנער פֿאַר זיין מאַיעסטעט דעם סולטאַן און דער איינציקער אין קימענדזשי, דעם מזרח־טייל פֿון אוהאַ, וואָס האָט דאָס רעכט צונעמען שטייער. מיר וועלן זיך איינשפּאָרן מי און צייט, אויב מיר וועלן אים תיכף אָפּצאָלן 50 מעטער גוטן טוך. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו דינגען, אָבער אָפּגעדונגען בלויז 8 מעטער.

מיר האָבן געמיינט, אַז דערמיט וועלן מיר שוין פּטור זיין פֿון אָפּצאָלונגען, ביז מיר וועלן קומען צום רוזוגי־טייך ביי דער גרענעץ פֿון אוהאַ. עס האָט זיך אָבער אַנדערש אויסגעלאָזט. נעבן דאָרף לוקאָמאַ, וואוהין מיר זיינען דערווייל געקומען, האָט אונז פֿייערלאַך באַגריסט מיאָנוי, דער ערשטער ראש אונטערן סולטאַן פֿון אוהאַ. וועלכער האָט אונז דערקלערט אין אַ לאַנגער דרשה, אַז מיר דאַרפֿן איינצאָלן דעם מס, וואָס עס קומט דעם סולטאַן, אויב מיר ווילן, אַז אונזער קאַראַוואַן זאָל דורכגיין בשלום איבער אוהאַ. אויף אונזער דערקלערונג, אַז מיר האָבן שוין דעם מס אָפּגעצאָלט דעם ראש פֿון קאַוואַנגאַ, האָט ער געענטפֿערט, אַז יענער האָט גענומען פֿאַר זיך אַליין און אַז מיר דאַרפֿן צאָלן דעם מושל

פון אוהאַ 100 מעטער טוך, דאָס הייסט, כמעט צוויי באַלן. אַ נישט זיינען מיר נישט זיכער מיטן לעבן. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות. מיר האָבן געמוזט איינצאָלן איינס און אַ קערטל באַלן און מיט אַ שווער געמיט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג.

מיינע טוך-רעזערוון זיינען שטאַרק געפאַלן אין וועג. אויב מיר וועלן האָבן אויפן וועג נאָך עטלעכע ראַשים, ווי מיאַנוי, וועלן מיר נישט האָבן מיט וואָס צו דערפאָרן אַפילו ביז אודזשידזשי. אין דאָרף קאַהירגי האָט זיך טאַקע באַוויזן דער ברודער פונם מושל פון אוהאַ און האָט אויך פאַרלאַנגט מס. צוגלייך בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אין דער געגנט איז פאַראַן נאָך פינף געלטגייציקע ראַשים. איך בין אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן.

באַלדעם ווי דער ראש פון קאַהיריגי האָט באַקומען זיין מס, האָב איך באַשלאָסן צופירן מיין קאַראַוואַן ביינאַכט אין געהיים, ביז צו דער גרענעץ פון אוהאַ. דאָס איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכן, מחמת מען האָט געמוזט אויסמיידן דעם מינדסטן געררויש. באַגעגנט אויפן וועג עמעצן אַ פרוי, וואָס האָט שטאַרק געקוויטשעט, האָבן מיר זי געמוזט בינדן און פאַרשטופן דאָס מויל. אַז מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט, האָבן מיר נישט אויפגעשטעלט קיין געצעלטן און נישט פאַרלייגט קיין פייער. אונזערע הינער און ציגן האָבן מיר געשאָכטן, כדי זיי זאָלן אונז נישט אויסגעבן מיט זייער קוואָקן און מעקן. אַזוי זיינען מיר געלאָפן אין איילעניש איבער וועלדער, דזשונגלעס און טייכן. ביים רוגופו-טייך האָבן מיר דערהערט אַ גערויש, ווי פון אַ ווייטן דונער; דאָס האָט גערוישט דער קאַבאָגאַ-וואַסערפאַל אויף יענער זייט פון דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע, אויף אַ מרחק פון מער ווי הונדערט קילאָמעטער.

נאָך לאַנגע אָנגעשטרייגטע מאַרשן האָבן מיר צולעצט געהאַט הינטער זיך דאָס בייזע אוהאַ און אַריינגעטרעטן אין או-

קאַראַנגאַ מיט אַ טריומף-געשריי. מיר זיינען אַפילו זייער וואַרים באַגריסט געוואָרן פון די איינגעבוירענע, דאָך האָבן מיר נישט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אויף אַ רגע און ווייטער געלאָפן קיין אודזשידזשי. „איז נאָך ליווינגסטאָן דאָרט?—האָב איך מיר געטראַכט—האָט ער אפשר געהערט פון מיין קומען? צי וועט ער נישט מאַכן פליטה פאַר מיר?"

געשווינט בין איך געגאַנגען פאָרויס איבער דעם מאַלערישן לאַנד. אין 10-טן נאָוועמבער—דעם 236-טן טאָג, זינט איך האָב פאַרלאָזט באַגאַמאָיאָ—האָב איך מיך געפונען ווייט פון טאַנגאַניקאַ נישט מער חי צוויי שעה גאַנג. אַן אויפגערעקטער, כמעט מיט טרערן אויף די אויגן, בין איך אַרויפגעשפרונגען אויף אַ באַרג—איך האָב איצט געהאַט פאַר זיך די לאַנג-אויסגעקוקטע אָזערע. דאָ זיינען אויך געווען די בלוי-שוואַרצע בערג פון אוגאָמאַ און אוקאַראַמבאַ. און איבער זיי — אַ בלויער פּרוכת. די טאַנגאַניקאַ! הוראַ! און די לייט האָבן געענטפערט מיט געשרייען אויף מיין פריילאַכן אויסרוף. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלדער און בערג באַטייליקן זיך אין מיין שמחה.

שנעל האָבן מיר זיך געיאָגט ווייטער. אָפּגערוט ביי אַ קליין וואַסערל, זיינען מיר אַרויפגעקראָכן אויף אַ נאַקעטער בערגקייט, וואָס האָט אונז געשטערט צו זען די אָזערע אין איר גאַנצן געוואַלטיקן אומפאַנג. מיר זיינען אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ ביז צום מערבדיקן ראַנד—דער האָפן פון אודזשידזשי איז געלעגן פאַר אונזערע אויגן איינגעטוליעט אין פּאַלמעס, בלויז פינפהונדערט טריט ווייט פון אונז! אין דעמדאָזיקן גרויסן אויגנבליק האָבן מיר לגמרי פאַרגעסן אָן די אומצייליקע מיילן, וועלכע מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען, די פיל בערג, וועלכע מיר האָבן אַדורכגעקלעטערט, די וועלדער, וואָס מיר האָבן אַדורכגעוואַנדערט, די דזשונגלעס, וועלכע האָבן אונז אַזוי געפּייניקט, די הייסע זאַלץ-שטחים, וואָס האָבן אונז געבריענט די פיס, די גליענדיקע זון, וואָס האָט אונז געבריענט און געשרפט אָן די

סכנות, וואָס האָבן זיך עפּטער און עפּטער אָנגערוקט אויף אונז. אַלץ, אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן! די גרויסע שעה איז אָנגעקומען! אונזערע חלומות, האָפנונגען און שטרעבונגען זיינען מקוים געוואָרן! מיר האָבן געפּרובט טרעפן, אין וואָסער הויז עס וואוינט דער ווייסער מאַן מיט דער גרויער באָרד! וואָס טוט ער איצט?..

—ווילקט פאַנאַנדער די פאָן און לאָדט-אָן דאָס געווער!

—איי וואַלאַ, איי וואַלאַ, באַגאַ!—האָבן זיך אָנגערופן די לייט אויף זייער לשון.

איינס, צוויי, דריי—שיס!

פּלוצים האָבן אויסגעשאָסן פאַר איינמאָל און פאַרהילכט די לופט.

—איצט, קיראַנגאָזי, האַלט הויך די פאָן און איר, מיינע לייט, שיסט ווייטער, ביז מיר וועלן שטיין פאַרן הויז פון אַלטן ווייסן מאַן. דאָ, אין אודזשידזשי איז פאַראַן פיש און ביר, און איר וועט זיך קאָנען גוט אויסרוען. מאַרש פאָרויס!

די באַגעגעניש מיט ליווינגסטאָנען.

מיר זיינען נישט אָפּגעגאַנגען קיין הונדערט שריט, ווי אונזער שיסעריי האָט שוין געבראַכט דעם געווינטשן ערפאָלג. אודזשידזשי האָט שוין געוואוסט, אַז אַ קאַראַוואַן גייט צו זיי און הונדערטער איינגעבוירענע זיינען געגאַנגען אונז מקבל־פּנים זיין. די אַמעריקאַנישע פאָן, וואָס אַסמאַני האָט הויך געטראָגן, האָט איבערראַשט דעם עולם. מאַנכע פון זיי האָבן אַמאָל געזען פלאַטערן אַן אַמעריקאַנישע פאָן איבער די שיפן אינם פּאָרט פון זאַנזיבאַר און איבערן דאָרטיקן אַמעריקאַנישן קאָנסולאַט, און דידאָזיקע האָבן אונז באַגריסט מיט די אויסרופן: „בינדעראַ מסונגו! די פאָן פון אַ ווייסן! בינדעראַ מעריקאַני! די אַמעריקאַנישע פאָן!"

דערנאָך האָבן זיי אונז אַרומגערינגלט. די וואַדזשידזשי, וואַניאַמוועזי, וואַנגוואַנאַ, וואַרונדי, וואַגוהאַ, מאַניעמאַ און אַראַבער און האָבן אונז ממש פּאַרטויבט מיט זייער געשריי: „יאַמבאָ באַנאַ! יאַמבאָ באַנאַ!" יעטוועדער פון מיינע לייט איז באַגריסט געוואָרן מיט אַזאַ מין אויסרוף.

ביי דרייהונדערט שריט פון דאָרף אודזשידזשי האָט אונז באַלאַגערט אַ געדיכטער עולם. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ

שטים, וואָס האָט זיך אָנגערופן אין ענגליש:

—גוט-מאָרגן, מיין הער!

איבעראַשט פון אַזאַ מין באַגריסונג צווישן אַ שוואַרצן עולם, האָב איך מיך באַלד אומגעקערט און דערזען אַ מאַן מיט אַ גאַנץ שוואַרצן, אָבער באַלעבטן פּנים, אָנגעטאָן אין אַ לאַנג ווייס העמד, אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ טורבאַן פון אַמעריקאַנישן לייוונט. איך האָב אים געפרעגט:

—ווער זענט איר?

—איך בין סוזי, ד״ר ליווינגסטאָנס דינער,—האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, באַווייזנדיק זיינע ווייסע ציין.

—וואָס, איז ד״ר ליווינגסטאָן דאָ?

—יאָ!

—טאַקי דאָ אין דאָרף?

—יאָ!

—גאַנץ באַשטימט?

—גאַנץ באַשטימט. איך האָב אים נאָר-וואָס פאַרלאָזט.

איך האָב געזאָגט:

—לויפט-זשע, סוזי, אָנזאָגן דעם ד״ר ליווינגסטאָנען, אַז איך וועל באַלד קומען צו אים.

—גוט, מיין הער.

סוזי איז אַוועקגעלאָפן פייל פון בויגן.

ביי אַ צוויי-הונדערט שריט ווייטער פון דאָרף איז דער עולם געוואָרן נאָך געדיכטער און האָט אונז פאַרשפּאַרט דעם וועג. אַראַבער און וואַנגוואַנאַ האָבן געשטופּט און געשטויסן איינאַנדער, כּדי אונז צו באַגריסן. זיי האָבן אונז געהאַלטן פאַר זייערע. אַלע זיינען געווען דערשטוינט איבער העכסטן גראַד און אַלץ געפרעגט:

—ווי אַזוי זייט איר געקומען פון אוניאַניעמבע?

סוזי איז באַלד ווידער געקומען צעלויפן און געפרעגט מיין נאָמען. ער האָט אָנגעזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז אַ ווייסער קומט צו

אים. האָט יענער געפרעגט, ווי איך הייס און סוזי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

בינו-לבינו האָט ד״ר ליווינגסטאָן באַקומען אַ ידיעה פון אַנדערע, אַז עס איז באמת געקומען אַ ווייסער, וואָס זיינע ביקסן האָבן אויסגעשאָסן און זיינע פּאָנעס פלאַטערן נישט ווייט. די הויכגעשטעלטע אַראַבער פון אודזשידזשי האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַרן דאָקטאָרס הויז. ער איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי פון זיין ווערענדע, אָפּצוּוואַרטן מיין אָנקומען.

דער שפּיץ פון דער עקספּעדיציע האָט זיך דערווייל אָפּגעשטעלט. דער קיראַנגאָזי האָט הויך געהאַלטן זיין פאָן, און סעלים האָט זיך אָנגערופן צו מיר: „איך זע דעם דאָקטאָר. ער איז גאָר אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד!״ וויפל וואָלט איך איצט געגעבן, כדי אין אָט דעם אויגנבליק צו זיין אַליין, כדי אויסצעדריקן מיין אומבאַשרייבלאַכע פרייד דורך עפּיס אַ ווילד שפּיצל און אַזויאַרום באַרוהיקן מיינע אָנגעשפּאַנטע נערוון. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי אַ האַמער. איך האָב מיך אָבער געמוזט באַהערשן און נישט אַרויסווייזן מיין אינערלאַכן צושטאַנד אין אַזאַ פאָרם, וואָס פּאַסט זיך נישט פאַרן כבוד פון אַ ווייסן.

איך האָב געהאַנדלט אַזוי, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ ווייסן. קודם האָב איך אָפּגעשטויסן דעם עולם און דורך אַ לעבעדיקער אַלייע פון מענטשן בין איך צוגעגאַנגען צו יענעם אָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען די אַראַבער און אַ האַלבקרייז מיטן ווייסן מאַן אינמיטן. צוגעגאַנגען נאָענט, האָב איך באַמערקט, אַז ער זעט אויס בלאַס און אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט אַ גרויע באָרד און טראָגט אַ בלוי היטל מיט אַן אָפּגעריבענעם גאָלדענעם באַנד, אַ קורצן, רויטן רעקל און אַ פּאָר גרויע הויזן. איך וואָלט גערן צוגעלאָפן צו אים און אַרויפגעפאַלן אים אויפן האַלז, אָבער איך האָב מיך געשעמט פאַר דעמדאָזיקן עולם און דרך-אַגב האָב איך אויך נישט געוואוסט, וויאַזוי ער, אַלס ענגלענדער, וואָלט רעאַגירט

דערויף. איך האָב געטאָן דאָס, וואָס מיר האָט דיקטירט דאָס געפיל פון פחדנות און פאַלשער גאוה. איך בין לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו אים, אַראָפגענומען מיין הוט און געזאָגט:

—איר זיינט ד״ר ליווינגסטאָן?

—יאָ,—האָט ער געזאָגט מיט אַ פריינטלאַכן שמייכל, אויפהייבנדיק לייכט דעם הוט.

איך האָב צוריק אָנגעטאָן מיין הוט, ער האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע. נאָכדעם האָבן מיר זיך ביידע דערלאַנגט האַרציק די הענט און איך האָב זיך אָנגערופן:

—דאַנקען גאָט, הער דאָקטאָר, וואָס איך האָב זוכה געווען אייך צו זען.

ער האָט געענטפערט:

—און איך דאַנק גאָט, וואָס איך קאָן אייך דאָ באַגריסן.

דערנאָך האָב איך זיך געווענדט צו די אַראַבער: איך האָב אַראָפגענומען מיין הוט אַלס ענטפער אויף זייערע באַגריסונגען. דאָקטאָר ליווינגסטאָן האָט מיר פאָרגעשטעלט יעדן אַראַבער באַזונדער. דאַן בין איך מיט ליווינגסטאָנען אַוועק אין זיין הויז און האָב בעת-מעשה לחלוטין פאַרגעסן אָן די מענטשן, וואָס האָבן געטיילט מיט מיר די סכנות און די געוואַלדיקע שוועריקייטן פון אונזער נסיעה. דער אַלטער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער וועראַנדע, אָדער ריכטיקער, אויף דער ליימענער אַלטאַנקע, וואָס אַ ברייטער דאַך איז געהאָנגען איבער איר. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיך אַנידערזעצן אויף זיין אָרט—אַ שטרויזאַק, באַצויגן מיט ציגן-פעל. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ פעלכל, וואָס האָט באַדאַרפט באַשיצן פון קעלט. איך האָב נישט געוואָלט פאַרנעמען זיין אָרט, וועלכער האָט פאַר אים בעסער געפאַסט, ווי פאַר מיר. דער דאָקטאָר האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן און איך האָב מיך געמוזט אַנידערזעצן.

מיר האָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט מיטן רוקן צו דער וואַנט.

די אַראַבער האָבן זיך אויך אויסגעזעצט לינקס פון אונז. איבער טויזנט איינגעבוירענע זײַנען געשטאַנען און אָנגעפילט דעם גאַנצן פּלאַץ אַרום אונז. זיי זײַנען שרעקלעך נײַגיריק. פרעגן אונז אויך מיט די אויגן און שמועסן וועגן דעם, וואָס צוויי ווײַסע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין „אודזשידזשי," איינער קומענדיק פון מאַניעמבאַ און דער אַנדערער פון אוניאַניעמבע אין מזרח.

איך מיט ליווינגסטאָנען האָבן זיך אויך צעשמועסט. וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט, געדיינק איך שוין נישט. מיר האָבן געשטעלט איינאַנדער פראַגן אין אַזאַ מין נוסח:

—דאָקטאָר, וויאַזוי זײַט איר געקומען? און וואו האָט איר פאַרבראַכט די גאַנצע צײַט? די וועלט האָט אײַך געהאַלטן פאַר טויט.

—און וויאַזוי קומט איר אַהער?—האָט ער געפרעגט.

וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר דערציילט און וואָס איך האָב אים געזאָגט, דאָס קאָן איך שוין גענוי נישט איבערגעבן, ווייל איך האָב אַלץ געגלאָצט מיט די אויגן אויף דעמדאָזיקן וואונדערלאַכן מאַן, וואָס איך בין איצט געזעסן בײַ זײַן זײַט. יעדע האָר פון זײַן גרויען קאָפּ און באָרד און יעדער קנייטש פון זײַן אויסגעצערטן פּנים און זײַן גאַנץ אויסגעמאַטערט אויסזען, האָט גערעדט צו מיר ווערטער, אויף וועלכע איך האָב אויסגעקוקט די גאַנצע צײַט, זינט בענעט האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

—געמט, וואָס איר ברויכט, אָבער געפינט מיר ליווינגסטאָנען. איך האָב זיך איינגעהערט און צוגלייך געלייענט פון זײַן פּנים. וואָס האָט מיר דערציילט דערדאָזיקער שטומער עדות?

איך האָב געהערט אָפּגעריסענע, אָפּגעהאַקטע פּרטים פון זײַנע אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען. ער האָט געהאַט אַזויפיל צו דערציילן, אַז ער האָט אָנגעהויבן פון סוף און אויסגעמישט זאַכן פון פאַרשידענע צײַטן און ערטער. איך קאָן נישט אַלץ איבער־

געבן, ווייל איך בין געווען צו שטאַרק אויפגערעגט, איך זאָל קאָנען אַרויסנעמען מיין נאָטיץ-בוך און אַלץ פאַרצייכענען. אָבער ביסלאַכווייז האָט זיך פון די פרטים צוזאַמענגעשטעלט אַ קלאָר בילד, אַ וואונדערלאַכע געשיכטע פון העלדישע גרויסע מעשים.

מיין ערשטער טאָג מיט ליווינגסטאָנען.

די אַראַבער זיינען געווען אַזוי דעליקאַט און טאַקטיש, אַז זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און אונז געלאָזט אַליין. איך האָב געהייסן באַמבייען און אַסמאַנען, זיי זאָלן פאַרזאָרגן מיינע לייט מיט עסן און ברייגגען ליווינגסטאָנען דעם זעקל בריף, וועלכע איך האָב מיטגעבראַכט פאַר אים פון זאַנזיבאַר.

דער דאָקטאָר האָט געעפנט דאָס זעקל, אָנגעקוקט די בריף און איבערגעלייענט אַ פּאָר בריף פון זיינע קינדער. זיין פּ־ים האָט אויפגעשטראַלט פון שמחה.

דערנאָך האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים דערציילן, וואָס עס הערט זיך עפּיס אויף דער וועלט.

—הער דאָקטאָר,—האָב איך געזאָגט,—לייענט פריער אייערע בריף. איר ווילט דאָך וויסן, וואָס מען שרייבט אייך...

—אָ,—האָט ער געענטפערט,—איך האָב יאָרנלאַנג געוואַרט אויף דידאָזיקע בריף, און האָב מיך איינגעלערנט צו זיין געדולדיק. איך וועל וואַרטן נאָך אַ פּאָר שעה. ניין, דערציילט מיר פריער דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע, וואָס האָט פּאַסירט אויף דער וועלט?

באַלד בין איך געוואָרן פאַר ליווינגסטאָנען אַ לעבעדיקע צייטונג. איך האָב נישט געדאַרפט מגזם-זיין אָדער דערציילן סענסאַציעס. די וועלט האָט אין די לעצטע יאָרן אַ סך איבערגעלעבט: די

פּאַסיפיק-אייזנבאַן איז פאַרענדיקט געוואָרן ; ג ר אַ נ ט איז גע־וואָרן פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן ; אַ רעוואָלוציע האָט אַראָפּגעוואָרפן די קעניגין א י ז אַ ב ע ל אַ פון שפּאַנישן טראָן און אַרויסגעזעצט אַ רעגענט אויף איר אָרט; פּרייסן האָט געהאַט אַ נצחון איבער דענעמאַרק און אַנעקסירט ש ל ע ז ו ו י ג-ה אָ ל ש ט י י ן. איר אַרמיי געפינט זיך איצט אין פּאַריז ; קייזער נאַפּאָלעאָן איז אַ געפאַנגענער אין ו ו י ל ה מ ס ב ע ה ע און די פראַנצויזישע קייזערין איז אין גלות...

צי האָט מען באַדאַרפט צופוצן אַזויגע נייס ? וואָס פאַר אַן אוצר פון נייס איז דאָס געווען פאַר אַ מענטשן, וועלכער קומט פון די טיפענישן פון די אַפריקאַנישע אורוועלדער!

מיר האָבן פאַרבראַכט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג אין פאַרשידענע שמועסן, דערביי האָט מען אונז צוגעטראָגן זייער באַטעמטע מאכלים, וועלכע מיר האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. אינם שמועס האָבן מיר גאָרנישט באַמערקט, ווי אַלץ איז תיכף ומיד אויפגעגעסן געוואָרן און ווי ליווינגסטאָנס קעכין האָט דערלאַנגט אַלעמאָל פרישע. די קעכין, כאַלימאַ, איז געווען זייער אויפגע־שרויפט. עפּעס האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קיך: זי האָט זיך אַלץ געוואָלט איבערצייגן, צי ס׳זיצן עס באמת צוויי ווייסע אויף דער וועראַנדע, וואו עס פלעגט תמיד זיצן נאָר איינער, וועלכער האָט דערצו זייער ווייניק געגעסן. זי האָט מורא געהאַט, אַז איר באַלעבאָס איז נישט קיין מבין אויף איר קאָכקונסט, אָבער איצט זיינען מיר ביידע געוואָרן גרויסע מבינים און זי איז, קענטיק, געווען פון אונז שטאַרק צופרידן.

מיר האָבן ווידעראַמאָל געשמועסט פון הונדערטער זאַכן. ליווינגסטאָן האָט געהאַט גרויס עגמת-נפש דערפון, וואָס בעת ער איז געווען אין מ אַ נ י ע מ אַ, האָט מען כמעט אַלע זיינע סחורות אין א ו ד ז ש י ד ז ש י אויסגעטרישט אויף העלפאַנדביין. פון אַלע זיינע זאַפּאַסן זיינען געבליבן בלויז 20 שטיק טוך. ער איז אויך געווען קראַנק אויף דיזענטעריע און האָט שטאַרק געליטן. איצט איז אים שוין אַפילו פיל בעסער, ווי פריער.

דערדאָזיקער טאָג, וואָס איז געווען פאַר מיר אַזאַ גליקלאַכער, האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. מיר זיינען געזעסן מיטן פּנים צום מזרח און באַטראַכט די טונקעלע שאָטנס, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן פּאַלמען־וועלדל אין יענער זייט דאָרף און איבערן רוקן פון די בערג, וועלכע זיינען באַלד איינגעהילט געוואָרן אין נאַכטשלייער. פון ווייטן האָט זיך געהערט דאָס געוויש פון דער טשאַנגאַניקאַ און דאָס שמיצערן און גרילן פון די נאַכט־פליגעלעך. אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט און מיר זיינען אַלץ געזעסן פאַרזונקען אין די מערקווירדיקע געשעענישן פון טאָג. פּלוצלונג איז מיר איינגעפאַלן, אַז ליווינגסטאָן האָט נאָך נישט געלייענט זיינע בריף.

—הער דאָקטאָר, — האָב איך מיך אָנגערופן, — איר וועט אפשר איצט לייענען אייערע בריף? איך וועל אייך מער נישט אויפ־האַלטן.

—יאָ,—האָט ער געזאָגט,—עס ווערט שפּעט, און איך וויל לייע־נען מיינע בריף. האָט מיר אַ גוטע נאַכט! זאָל אייך גאָט בענטשן!

מיר האָבן זיך צעזעגנט און איך בין אַוועק אָפּרוען.

ליווינגסטאָנס פּלענער.

דער פּאַרקער מיט ליווינגסטאָנען האָט אין מיר אַלעמאָל דערוועקט מער אַכטונג צו דעמאָזיקן וואונדערלאַכן און גרויסן מאַן, און האָט מיר אַלץ מער און מער איבערצייגט אין דער פאַלשער מיינונג וועגן זיין שווערן כאַראַקטער. ווי אַן אמת פרומער מאַן, האָט ער, נישט-געקוקט אויף זיין צוריקגעהאַלטנקייט, געוואונען אַלע הערצער דורך זיין ערלאַכקייט און גוטסקייט. איינמאָל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, צי ער האָט נישט בדעה זיך אומצוקערן אַהיים, וואו ער וועט זיך קאָנען אויסרוען פון זיינע פערציקיעריקע וואַנדערונגען און פאָרשונגען. דער ענטפער, וואָס ער האָט מיר געגעבן אויף אָט דערדאָזיקער פראַגע, כאַראַקטעריזירט אים אַמבעסטן. ער האָט אַזוי געזאָגט:

—איך וואָלט זייער גערן אומגעקערט אַהיים, וואו איך וואָלט געקאָנט זען מיינע קינדער. איך קאָן אָבער ביי מיר נישט פועלן, איבערצורייסן מיין אַרבעט אינמיטן, בעת זי איז שוין כמעט פאַרענדיקט. עס דאַרף נאָך דויערן אַ זעקס-זיבן חדשים, כדי אויסצוגעפינען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די קוואַלן פון ניל, וואָס איך האָב אַנטדעקט, מיט דעם ווייסן ניל, אָדער מיט דער אָזערע אַלבערט-ניאַנזאַ.

—אָבער פאַרוואָס האָט איר זיך אומגעקערט, איידער איר האָט געהאַט פאַרענדיקט די אַרבעט?

—גאָר פּשוט,—האָט ער געזאָגט,—ווייל מיינע לייט האָבן נישט געוואָלט גיין ווייטער אַ טריט, און האָבן באַשלאָסן בסוד, צו אויב איך וועל זיי צווינגען, זאָלן זיי צוזיסרופן אומרוען אין לאַנד און מיך דאָרט איבערלאָזן. אין אַזאַ פאַל וואָלט מען מיך דערהרגעט. עס איז געווען סכנות-נפשות ווייטער צו גיין.

נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען און מניעות, האָבן זייערע פאָרשונגען געגעבן זייער וויכטיקע רעזולטאַטן. ער האָט אויסגעפאָרשט אַ מיינגע אַפריקאַנישע לענדער און פעלקער און האָט אַנטדעקט פיל גרויסע און וויכטיקע אָזערעס. צום ערשטן מאָל איז אייראָפּע געוואויר געוואָרן, אַ דאַנק ליווינגסטאָנען, אַז צווישן דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע און די קוואַלן פונם מעכטיקן קאָנגאָ-טייך לעבן מיליאָנען נעגערס, וועלכע האָבן נאָך נישט קיין אַנונג פון די ווייסע פעלקער. ליווינגסטאָן האָט אָנגעגעבן דידאָזיקע נעגערס פאַר געניטע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט היימישע און פרידלאַכע מלאכות, אָבער זיי זיינען זייער פאַרגרעבט. ווייניק מענטשן פון זיי האָבן געוואוסט פון דעם לואַלאַבאַ-טייך, וועלכער פליסט נישט ווייט פון זיי, אויף אַ מרחק פון 50 קילאָמעטער. דידאָזיקע לענדער זיינען אומגעהויער רייך אין העלפאַנדביין און די איינוואוינער פלעגן עס באַניצן צו זייערע הייזלאַך, טירן און דאָסגלייכן.

די אַראַבער האָבן זיי ערשט קלאָר געמאַכט, וואָס פאַר אַן אַרטיקל דאָס העלפאַנדביין איז. די אַראַבער האַנדלען דאָרט אויך מיט שקלאַפן, וואָס איז זייער אַ גוט געשעפט צוליבן שיינעם קעפּערבוי פון די דאָרטיקע מאַנסלייט און פרויען, באַזונדערס אין מאַניעמאַ. די אַראַבער האָבן זיך דעריבער פאַרהאַטט באַמאַכט אויך אין יענע לענדער. דאָס לאַנד רואַ, וואָס ליווינגסטאָן האָט אויך אַנטדעקט, איז ערטערווייז רייך אין קופּער. פאַראַן דאָרט קופּער-גרובן פון גאַנץ אַלטע צייטן. אינם ואַמד פון אַ טייכגרונט האָט מען געפונען גאָלד.

צוליבן בונט פון זיינע מענטשן האָט ליווינגסטאָן, אַלזאָ, נישט געקאָנט פאַרענדיקן זיינע וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אַנטדעקונגען. זיין צוריקמאַרש איז געווען לאַנג און באַשווערלאַך.

אין דעם 16-טן אָקטאָבער איז ער אָנגעקומען קיין א ו ד ז ש י-ד ז ש י קוים אַ לעבעדיקער. אונטערוועגס האָט ער זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז ער האָט נאָך אין אודזשידזשי אַ זאַפּאַס סחורות און וועט זיך קאָנען אַוועקשטעלן... איצט שוין נייע מענטשן און ווי-דער זיך לאָזן אין וועג אַריין, כדי צו פאַרענדיקן זיין אַרבעט.

מען קאָן זיך דערינבער פאָרשטעלן זיין עגמת-נפש, ווען ער איז געוואויר געוואָרן, אַז די סחורות, וועלכע ער האָט געגעבן צו באַהאַלטן אַ זיכערן מענטשן, זיינען אַלע אויסגעטרישט גע-וואָרן אויף העלפאַנדביין, און ער וועט נישט האָבן מיט וואָס צו גיין ווייטער אין וועג.

איינמאָל האָב איך געפרעגט ליווינגסטאָנען: צי ער האָט געזען די צפונדיקע זייט פון דער ט אַ נ ג אַ נ י ק אַ-אָ ז ע ר ע ?

ער האָט געענטפערט, אַז נישט, און האָט דערביי צוגעגעבן, אַז ער האַלט די אויספאָרשונג פונעם סיסטעם פון ל ו אַ ל אַ ב אַ-ט ײ ך פאַר זייער וויכטיק. צי עס איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן ט אַ נ ג אַ נ י ק אַ און אַ ל ב ע ר ט-נ י אַ נ ז אַ-אָזערע — דאָס ווייזט אים שוין נישט אויס אַזוי וויכטיק.

—די איינגלישע געאָגראַפישע געזעלשאַפט,—האָב איך זיך אָנגע-רופן,—לייגט אָבער אַ גרויסן געוויכט אויף אָט דער פלוסדשטער פאַרבינדונג, און האָט דערקלערט, אַז איר זייט דער איינ-ציקער מאַן, וואָס איז אומשטאַנד צו אַנטשיידן די פראַגע. אויב איך וואָלט אייך געקאָנט נוצלאַך זיין אין דערדאָזיקער זאַך, גיב איך מיך איבער אין אייער רשות און איך וועל טאָן, וואָס איר וועט מיר הייסן. איך האָב דאָ צוואַנציק מאַן, וועלכע קאָ-נען גוט רודערן. אויב מיר זאָלן באַקומען אַ שיפל פון די אַראַ-בער, דאַן קאָן מען אַ סך אויפטאָן דערין.

ליווינגסטאָן האָט מסכים געווען און זיך אָנגענומען צו קריגן אַ שיפל ביי אַן אַראַבער.

—גייען מיר, אַליזאַ, צוזאַמען?

—יאָ, איך בין גרייט, אויב איר זענט אויך גרייט.

—גיב איך מיך, אַליזאַ, איבער אין אייער רשות. הערט איר דען נישט, ווי מיינע לייט רופן אייך: „גרויסער הער“ און מיך—

„קליינער הער?" אין אַזאַ פאַל הוט איר פאַרקערדגעט, יאָ, איך מוז פאָלגן...

איידער מיר האָבן געזאָלט פאַרנעמען די בעשטענדיקע נסיעה, האָט ליווינגסטאָן זיך געוואָלט בעראָטן מיט מיר וועגן זיינע פּלענער בכלל. איך האָב געמאַכט פאַרשידענע פאָרשלאָגן און דערביי צוגעגעבן, אַז וואָס פאַר אַ ריכטונג ער זאָל נישט אויסקלויבן, קאָן ער אַלעמאָל רעכענען אויף מיין הילף און אויך דער הילף פון מיינע לייט. אויב ער וויל פאָרן אַהיים, וועל איך זיין שטאָלץ אים צו באַגלייטן און זיך אונטערצוואַרפן זיינע פאַראָרדנונגען בנוגע די מאַרשן און די אָפּרו-פּונקטן.

לסוף האָט ליווינגסטאָן אָנגענומען מיין דאָזיקן פאָרשלאָג: ער וועט גיין מיט מיר צוזאַמען קיין אוניאַניעמבע, וואו ער וועט אָפּנעמען זיינע סחורות, וואָס ליגן דאָרט, און אויך אויסקלויבן פון מיינע זאַפּאַסן נויטיקע צאָל שטאָפן, פּערל, געווער, אַמוניציע, קליידער און געצעלטן. בעת ער וועט רוען אין אוניאַניעמבע, וועל איך אַוועק צום ברעג און דאָרט אָרגאַניזירן אַ נייע עקספּעדיציע פון 50—60 מאַן, וועלכע וועלן גיין צו אים מיט נייע זאַפּאַסן פון לעבנסמיטלען.

נאָכדעם, ווי די דאָזיקע וויכטיקע פראַגע איז פאַרענטפערט געוואָרן, האָבן מיר צוזאַמענגעמאַכט הלנות צו דער נסיעה איבער דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע, וועלכע האָט, אַ דאַנק דעם אויסגעצייכנטן וועטער, געהאַט די בעסטע אויסזיכטן אויף ערפאָלג.

צום ערשטן מאָל אויף דער טאַנגאַניקאַ.

דער צוועק פון אונזער נסיעה איבער ט אַ נ ג אַ נ י ק אַ איז געווען—אויסצעפאָרשן דעם צפונווינקל פון אָט דער אָזערע און פעסטצושטעלן די לויפריכטונג פון איר נעבנטייך כ ז י ז י. אָנהויבנדיק אונזער נסיעה, האָבן מיר זיך געהאַלטן בײַ דער מיינונג, אַז דערדאָזיקער טייך פאַלט אַרײַן אין דער ט אַ נ ג אַ נ י ק אַ, לויט ווי די אַראַבער און אײַנגעבוירענע האָבן אונז פאַרזיכערט.

דעם 15־טן נאָוועמבער זײַנען מיר אָפּגעפאָרן מיט 16 רודערערס מיט סעלימען, מיט מײַן קוכער פעראַדזשי און צוויי פירערס פון וואַדזשידזשי־שטאַם. אונזער שיפל איז געווען אַן אויסגעהוילטער בוימשטאַם. פאַרבײַגעגאַנגען די באַנגווע־אינזל און פאַרשידענע ברעג־שטחים, זײַנען מיר נאָך אַ קורצער צײַט געקומען צום הערלאַכן אויסגוס ק י ג אָ מ אַ, וואו מיר האָבן געמאַכט אונזער ערשטע סטאַציע, ווײַל צוליבן מזרח־ווינט זײַנען מיר געווען אין סכּנה אַרײַנגעשליידערט צו ווערן אין דער אָזערע.

בעת מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן צומאָרגנס, איז דאָס טונקל־גרינע וואַסער פון דער אָזערע ווידער רוהיק געלעגן. טייך־פערד האָבן זיך נאָנט צוגערוקט צו אונזער שיפל און אויסגעשטעקט די קעפּ, כּדי צו שעפּן לופט און באַלד זיך ווידער

אונטערגעטוקט, פונקט ווי זיי וואָלטן מיט אונז געשפּילט אין באַהעלטעניש. אַנטקעגן די הויכע וואַלדבערגלאַך פון ב ע מ ק אַ, אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון ברעג, האָבן מיר געמאָסטן די טיפקייט פון דער אָזערע, וועלכע האָט דאָ געהאַלטן 64 מעטער.

די הערלאַכע לאַנדשאַפט פון די בערג און די זיס-שמעקעדיקע וועלדער האָבן אונז ממש פאַרכשופט. אויפן וועג פון ב אַ ג אַ-מ אָ י אָ קיין אודזשידזשי האָב איך נישט געזען אַזעלכעס, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט די פישער-דערפלאַך, וואָס ליגן אין שאָטן פון פאַלמען,-באַנאַנען-און מימאָזען-וועלדלאַך. די בערג האָבן זיך געשפּיגלט אין די שטילע וואַסערן פון אויסגוס און האָבן אים פאַרהיט פון שטורעמווינטן. דער רייכער פישפאַנג צוזאַמען מיט אַנדערע נאַטור-מתנות מאַכט די איינגעבוירענע פאַר רייכע און גליקלאַכע מענטשן, וואָס ווייסן נישט פון נויט. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן די פאַרצווייפלונג פון אָט די מענטשן, ווען זיי ווערן געפאַנגען פון באַנדיטן און אַוועקגעשלעפט קיין זאַנזיבאַר, כדי פאַרקויפט צו ווערן פאַר שקלאַפן. מען קאָן זיך משער-זיין, ווי זיי קרעכצן און בייענקען נאָך דער גליקלאַכער היים, וואו זיי האָבן געלעבט אַזאַ רוהיק לעבן!

אונזער צווייטער לאַגער איז געווען נ י אַ ז אַ נ ג אַ. דאָ האָב איך דערשאָסן אַ ריזיקע מאַלפּע פון אַנדערטהאַלבן מעטער זייער לייַנג מיט אַ פּרצוף, ענלאַך צו אַ הונט. פאַר אונזערע אויגן איז דורכגעלאָפן אַ גרויסע יאַשצערקע פון דריי פערטל מעטער די לייַנג. צווישן די פייגלאַך, וואָס האַלטן זיך דאָ אויף, אין באַזונדערס אינטערעסאַנט דער פ ר י י ל אַ כ ע ר ב אָ כ ש ט ע ל ץ, וועלכער איז אָנגענומען ביי די איינגעבוירענע פאַר אַ מלאך השלום, פאַר אַן אָנזאָגער פון גוטע בשורות, און דעריבער טאָר מען אים נישט טאָן קיין שאָדן. ווער עס טוט אים עפּעס שלעכטס, ווערט שטריינג באַשטראָפט. ביי אונזער אויסשטייגן זיינען זיי אונז געפלויגן אַנטקעגן אַזוי נאָענט, אַז מען האָט זיי געקאָנט לייכט כאַפּן מיט די הענט.

אויפן דריטן טאָג זיינען מיר, נאָך אַ פּיר שעהדיקן שווימען, גע-

קומען צום טייך און דאָרף ס אַ ס י, אין אַ מאַלערישער און געדיכט-באַזעצטער געגנט. אויסגעמאָסטן די טיפקייט פון דער אָזערע, האָב איך מיט מיין 210 מעטער-לאַנגן שטריק נישט דערגרייכט דעם גרונט. אַגב האָט זיך דער שטריק צעריסן, בשעת מען האָט אים געשלעפּט צוריק. צום גליק האָט ליווינגסטאָן אַרויסגעהאָלפן מיט זיין שטריק און אין אייניקע שטעלן פעסטגעשטעלט אַ טיפקייט פון 550 מעטער.

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר דערזען די אינזל נ י אַ ב י ג מ אַ ביי דער גרעניץ צווישן או ד ז ש י ד ז ש י און או ר ו נ ד י. פון דער אינזל האָבן מיר געזען אַ הערלאַכע אָפענע וועלט פון טייכן, בערג און גרינע טאָלן. איידער מיר זיינען געפאָרן ווייטער, האָבן מיר יעדן פון אונזערע לייט פאַרזאָרגט מיט צען פּאַטראָנעס אויפן פאַל פון אַ קאַמף מיט די וו אַ ר ו נ ד י, וואָס וואוינען מיט צוויי סטאַציעס ווייטער. דידאָזיקע וו אַ ר ו נ ד י ליידן נישט, אַז פרעמדע זאָלן קומען אין זייער גבול.

שפּעטער זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן דעם קאַפּ ק אַ ז אָ פּ ו און פיל אַנדערע לאַנדשפּיצן. מיר האָבן געלאַגערט אין מ ו ק ו נ ג ו, וואו מיר האָבן געמוזט צאָלן מס. די אונטערהאַנדלונג מיטן ראש פון מ ו ק ו נ ג ו האָט געפירט ד״ר ליווינגסטאָן, אַלס דער עלטסטער און געניטסטער אין אונזער עקספּעדיציע.

דער ראש פון מ ו ק ו נ ג ו האָט ביי אונז געפאָדערט 10 מעטער טוך. דער דאָקטאָר האָט אים געפרעגט, צי ער האָט נישט עפּיס מיטגעבראַכט פאַר אונז, און באַקומען אַן ענטפער, אַז עס איז איצט צו שפּעט און מען קאָן קיין זאַך נישט באַקומען; אויב מיר וועלן אָבער באַצאָלן דעם מס, איז דער ראש גרייט אונז עפּיס צו געבן, ווען מיר וועלן גיין צוריק. ליווינגסטאָן האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז ער וועט אויך צאָלן דעם מס, ווען מיר וועלן גיין צוריק. האָט דער ראש ממש געשטוינט פון אַזאַ מין ענטפער און איז נישט מרוצה געוואָרן דערויף. זיינען מיר אָנגעשטאַנען אויף אים, ער זאָל אונז דאָך ברענגען כאָטש איין שעפּס, מחמת מיר זיינען הונגעריק און ווילן עסן אַ שטיקל פלייש. האָט דער ראש נאָכגעגעבן. ער האָט אונז באַלד גע-

בראַכט אַ שעפּסל מיט אַ טאָפּ זיסן און שטאַרקן פּאַלמען-ווייַן.

דאָס שעפּסנפלייש האָט אונדז זייער גוט געשמעקט, דער פּאַלמען-ווייַן אויך, אָבער ער האָט אונדז פאַרשאַדט. סוזי, ליווינגסטאָנס משרת, און באַמביי, דער פירער פון מיין קאַראַוואַן, וועלכע האָבן ביידע געדאַרפט אָפּהיטן דאָס שיפל מיט אונדזערע זאַכן, האָבן געכאַפּט אַ צו גרויסע פּאָרציע און זייַנען אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי די דערהרגעטע. ביי אַזאַ צושטאַנד האָבן זיי, נאַטירלאַך, נישט געהערט, ווי מען האָט אונדז צוגעגנבעט די פּאַטראָנעס, קוילן, אַ זאַק מעל און דעם גאַנצן זאַפּאַס צוקער, וואָס האָט געהערט צום דאָקטאָר. בלויז די פּחדנות פון די גנבים האָט געשטערט צו פאַרכאַפּן דאָס שיפל מיטן גאַנצן האָב און גוטס און מאַכן באַמבייען און סוזין פאַר שקלאַפן.

ווייטער זייַנען מיר פאַרבייגעפאָרן געדיכט-באַוואַקסענע דערפער, הויכע בערג און טייכן. עפטער האָבן אַנדערע שיפלאַך געוואָלט אונדז אַריבעריאָגן, געמאַכט אַ געוועט מיט אונדז און געפלויגן איבערן וואַסער הענדו-פענדום, אַזוי, אַז זיי האָבן געקענט אַריינפאַלן אין טייך און אויפגעפרעסן ווערן פון די קראָקאָדילן. אין אַנדערע ערטער האָבן קינדער זיך געשפּילט אין וואַסער און די מוטערס, שטייענדיק אונטער אַ שאָטן פון אַ בוים, האָבן זיך צוגעקוקט מיט גרויס שמחה צו זייער שפּיל. דערפון האָב איך געדרונגען, אַז אין דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע גופא איז פאַראַן ווייניק קראָקאָדילן, סיידן אין יענע ערטער, וואו די טייכן פאַלן אַריין אין דערדאָזיקער אָזערע.

ביי דעם קאָפּ פון מורעמבווע ליגט אַ גרופּע אינזולען ביקאַרי. לויטן ראַט פון אונדזערע פירער האָבן מיר אויסגעמיטן אַלע ערטער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שלעכטן שם ביי זיי. זיי האָבן אָבער, משמעות, אַליין נישט געקאָנט די דאָזיקע ערטער און אונדז געראָטן זיך אָפּצושטעלן אין ביקאַרי. איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן זיך צו פאַרקירעווען אין דער ריכטונג פון ביקאַרי, האָבן זיך פון דאָרט דערהערט ווילדע

געשריי.ן, אַז מיר זאָלן בלייבן שטיין בײַ זייער ברעג, אַז נישט וועלן זיי זיך נוקם-זיין אָן אונז מיט דער נקמה פון גרויסן וו א מ י. מחמת דידאָזיקע שטימען האָבן געקלונגען נישט זיי- ער אַנגענעם, האָבן מיר זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט זיי פאָלגן. דערזען, אַז זייערע סטראַשונקעס ווירקן נישט, האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אויף אונז, וואָס איינער פון זיי האָט מיך שיער נישט געטראָפן. איך האָב זיי געוואָלט מכבד זיין מיט אַ פּאָר קוילן, אָבער ליווינגסטאָן האָט מיך אָפּגעהאַלטן. אַזאַ פײַנטלאַכע באַציהונג צו אונז האָבן מיר באַ- מערקט כמעט אין יעדן דאָרף און דאָס האָט אונז פאַרשאַפט גרויס פאַרדרוס. מיר זײַנען דעריבער געגאַנגען ווייטער, אָן שום הפסקות ביזן לאַנדשפּיץ מ ו ר ע מ ב ו ו ע, וואָס איז געווען אַזוי גוט געשיצט דורך אַ וואַלד פון דערנער און דורך אַ וואַסער, אַז מיר האָבן געקענט זײַן זיכער געגן אַן אָנפאַל. מיר האָבן צוגעשלעפּט אונזער שיפל צום ברעג און אונזער געשיקטער קוכער פערנאַנדעס האָט באַלד פאַרלייגט אַ פייער אויף אַ זאַמדיק אָרט און אָפּגעקאָכט קאַווע. דער דאָקטאָר האָט דערציילט שיי- נע מעשיות פון זײַן לעבן צווישן די פעלקער, און מיר האָבן זיך געוויילט גאָר נישקשהדיק.

אַ געפֿערלעכער נאַכט-אָנפֿאַל.

פֿון מורעמבווע זיינען מיר געגאַנגען ווייטער אין דער ריכטונג פֿון קאַפּ סענטאַקעדזשי. אונזערע מענטשן האָבן שטאַרק גערודערט. שוין צען שעה ווי מיר אַרבעטן אויפֿן וואַסער, דאָך זיינען מיר נאָך אַלץ ווייט פֿון סענטאַקעדזשי. מחמת עס איז געווען אַ העלע לבנה-נאַכט און עס איז געווען נישט זיכער זיך אָפּצעשטעלן, האָבן אונזערע איינגעמאַטערטע מענטשן איינגעוויליקט צו פֿאָרן נאָך אַ פּאָר שעה. אַרום אַכט אַ זייגער אין אָוונט זיינען מיר אַרויסגעשטיגן אויף אַ שטילן אָרט. דאָ האָבן מיר געטראַכט צו בלייבן אַ פּאָר שעה, נישט מאַכן קיין גערויש, מען זאָל אונז נישט דערהערן און דערנאָך וועלן מיר זיך לאָזן ווייטער אין וועג. אונזער טיי-קעסל האָט שוין באַלד אויפֿגעקאָכט און אונזערע לייט האָבן נאָר-וואָס אָנגעצונדן אַ קליין פֿייער, כּדי צוצושטעלן גריץ אין זייער ערד-טעפּלאַך. אָבער אין דעם מאָמענט האָבן אונזערע שומרים אונז אָנגעזאָגט, אַז שטילע געהיימע שאָטנס גנבענען זיך צו אונזער לאַגער. מיר האָבן זיך אָנגערופֿן צו זיי, און זיי האָבן זיך באַלד אַנטפּלעקט און אונז באַגריסט. אונזערע פֿירער האָבן זיי דערקלערט, אַז מיר זיינען וואַנגוואַנאַ און ווילן דאָ לאַגערן ביז אינדערפֿרי. אויב זיי האָבן עפּיס צו פֿאַרקויפֿן, וועלן מיר גערן קויפֿן. האָבן זיי גע-

זאָגט, אַז זיי זײַנען זייער צופרידן מיט אונז און אַז אינדערפרי וועלן זיי קומען צו אונז מיט פּראָדוקטן און שליסן מיט אונז גוט־פריינטשאַפט. מיר האָבן אָבער באַמערקט, אַז זיי שטייען גוט אָרום מיט די אויגן אונזער לאַגער. בעת מיר האָבן געטרונקען טיי, האָבן די שומרים אונז ווידער געמעלדן, אַז אַ ווילדע מחנה גייט צו אונז. זיך דערנענט צו אונז, האָבן זיי אונז באַגריסט און, ווי די ערשטע, גוט אַרומגעקוקט אונזער לאַגער. נאָכדעם זײַנען זיי אויך אַוועק מיט דער איינגענער פריינטלעכקייט, ווי די ערשטע. באַלד דערויף איז געקומען אַ דריטע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך נוהג געווען אַזוי, ווי די פריערדיקע. פון דעם אַלעם האָבן מיר געדרונגען, אַז דאָס גאַנצע דאָרף ווייס שוין פון אונזער לאַגער. מיר האָבן אויך באַמערקט, אַז אַ צוויי שיפלאַך דרייען זיך אַרום אַהין און צוריק און, אַז אַט דאָס דרייען זיך איז עפּיס זייער פאַרדעכטיק. מיר האָבן געהאַט גענוג סבות צו זײַן אומרואיק. בפרט, אַז עס איז פון די זעלטענע זאַכן, אַז איינגעבוירענע זאָלן קומען ביינאַכט מיט וויזיטן. אין האַרץ האָט זיך פאַרגנבעט עפּיס אַ חשד. בינו־לבינו איז געקומען אַ נײַע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געהאַלטן זייער רויִק. געענדיקט דאָס אָוונטברויט, האָבן מיר געהאַלטן פאַר נייטיק וואָס שנעלער זיך צו שיידן מיט אונזערע פּלומרשטע גוטע פריינט, און קוים זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען, האָבן מיר געשיקט אונזערע לייט צום שיפל, זיך אַליין אַהין אַריינגעזעצט און געהייסן אָפּפאָרן פונקט אין דער רעכטער צייט. בעת אונזער שיפל האָט אינדערפינסטער זיך געגליטשט איבערן וואַסער, האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט דעם דאָקטאָר אויף מערערע טונקעלע געשטאַלטן, וואָס איינציקע פון זיי האָבן זיך פאַרבאָרגן הינטער די פעלזן פון דער רעכטער זייט; גלײַכצײַטיק זײַנען געקומען מענטשן פון דער לינקער זייט אויך אויף אַזאַ פאַרדעכטיקן שטייגער, און באַלד האָבן מיר דערהערט קולות פון יענעם אָרט, וואו מיר זײַנען פריער געשטאַנען.

— מיר האָבן זיי גוט אָפּגעטאָן! — האָט זיך ליווינגסטאָן אָנגערופן,

בעת מיר זיינען געפֿאָרן איבער דער אָוערע.
די אָפּגעװאַרטע באַנדיטן זיינען געבליבן הינטער אונז.
דאָ האָט מיר דער דאָקטאָר ווידעראַמאָל נישט דערלאָזט צו געבן אַ פּאָר גוט-געצילטע שאָסן אין דעם עולם, אַלס אַ התראה, אַז מען טאָר נישט באַפֿאַלן אַ פֿרעמדן. איך מיין אָבער, אַז אין אַ גוריטיקן פֿאַל וועט ליווינגסטאָן נישט פֿאַרזוימען צו געבן אַזאַ מין באַפֿעל צום שיסן.

דער סוד פֿונם טײַך רוזיזי.

אין מאַגאַלאַ האָבן מיר זיך שוין בעסער געשפּירט. מיר זײַנען געקומען אַהין באַלדעם, ווי מיר האָבן אַכצען שעה גערודערט און דורכגעשוואומען 72 קילאָמעטער. מיר זײַנען דאָרט באַגריסט געוואָרן דורכן ראש פֿון אורונדי, אַ לאַנד, וואָס ליגט אין צפֿון פֿון אודזשידזשי. פֿאַר טוך און פּאַטשערקעס האָבן מיר באַקומען אַ שײנעם שעפּס און מילך.

די ברייט פֿון דער אָזערע האָט אויף דעם אָרט דערגרייכט פֿון 12 ביז 16 קילאָמעטער.

אין מאַגאַלאַ האָבן מיר געהערט, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן מוקאַמבאַ, וואָס מיר זײַנען איצט געפֿאָרן איבער זײַן לאַנד, און וואַרומאַשאַניאַ, דעם סולטאַן פֿון אַ שכנותדיקן לאַנד. מען האָט אונז געעצהט, מיר זאָלן זיך צוריקקערן, אָדער זיך שטעלן אויף אַ צד פֿון די קריגער. מיר זײַנען אָבער געפֿאָרן מיטן צוועק פֿעסטצושטעלן דעם לויף פֿונם טײַך רוזיזי און זיך נישט צו שלאָגן און האָבן דעריבער נישט אָנגענומען די עצה.

בעת מיר זײַנען געקומען אין מוקאַמבאַס לאַנד, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם און מיר זײַנען געווען געצוואונגען זיך אָפּצושטעלן בײַם דאָרף קיזוקאַ. דאָרט זײַנען מיר געוואַריר

געוואָרן, אַז דער קריג צווישן ביידע מלכים באַשטייט אייגנטלעך אין רויב־אָנפֿאַלן, וועלכע פֿאַרציען זיך אַמאָל חדשים־לאַנג. פֿון אַ דאָרטיקן איינוואוינער האָבן מיר אויך געהערט, אַז דער טייך רוזיזי פֿליסט פֿון דער אָזערע קיין מטעזאַס און אוגאַנדאַ. ליווינגסטאָן איז געווען גענייגט צו גלויבן דערין. איך האָב אָבער נישט אָנגענומען דידאָזיקע השערה.

צומאָרגנס האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצושטעלן אין דער רעזידענץ־שטאָט פֿון מוקומבאַ. די איינגעבוירענע האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ ווייסן. אַ גרויסער המון האָט אונז דעריבער אַרומגערינגלט און געגלאָצט אָן אויפֿהער מיט די אויגן. אַלע זיינען געווען באַוואָפֿנט מיט שפּיזן און שטעקנס. מוקומבאַ אַליין איז געקומען אָפּנעמען ביי אונז די מתנות און אונז דערפֿאַר געגעבן פֿלעריי עסנוואַרג. די ידיעות, וואָס דערדאָזיקער ראש האָט אונז געגעבן וועגן דעם טייך רוזיזי, זיינען געווען אַקוראַט דער היפּוך, וואָס מען האָט אונז געזאָגט אין קיזוזי, דאָס הייסט, אַז דערדאָזיקער טייך פֿאַלט אַריין צוריק אין דער טאַנגאַניקאַ.

צומאָרגנס האָבן מיר געהאַט אַ פֿאַל, וואָס האָט אונז געקאָנט איבערצייגן אין ליווינגסטאָנס גוטהאַרציקייט, וואָס אין אַפֿריקע ווערט עס גיכער באַטראַכט פֿאַר אַ שוואַכקייט. סוזי, דעם דאָקטאָרס משרת, האָט זיך אָנגעשכּורט מיט הירזשביר. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָב איך דערהערט אינעם דאָקטאָרס צימער אַ שטאַרקן קלאַפּ, פּונקט ווי וואָלט עמיץ אַנידערגעפֿאַלן. דאָס איז אָנגעקומען דער שכּורער סוזי און זיך אַנידערגעלייגט אויף ליווינגסטאָנס געלעגער. דער דאָקטאָר, וועלכער איז, קענטיק, געווען גוט פֿאַרשלאָפֿן, האָט געמיינט, אַז דאָס האָב איך מיך אַנידערגעלייגט נעבן אים, האָט ער מיר אָפּגעטרעטן אַ פּלאַץ און זיך איינגעקאָרטשעט, ווי ווייט מעגלאַך. באַלד האָט ער אָבער דערקאָנט סוזין, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט די גאַנצע בעט און אַרויסגעצויגן אויף זיך די גאַנצע וואַרעמע קאָלדרע. אָבער אָנשטאָט צו כאַפּן אַ שטעקן, האָט דער דאָקטאָר לייכט אַ קלאַפּ געטאָן סוזין אין פּלייצע און אַ געשריי געטאָן:

—סוזי, שטיי אויף, דו ליגסט אין מיין בעט. למאי האָסטו זיך אַזוי אָנגעשפּורט? איך האָב דאָך דיך שוין אַזויפיל מאָל געוואָרנט! שטיי אויף!

סוזי האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט דערפון און האָט זיך נאָך שטאַרקער צעכראָפּעט. ערשט דעמאָלט האָט אים ליווינגסטאָן געגעבן עטלאַכע גוטע קלעפּ, און יענער איז געקומען צו די רעיונות. צומאָרגנס האָט סוזי זיך געשעמט און איז געווען זייער נידערגעשלאָגן.

אויף מאָרגן זיינען מיר געפאָרן ווייטער איבער דער אָזערע און אין ניין שעה צייט זיינען מיר שוין געווען ביים סאַמע עק אין מוגיהעוואַ. אַזויאַרום האָבן מיר דערגרייכט דעם עקסטן צפונשפּיץ פון דער אָזערע.

דאָס לאַנד מוגיהעוואַ ליגט אין דער דעלטע פונם טייך רזיזי. עס איז אַ פלאַך לאַנד און פאַרמאָגט פּראַכטפולע לאַנקעס, אויף וועלכע עס פאַשען זיך גרויסע טשערעדעס. רוהינגאַ, דער ראש פון לאַנד, וועלכער האָט אונז באַזוכט און געבראַכט שיינע שפּעסן, איז געווען אַ קלוגער מענטש; ער האָט אונז געגעבן באַדאַכטע און גענויע תשובות אויף אונזערע פראַגן. ער האָט אונז אויך געגעבן גענויע ידיעות וועגן די אַרומיקע שטחים פון אורונדי ביז אוחיראַ,—אַ געביט, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף גאַנצע דרייסיק טעג נסיעות אין דער צפון-מזרח ריכטונג, ביז דער הויפּטשטאָט פון מוועזי, דעם סולטאַן פון אורונדי. אין צפון פון אורונדי ליגט רואַנדאַ, אויך זייער אַ גרויס לאַנד. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער טייך רזיזי פליסט אַרויס נישט ווייט פון דער קיוואו-אָזערע, וועלכע האָלט 30 קילאָמעטער די לייגג און 12 קילאָמעטער די ברייט, און האָט פיל טייכלאַך. בעת מיר זיינען געגאַנגען אָנקוקן דעמדאָזיקן טייך, וועלכער האָט אונז אַזוי שטאַרק אינטערעסירט, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ זומפּיק און פלאַך וואַסער, וואָס פאַלט אַריין אין דער טאַנגאַניקאַ אין אַ ברייטער דעלטע. אין דעמדאָזיקן טייך שוויבלט און

ריבלט מיט קראָקאָדילן. היפּאָפּאָטאַמען האָבן מיר דאָרט נישט געזען.

אַזױ אַרום האָבן מיר דערפילט אונזער אױפגאַבע, און אונזערע ספקות װעגן דעם טײך ר ו ז י ז י זײנען אױפגעקלערט געװאָרן. איצט האָבן מיר געקאָנט פאָרן צוריק; דעם 7-טן דעצעמבער האָבן מיר טאַקי געמאַכט די התחלה פונם צוריקקער. פאַרבײגעפאָרן די ק אַ ט אַ נ ג אַ ר אַ-א י נ ז ל ע ן, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין ק אַ ו י מ ב אַ, בכדי דאָרט צו פרישטיקן. צוליב דער אַלגעמײנער אומזיכערקײט פון לאַנד, װאָס האָט זיך געפונען אין קריגסצושטאַנד, און צוליב מאַנכע פאַרדעכטיקע שאָטנס, װאָס האָבן זיך אַרומגעשלײכט אַרום אונזער לאַגער, האָבן מיר אױסגעשטיגן אין אַ פאַרבאָרגענעם װינקל און דאָרט זיך אַרומגעצוימט מיט דערנער.

דער צוריקקער קיין אודזשידזשי

אַיצט זיינען מיר געפאָרן לייגגאויס דעם מערבבּרעג פון דער אָזערע, וועלכער איז געווען העכער פון די וואַלדי-קע בּרעגן פון אורונדי, און איז געווען באַדעקט מיט רייכע טראָפּישע צמחים.

באַלד האָבן מיר זיך דערנענט צום לאַנדשפּיץ קאַבאָגי, וואָס אין זיין שכנות האָבן מיר באַמערקט די פעלזיקע אינזע-לאַך. די גרעסטע פון זיי האָט געהאַלטן 100 מעטער די לייִנג און 60 מעטער די ברייט. דאָ זיינען מיר געבליבן אויף נאַכט-לעגער. אויף דער אינזל האָט געוואוינט אַן אַלטער רויטער האָן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אַהער פאַר אַ קרבן, מכפר צו זיין די זינד פון די איינגעבוירענע, און אַ פּאָר באַטשטוגעס. מער איז דאָרט נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש. ווען די פייגלאַך האָבן אונז דערזען, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אַריבערגעפלויגן אויף דער דערבייאיקער אינזל און פון דאָרט געקוקט אויף אונז. מיר האָבן נישט געקאָנט אַרויסריידן דעם נאָמען פון דער אינזל, און דעריבער האָט זי ליווינגסטאָן לכבוד מיר אָנגערופן „ניו-יאָרק העראַלד-אינזל”.

דעם ניינטן דעצעמבער פאַרטאָג האָבן מיר זיך געאיילט אין וועג אַריין. אונז האָט אויסגעוויזן, אַז די בּערג-איינ-וואוינער גרייטן זיך צומאַכן אַן אָנפאַל אויף אונז און נאַכ-

דעם אַוועקשלעפּן אונז אַלס שקלאַפן. באַאומרוהיקט פון אַזעלכע רעיונות, האָבן אונזערע לייט גערודערט מיט אַלע כוחות. אינם געביט פון די וואַזאַנזי, ביים קאַפּ לובומבאַ האָבן מיר זיך מכין געווען אויפצושטעלן אונזער לאַגער. מחמת די איינוואוינער האָבן אונז אויסגעזען צו זיין רוהיקע און העפלעכע. מיר האָבן געלאָזט צוגרייטן אונזער פרישטיק און זיך צוגעלייגט, ווי געוויינלאַך, כאַפּן אַ דריעמל. איך בין באַלד איינגעשלאָפן מיט זיסע היים-חלומות. פּלוצלונג אָבער האָב איך דערהערט אַ געשריי:

—שטייט אויף, מיין הער! מען שלאָגט זיך.

איך בין אויפגעשפּרונגען און אַ כאַפּ געטאָן דעם רעוואָלווער. צווישן מיינע לייט און אַ כאַליאַסטרע איינגעבוירענע איז, אַפּנים, געקומען צו אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס. אַ זיבן אָדער אַכט פון די אונזעריקע האָבן זיך באַהאַלטן אונטערן שיפל און אויסגעשטעלט זייער אָנגעלאָדן געווער אויף דער צעדרייצטער מאַסע, וועלכע איז אַלעמאָל געוואָרן גרעסער אין צאָל. דעם דאָקטאָר האָב איך נישט באַמערקט.

—וואו איז דער דאָקטאָר?—האָב איך געפרעגט.

—ער איז אַוועק מיט זיין קאָמפּאַס צו יענעם באַרג,—האָט זיך סעלים אָנגערופן.

—ווער איז געגאַנגען מיט אים?

—סוזי און דזשומאַ.

—באָמביי, שיק תיכף צוויי מענטשן נאָכן דאָקטאָר.

אין אָט דעם אויגנבליק האָט זיך באַוויזן דער דאָקטאָר און זיינע ביידע באַגלייטערס אויפן שפּיץ פון באַרג און רוהיק זיך צוגעקוקט צודערדאָזיקער טראַגיקאָמישער סצענע. ווי ערנסט עס איז געווען דער צוזאַמענשטויס, האָט זיך דאָך געגלוסט צו לאַכן: אַ נאַקעטער טויט-שכורער יינגל, וועלכער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט געפּאַטשט די ערד מיט זיין לענדן-טוך און געשריען, ווי אַ משוגענער. ער האָט געשוואוירן, אַז ער וועט בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז אַן איינציקער

מגוואַנאַ, אָדער אַראַבער זאָל זיך אויפֿהאַלטן אַפֿילו איין רגע אויפֿן הייליקן באָדן פֿון מאַזאַנזי. זיין טאַטע איז אַפֿילו געווען אַזוי שפּור ווי ער. דאָך אָבער האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן רוהיקער.

בינו-לבינו האָט זיך ליווינגסטאָן דערנענט און רוהיק אַ פֿרעג געטאָן, וואָס דאָ איז געשען. האָט מען אים דערציילט, אַז די איינגעבוירענע פֿאַרלאַנגען, מיר זאָלן זיך אָפּטראָגן פֿונדאַנען, מחמת זיי שטייען אין קריג מיט די אַראַבער. אַן אַראַבער האָט אַמאָל גוט אָנגעבראָכן די ביינער אַ זון פֿון סולטאַן דערפֿאַר, וואָס יענער האָט זיך דערוועגט אַריינצוקוקן אין זיין האַרעם. פֿון דעמאָלט אָן איז געשטערט געוואָרן דער שלום צווישן די אַראַבער און די וואַזאַנזי.

נאָך אַ ישוב-הדעת מיט אונזערע פֿירער זיינען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז גלייכער צו באַרוהיקן דעם סולטאַן דורך אַ געשאַנק, איידער זיך אַריינצולאָזן אין אַ קריג. דער דאָקטאָר האָט אויפֿגעדעקט זיין אָרעם און געוויזן, אַז ער איז נישט קיין מגוואַנאַ און נישט קיין אַראַבער, נאָר אַ ווייסער. די ווייסע זיינען גאָר אַנדערע מענטשן און האָבן קיינמאָל נישט פֿאַרשאַפֿט קיין שום בייז די שוואַרצע. דידאָזיקע ווערטער האָבן, קענטיק, געמאַכט אַ גרויסן רושם, און דער שכורער פֿאָטער מיטן זון האָבן ביידע זיך אַוועקגעזעצט און שוין אָנגעהויבן ריידן געלאַסן. ליווינגסטאָן האָט ווייטער געפֿירט זיין שמועס אויף אַ רוהיקן פֿאָטערלעכן אופֿן, און די פּראָטעסטן געגן די אַראַבער האָבן אַ ביסל נאָכגעלאָזן. פּלוצלונג האָט דער אַלטער סולטאַן זיך אויפֿגעהויבן, גענומען אַרומלויפֿן אַהין און אַהער און בעת-מעשה זיך בכּיון פֿאַרוואונדעט אַ פֿוס מיטן שאַרפֿן שפּיץ פֿון זיין פּיקע. באַלד דערויף האָט ער אויסגערופֿן, אַז די מגוואַנאַ האָבן אים פֿאַרוואונדעט.

דעמאָלט האָט אַ טייל פֿון פֿאַרזאַמעלטן המון געמאַכט פּליטה. אַן אַלטע פֿרוי האָט אָנגעהויבן זידלען דעם סולטאַן און אים פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז ער וויל אומברענגען דאָס גאַנצע דאָרף. אַנ-

דערע ווייבער האָבן גענומען איינטענהן מיט אים, אַז ער זאָל זיך נישט שלאָגן און בעסער אָננעמען די מתנה, וואָס מיר האָבן אים געוואָלט שיינקען.

אָבער נישט-געקוקט אויף די ווייבערשע רייד און זידלערייען, האָט דאָך געהאַלטן, אַז עס זאָל אויסברעכן אַ בלוטיקער געשלעג. נאָר דאַסמאָל האָט ליווינגסטאָן חידערשמאָל אַרויסגעהאָלפן. ער האָט געפחירקט, אַז עס זאָל אויסגעמיטן ווערן די בלוטפאַרגיסונג, וואָס איז לחלוטין איבעריק. סוף-כל-סוף האָט זיך איינגעגעבן משלח צו זיין דעם שכורן פאָטער מיטן זון אין אַ געהויבענער פריילאַכער שטימונג.

בעת דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעטענהט מיט די איינגעבוירענע און זיך באַמיט זיי צו באַרוהיקן, האָב איך פאַנאַנדערגענומען דאָס געצעלט און זיך געאיילט אַריינצעפירן די שיפלאַך אין וואַסער און באַוואָרגן דאָס געפעק. נאָכדעם, ווי די פאַרהאַנדלונגען מיטן טולשאַן זיינען פאַרענדיקט געוואָרן, האָב איך געבעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל צריין אין שיפל. דער געשלאָסענער שלום האָט מיר אויסבעוויזן צו זיין אַ שטילשווייגן פאַר אַ שטורם.

אונזער צוריקקער איז צוגעגאַנגען גלאַט, אָן שום מכשולים, און אין אַ פּאָר טעג אַרום, דעם 12-טן דעצעמבער, זיינען מיר געקומען בשלום קיין אודזשידזשי.

אונזער געלונגענע נסיעה אויף דער טאַנגאַניקאַ האָט געדויערט 28 טעג, און פאַר דער צייט האָבן מיר דורכגעמאַכט 500 קילאָמעטער אויפן וואַסער.

דאָס טאַנגאַניקאַ-געביט.

איך וועל פּרובן אין קורצן באַקאַנט מאַכן די לייענער מיט די טאַנגאַניקאַ-געביטן און מיט דערדאָרטיקער באַפעלקערונג.

דידאָזיקע געביטן כאַפּן אַרום די לענדער פון אוניאַמוועזי ביז מאַניעמאַ און צעפאַלן זיך אויף פיל קליינע פּראָווינצן. אוניאַמוועזי איז אַ לאַנד פון 60,000 קוואַדראַט-קילאָמעטער און באַשטייט פון עלף באַזונדערע פּראָווינצן מיט באַזונדערע ראשים, וואָס די וויכטיקסטע פון זיי איז אוניאַניעמבע.

בכלל קאָן מען זאָגן, אַז אוניאַמוועזי איז דאָס שענסטע לאַנד אינם מזרח פון צענטראַל-אַפריקע. ווער עס קוקט פון אויבן אויפן לאַנד, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע, דער זעט פאַר זיך גרויסע וועלדער און לאָנקעס, וועלכע זיינען ערטערווייז דורכגעשניטן מיט נאַקעטע טאָלן און שטחים, וועלכע שפּרייטן זיך אויס אין אַלע זייטן. וואו-נישט-וואו הייבן זיך אויף פעלזיקע בערג, וואָס שטאַרצן אַרויס פון דער כוואַליעאַרטיקער אויבערפלאַך. אוניאַמוועזי האָט בלויז צוויי טייכן: דעם צפון- און דרום-גאָמבע, וועלכע האָבן אומעטום אַנדערע נעמען לויט דער פּראָווינץ, וואו זיי שטראָמען אַדורך. דער צפון-גאָמבע איז אַ היבש וואַסער, איבער וועלכן מען

קאָן פאָרן אין לייכטע שיפלאַך אין דער רעגנצייט.

די צמחים-וועלט איז אין די דערמאָנטע לענדער זייער רייך און פאַרשידנאַרטיק. איך וועל אָנרופן בלויז אייניקע ביימער, פון וועלכע די איינגעבוירענע ציִען גרויס נוצן. קודם-כל די סיקאָמאָרע אָדער מטאַמבאַ, וועלכער צייכנט זיך אויס מיט איר ריזיקן פאַרנעם. דאָס איז דער מעכטיקסטער בוים צווישן אויאַנזי און דער טאַנגאַניקאַ, און מיט זיינע פירות נערן זיך די איינגעבוירענע. די איבעריקע מינים ביימער ברענגען אויך גרויסע נוצן די איינוואוינער. דער אימביטע-בוים שטעלט זיי צו גרויסאַרטיקע באַלקנס. פון דעם אַנגענעמען שמעקעדיקן האָלץ, וואָס לאָזט זיך לייכט שניידן, ווערן געמאַכט טירן, אַנדערע הויזטיילן. פונם מקאַראַ-בוים מאַכן די איינגעבוירענע שטולן און די גרויסע סטופעס, אין וועלכע זיי שטויסן דאָס קאָרן אויף מעל. דעם שטויסל באַקומען זיי פון מקוראָנגאָ-בוים, וואָס זיין האָלץ איז האַרט, ווי אַ שטיין. דער מבוגו-בוים פאַרמאָגט אַ ווייכע נוצלאַכע קאָרע, פון וועלכער די איינגעבוירענע אַרבעטן אויס זייער טוך. די דאָזיקע קאָרע, ווען זי ווערט אַ ביסל געטריקנט און אַרומגעריבן, ווערט זי ענלאַך צו אַ דיקן, ווייכן פילץ. מען מאַכט פון דער קאָרע אויך שטריק, שאַכטעלאַך, וואָס ווערן פאַרצירט און באַמאָלט מיט פאַרשידענע פאַרבן. פונם אויסגעהוילטן שטאַם פון מוואולע-בוים ווערן געמאַכט שיפלאַך.

הערלאַך איז די אייל-פאַלמע. פון איר פרוכט ווערט געמאַכט אייל. מען באַקומט אויך פון איר אַ מין זאַפט, פון וועלכן עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ שכור-געטראַנק. פון דער באַנאַנע מאַכט מען מעל אָדער ווייַן, וואָס די איינגעבוירענע רופן עס זאָגגאַ. פון די פרוכטן פון דעם זייער פאַרשפרייטן טאַמאַרינדו-בוים פאַרשטייען די איינגעבוירענע צו מאַכן אַן אָנגענעמע זויערלאַכע משקה. אומעטום ווערט געפלאַנצט באַוול, טאַבאַק און ריצנאייל-ביימער. דיניעס זיינען אויך פאַראַן לרוב. דער אינדיגאָ וואַקסט אין אַ ווילדן צושטאַנד.

די עשירות פֿון צמחים איז אויך אַזוי גרויס, ווי די עשירות פֿון חיות. דער גרעסטער מין מאַלפּע, וואָס איך האָב דאָרט געזען, איז דער וואַנדער-פּאַחיאַן, וואָס איז ענלעך צום לייב. אין די געדיכטע וועלדער און דזשונגלען האַלטן זיך אויף לעמפּערטן און לייבן, וואָס זייער פֿעל מוז אָפּגעגעבן ווערן דעם סולטאַן. שטאַרק פֿאַרשפּרייט איז די הייענע, וואָס איר געיאָמער לאָזט זיך הערן אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט.

פֿאַראַן אַזויפֿיל מינים פֿייגלאַך, אַז עס איז זיי ממש אוממעגלעך אויסצורעכענען. איך דערמאָן בלויז, אַז אין אוגאַנדאַ האָב איך געזען שטרויסן און פּאַפּאַגייען. פֿון קריכנדיקע חיות האָב איך געזען אַ גרויסע גרינע שלאַנג און אַ קלענערע, מיט אַ זילבערפֿאַרביקן רוקן. פֿאַראַן אויך אַ געוואַלטיקע צאָל יאַשטשערקעס.

די קראַנקהייטן, וואָס געוועלטיקן אין צענטראַל-אַפֿריקע, זיינען אָבער, ליידער, נישט ווייניקער אין צאָל, ווי די גוטע מתּנות פֿון דער נאַטור, בפֿרט אַז די רפֿואות פֿון די אַפֿריקאַנישע היימישע דאָקטוירים, אָדער וואַגאַנגאַ, האָבן זייער זעלטן אַ גוטע פּעולה. די שרעקלעכסטע פּלאָג פֿון לאַנד זיינען די פּאָקן. די טויטע קערפּערס, וואָס וואַלגערן זיך ביי די קאַראַוואַן-טראַקטן, באַווייזן אויף אַ בולטן אופֿן וויפֿיל קרבנות דיזאָזיקע קראַנקהייט נעמט צו. עס זיינען פֿאַראַן דערפֿער, וווּ עס איז אויסגעשטאָרבן מער ווי אַ העלפֿט באַפֿעלקערונג. ד״ר ליווינגסטאָן האָט נישט איין אַפֿריקאַנער געראַטעוועט דורך שטעלן פּאָקן. ווען עמיצער פֿון די קאַראַוואַנען ווערט קראַנק אויף פּאָקן, ווערט ער אָפּגעזונדערט פֿון קאַראַוואַן און איבערגעלאָזן אינמיטן וועג, מחמת אַ קאַראַוואַן טאָר זיך נישט אָפּשטעלן און מוז גיין זיין וועג. אויב דער קראַנקער האָט גענוג כּוחות, בויט ער זיך אַ הייזעלע און בלייבט דאָרט איבער, ביז ער ווערט געזונט אָדער ער שטאַרבט.

נאָך אוניאַמוועזי קומט מען קיין אוקאַנאַנגאַ, וואָס איז

באַרימט מיט זיין שיינעם טוך-האָלץ און אײַזנערץ, װאָס ליגט אָפּימאָל אויף דער אויבערפלאַך. מיט אוקאָנאָנגאָ גרענעצט זיך דאָס פרוכטבאַרע, אָבער װייניק באַזעצטע אוקאַװענדי; דערנאָך גייט אוּװינזאַ, װאָס אירע גאָלדגרובן איינמאָל מאַ-לאַנגאַריזאַ האָבן אַרויסגערופן פיל מלחמות צווישן די פאַר-שידענע שטאַמען. דאָס שכנותדיקע לאַנד איז דאָס גרויסע און רייכע אוהאַ, װאָס צייכנט זיך אויס מיט אַ סך אָזערעס און גרויסע טייכן.

פונדאַנען—דורך אוקאַראַנגאַ—קומט מען איינמאָל, און אָט איז שוין אודזשידזשי, אַ פּראָװינץ, װאָס צייכנט זיך אויס מיט איר שיינקייט און פרוכבאַרקייט.

די וואַניאַמוועזי און זייערע שכנים.

דער מערקווירדיקסטער שטאַם פון צענטראַל-אַפריקע איז דער וואַניאַמוועזי. דאָס זיינען שלאַנקע מענטשן מיט לאַנגע גלידער און אַ גוטמוטיקן שמייכלענדיקן געזיכט. אין דערמיט פון די אויבערשטע ציין פעלט ביי זיי תמיד אַ צאָן. דאָס שלאָגט מען אויס בכיון יפטווידערן אַ צאָן, בכדי מען זאָל דער-קענען, אַז ער וואַקסט פון די וואַניאַמוועזיס. דער וואַ-ניאַמוועזי איז בטבע אַ וואַנדערער. שוין פון קדמונים האָט דער וויקער שטאַם אין זיין האַנט דעם טראַנספּאָרט פון סחורות, וועלכע ער טראָגט אויף זיינע פּלייצעס פון איין לאַנד אין אַ צווייטן. אָן דער הילף פון די וואַניאַמוועזיס קענען די אַראַבער זיך נישט לאָזן אין וועג אריין און פירן זייערע סחורות. ווער עס מאַכט אַ נסיעה מיטן צוועק עפּיס אויסצו-פאָרשן, קאָן אָן זיי נישט אויסקומען. מייסטנס געפינען זיי זיך ביי די אַפריקאַנישע ברעגן, וואו זיי וואַרטן, אַז עמיץ זאָל זיי אָנדינגען אויף אַ ווייטער נסיעה טיף אין לאַנד. אין צענ-טראַל-אַפריקע טרעפט מען זיי אומעטום באַלאָדן מיט באַלן פון זאַנזיבאַר, מיט באַוול-סחורות פון אַמעריקע, מעטענעם דראָט פון איינגלאַנד, סוך פון קוטש, פאַטשערקעס פון דייטשלאַנד און דאָסגלייכן. די וואַניאַמוועזי האָבן די מעלה, וואָס זיי לאָזן זיך לערנען און מען קאָן מיט זיי לייכט דורכקומען. אין זיי-

ערע דערפֿער פֿירן זיי אַ לוסטיק פֿריילעך לעבן, אַלס קריגס-
לייט זיינען זיי מוטיק און גרויזאַם. אין א ו ק אָ נ ג אַ און או-
ק אַ ו ע נ ד י זיינען זיי יעגער, אין א ו ז ו ק ו מ אַ אייזנשמעלצער
און בהמות-טרייבער; אין ל י נ ד אַ נעמען זיי העלפֿאַנדביין און
ביי די ברעגן פֿאַרדינגען זיי זיך פֿאַר לאַסטטרעגער.
אָפּערגלויביש און צוגעבונדן צו פֿלערליי כּשופֿמאַכעריי, אַזוי
ווי ס'רוב אַפֿריקאַנישע שטאַמען, האָבן דאָך די וואַניאַמוועזי
אַ באַשטימטע פֿאָרשטעלונג וועגן גאָט, וועמען זיי רופֿן אָן
„מירינגו.” זיי באַטראַכטן גאָט פֿאַרן שעפֿער און אויסטיילער
פֿון דער גאַנצער עשירות אין דער וועלט. זיי בעטן צו אים,
ער זאָל זיי שענקען רייכקייט און לייטזעליקייט. ווען עמ'ץ
שטאַרבט ביי זיי, זאָגן זיי: „מירינגו האָט אים צוגענומען,” אָדער:
„ער איז פֿאַרלוירן געגאַנגען”, „עס איז גאָטס זאַך”.
די וואַניעמוועזי, סיי מאַנסלייט און סיי פֿרויען, האָבן זיך ליב
צו פּוצן און צו פֿאַרברייינגען אין אַ געזעלשאַפֿט. איך האָב
זעלטן ווען געזען אַזאַ מין שמחה און צופֿרידנקייט, ווי ביי
זייערע אַלטע און יונגע ווייבער, בעת זיי פֿאַרזאַמלען זיך פֿאַר-
נאַכט אַרום זייערע הייזלעך און שמועסן בחבֿרותא וועגן די
טאָג-געשעענישן אָדער וועגן פֿראַגן, וואָס זיינען נוגע דער באַ-
לעבאַטישקייט. זייערע פּנימער שיינען און די ווערטער פֿליסן,
ווי בוימאייל. בעת די ווייבער פֿאַרברייינגען און שמועסן, זיי-
נען די מאַנסלייט אויף דער „וואַנזאַ”, אַ מין פֿאַרזאַמלונגס-פּלאַץ,
וואו מען רעדט וועגן געשעפֿט און היימישער פּאָליטיק, נישט
ערגער, ווי אויף די אייראָפּייאישע בערזעס. וואָס די בערזע
איז פֿאַר די מאָדערנע הויפּטשטעט, איז די „וואַנזאַ” פֿאַר
אַ דאָרף אין אוניאַמוועזי.
ווי אַלע נעגערס, האָבן די אוניאַמוועזי זייער ליב מוזיק. אמת,
אַז זייער מוזיק איז ווילד און אָפּטמאָל איינטעניק, אָבער זיי-
ערע בעסטע מוזיקער פֿאַרשטייען זי דאָך צו מאַכן לעבעדיק
און פּיקאַנט. אין זייערע לידער ווערן אַרייַנגעפֿלאָכטן די
לעצטע טאָג-נייעס, פּאָליטישע געשעענישן און סקאַנדאַליעזע

כּישופֿים. אַ װאָך נאָכדעם, װי מיראַמבאַ האָט דערקלערט קריג, איז אין גאַנץ אוניאַמװעזי נישט געװען קיין איין דאָרף, װוּ מען זאָל נישט דערמאָנען מיראַמבאַן אין די לידער, צום גוטן אָדער צו בייזן.

װען מען גייט אַריבער דעם מאַלאַגאַראַזי און מען קומט קיין אוּװינזאַ, געפֿינט מען זיך שוין צװישן אַן אַנדער שטאַם. באַזונדערס באַדאַרפֿן דערמאָנט װערן די װאַבעמבע — מענטשנפֿרעסער, װאָס באַװאױנען די פּעלזיקע הייכקייטן צו מערב פֿון טאַנגאַניקאַ און קעגנאיבער אורונדי. זיי באַװייזן זיך זייער זעלטן פֿאַר אַ רייזנדער. אַראַבישע סוחרים דערציילן, אַז זיי האָבן זיי אַמאָל פֿאָרגעלייגט, צו פֿאַרקױפֿן אַ גוטן אָדער קראַנקן שקלאַף. דערזען אַמאָל אַ זייער פֿעטן און דיקן שקלאַף, האָבן זיי אים געװאָלט אַריינשטעקן די הענט אין מויל און דערביי האָבן זיי אויסגערופֿן מיט פֿאַרװוּנדערונג אויף זייער לשון:

„אוי, ס'אַראַ גוטער מאַכל!...“

די װאַזאַנזי און זייערע שכנים געהערן אויך, װי איך רעכן, צו די מענטשנפֿרעסער. אויף מיין לעבן האָב איך נישט געזען אַזאַ אויפֿגערעגטקייט, װי ביי די דאָזיקע לייט, בעת זיי האָבן באַמערקט, װי מיינע סאָלדאַטן שינדן אָפּ אַ ציג און צעשניידן זי אויף שטיקער. דערזען פֿלייש, זיינען זיי אַזוי װי משוגע געװאָרן. אַזוינס קאָן מען באַמערקן נאָר ביי אַ הונגעריקער װילדער חיה.

די איינװוינער פֿון מאַניעמאַ זיינען די געשיקטסטע פֿאַבריקאַנטן פֿון געװער. די װאַדזשידזשי װידער פֿאַרשטייען צופֿאַבריצירן גוטן טוך פֿון זייער אייגענעם באַװול.

די לעצטע נסיעה אויף דער טאַנגאַניקאַ

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט ליווינגסטאָן באַ-שלאָסן מיך צו באַגלייטן קיין אוניאַניעמבע, כדי דאָרט אָפּצונעמען די סחורות, וואָס זײַנען אים צוגעשיקט געוואָרן פון בריטישן קאָנסול אין זאַנזיבאַר. ער האָט מיר איבערגעגעבן די אָנפירונג איבער דעמדאָזיקן קאַראַוואַן. אויף דער מאַפּע פון דער געגנט האָב איך מיר אָנגעצייכנט דעם וועג, וואָס פירט קיין אוניאַניעמבע אַזוי, אַז מען זאָל אויסמיידן אַלע סול-טאַנען און ראשים און נישט דאַרפן צאָלן קיין מס. עס וועט אַפילו אויסקומען צו גיין דורך דזשונגלעס, אָבער דערפאַר וועט מען פטור ווערן די וואַווינזאַ און די רוצחים-וואַהואַ. איך האָב פאָרגעלייגט דעם דאָקטאָר דעמדאָזיקן פּאָר-פּלאַן און ער האָט איינגעשטימט מיט מיר. בעת איך האָב געמאַכט די הכנות צום אָפּפאָרן, האָט ליווינגסטאָן מיט דער הילף פון זײַנע גרוי-סע טאָגביכער צוגעגרייט זײַן נסיעה באַריכט און געשריבן בריף צו זײַנע אייגענע און פריינט, ווי אויך צום אַרויסגעבער פון „ניו-יאָרק-העראָלד.‟ בעת ער איז געזעסן אין העמד, מיט זײַן גרויסן נאָטיץ-בוך אויף די קני, האָב איך געצייכנט זײַן בילד, וועלכער איז מיר זייער געלונגען.

דעם צוואַנציקסטן דעצעמבער האָט זיך אָנגעהויבן די רעגנצײַט. דרויסן איז אַ שלעכט וועטער און אַ האָגל. עס געוועלטיקט-אויך

דער גוטער וועקסלפיבער, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן בײַ מיר עטלעכע טעג. ערשט ערב פון דער ווילִיע בין איך געזונט געוואָרן, און מיר האָבן באַשלאָסן צו פייערן דעם יום-טוב מיט אַ פּאַסיקער סעודה. מיר האָבן זיך פאַרשאַפט נעטע שאָף, ציגן, פּאַלמענווײַן, ביר, אייער, מילך, גוטע קאָרנמעל, פיש, ציבעלעס, קאַרטאָפל און נאָך פיל אַנדערע גוטע זאַכן. ליידער אָבער האָט אונזער קוכער, פּעראַדושי, פאַרדאָרבן די מאכלים, געמאַכט דרוי דעם אייערקוכן און פאַרברענט דעם בראָטן, אַזוי, אַז מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן. דער כלב האָט נישט באַקומען קיין שמיץ בלויז צוליב דעם, וואָס איך בין געווען צו שוואַך אויפצעהויבן אַ האַנט. איך האָב אים צוגעוואָרפן אַזאַ בייזן בליק, אַז אַן אַנדערער אויף פּעראַדושיס אָרט וואָלט אָפּגעשטאָרבן מיט אַלע אברים. האָט ער זיך אָבער ווייניק געקימערט דערפון. פאַרקערט, אין האַרצן האָט ער זיך נאָך געפרייט, וואָס צוזאַמען מיט זיינע חברים וועט ער זיך קאָנען אָפּפּאַרטיקן מיט דער גאַנצער סעודה.

איך האָב איינגעטיילט אונזער עקספּעדיציע אין צוויי גרופּעס: איינע, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען ליווינגסטאָן און איך, איז געפאָרן מיטן וואַסער און די אַנדערע-אונטער דער ליטונג פון באָמביי און אַסמאַני, איז, אָן געפּעק, געגאַנגען לײַנגאויס דעם ברעג פון דער אָזערע. מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צוזאַמענצוטרעפן ביי יעדן טייך-אויסלאָז, כדי איבערצופירן די יבשה-טיילונג אויף דעם צווייטן ברעג.

דער 27-טער דעצעמבער איז געווען דער טאָג פון אונזער אָפּפאָר. די שיפלאַך, גרויסע שווערע אויסגעהוילטע בוים-שטאַמען, זיינען געווען שווער באַלאָדן מיט זאַפּאַסן. די רודערער זיינען געזעסן אויף זייערע ערטער. די ענגלישע פאָן פלאַטערט אויף ליווינגסטאָנס שיפל און די אַמעריקאַנערישע אויף מיין שיפל. איך קוק מיט אַ געוויסן שטאָלץ, וואָס ביידע אַנגלאָ-זאַקסישע פעלקער האָבן זייערע פאַרטרעטער אויף דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע צווישן דער ווילדער נאַטור און ווילדע מענטשן.

אַראַבישע סוחרים, איניאַמוועזי, גאַפּנדיקע וואַגוהאַ און די ווילדע וואַרונדי האָבן אונז באַגלייט צו די שיפֿלאַך; אַלע זיינען איצט געווען שטיל און זאַגאַר טרויעריק, וואָס די ווייכע פֿאַרלאָזן זיי און פֿאָרן אַוועק.
אונזערע סאָלדאַטן זיינען געווען מלא-שמחה, וואָס זיי גייען קיין אוניאַניעמבע. זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען דאָס ליד פֿון די זאַנזיבאַרער שיפֿסלייט און געדודערט מיט אַלע כחות. טייכן שוויס האָט זיך געגאָסן פֿון זיי און זיי האָבן געמוזט אָפּרוען.

געזונגען האָבן זיי:

מיר זיינען פּטור די וואַהאַ, האַ, האַ!
די וואַווינזאַ וועלן אונז מער נישט פּלאָגן! אָ, אָ!
מיאַנוואַ באַקומט מער קיין מס נישט פֿון אונז! הי, הי!
און קיאַלאַן וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט אָנזען! הע, הע!

אַזוי האָבן זיי געזונגען מיט אַ ווילדן געלעכטער, און די יבשה-אָפּטיילונג האָט אונטערגעהאָלפֿן מיט גרויס התפּעלות.
דעם ערשטן לאַגער האָבן מיר געמאַכט ביי דער וואוינונג פֿון אַן אַלטן ראש, קירינדאַ, ביי דעם אויסלאָז פֿונם ברייטן טייך ליובשע. קירינדאַ איז געווען זייער פֿריינטלאַך צו ליווינגסטאָנען און פֿיינטלאַך צו די אַראַבער, וואָס האָבן זיך אויך דאָ אָפּגעשטעלט מיט זייער קאַראַוואַן. זיי האָבן נישט פֿאַרשטאַנען די סבה דערפֿון. מיר האָבן זי אָבער גוט פֿאַרשטאַנען; ליווינגסטאָן האָט גערעדט מיט קירינדא פֿריינטלאַכע דבורים, איז ער אויך געווען פֿריינטלאַך צו אונז, די אַראַבער אָבער האָבן באַהאַנדלט דעם ראש נישט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ ווילדע חיה און ער האָט זיי אָפּגעצאָלט דערפֿאַר מדה כנגד מדה.
דאָס אַריבערפֿירן די עקספּעדיציע איבערן טייך האָט אונז געקאָסט פֿיל מי. מיר האָבן זיך געמוזט שטאַרק אָפּהיטן פֿאַר די קראָקאָדילן, וואָס האָבן געלויערט אויף אונז.
צומאָרגנס זיינען מיר געפֿאָרן לייגנאויס דעם פֿראַכטפֿולן

ברעג, וואָס זייִנען גראָזן האָבן אויפגעלעבט פון די רעגנס. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט פיל טייך-פערד. אַזוי האָבן מיר דערגרייכט די ברייטן טייך-אויסלאָז פון מאַלאַגאַראַזי, וואו מיר האָבן זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן מיט דער יבשה-אָפּטיילונג. דאָס איבערפּעקלען זיך אויפן צווייטן ברעג האָט פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג. אַזאַ אַרבעט האָבן מיר אויך געהאַט אין אַ מעת-לעת אַרום ביים פאַרסירן דעם טייך רוגופו, וואָס האָט געשווימלט מיט קראָקאָדילן.

כּדי צו דערגרייכן אורימבאַ, האָבן מיר 6 טעג דורכאַנאַנד געמוזט פאָרן איבער אומבאַוואוינטע געביטן און פריער זיך באַזאָרגן מיט גענוג עסנוואַרג. איבער די ווילדע כוואַליעס פון קיוואַ האָבן מיר געררודערט צום קאַפּ מיזאַהאַזי, וואו מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן צוליבן שטאַרקן ווינט. אויף די פעלזיקע שפּיצן פון קאַבאָגאָ, האָבן מיר דערקאָנט די סימנים פון העכסטן וואַסערפּונקט פון טאַנגאַניקאַ-אָזערע. אין דער רעגנצייט שטייגט די טאַנגאַניקאַ ביי אַ מעטער די הויך לגבי דער טרוקענער צייט פון יאָר.

צומאָרגנס נאָך מיין אָנקומען קיין אורימבאַ בין איך צוזאַמען מיט מיין נושא-כּלים געגאַנגען אויף יאַגד. אָפּגעגאַנגען אַרום צוויי קילאָמעטער, האָב איך געטראָפן אַ טשערעדע זעברעס. קריכנדיק אויף אַלע פיר, בין איך אומבאַמערקט צוגעקומען צו זיי אויף אַ מרחק פון הונדערט טריט. דער אָרט איז אָבער געווען אַ שלעכטער. נידעריקע קשאַקעס האָבן מיך געשטאָכן, די צעצע-פליגן זיינען מיר געפלויגן אין די אויגן, צעביסן די נאָז און אַרויסגעבראַכט פון געדולט. צוליבן גערויש, וואָס איך האָב אומגערן אויפגעהויבן צווישן די דערנער, האָבן די זעברעס מיך באַמערקט. איך האָב געצילט אין דער ברוסט פון אַ זעברע, אָבער איך האָב נישט געטראָפן. די זעברעס האָבן זיך געלאָזט לויפן. איך האָב זיך געוואָרפן אויפן פרייען פעלד, אויסגעשאָסן און געטראָפן איין זעברע אין האַרצן. אַזוי אַרום האָב איך פאַרזאָרגט אונזער עקספּעדיציע מיט פלייש אויף דער צייט, ווען

מיר ווע״ן פאָרן איבערן אומבאַקאַנטן לאַנד, וואָס האָט אונז אָפּ־געטיילט פון קאָווענדי.

אויפן דריטן טאָג איז אין אורימבאַ לסוף אָנגעקומען די יבשה־אָפּטיילונג. איצט האָבן מיר שוין געקאָנט צוזאַמען דורכמאַכן אונזער נסיעה. דעם 7־טן יאַנואַר האָבן מיר פאַנאַנדערגענומען אונזער לאַגער און זיך פאַרקירעוועט צום מזרח. דאָס האָט פאַר מיר געהייסן: גיין אַהיים. איך האָב אַפילו אַ ביסל באַדויערט דאָס אָפּפאָרן. איך האָב געהאַט אַזויפיל הצלחה און פרייד און אַזאַ אָנגענעמע געזעלשאַפט ביי די ברעגן פון דער אָזערע! איך האָב געזען אַזויפיל הערלאַכע לאַנדשאַפטן, וועלכע האָבן מיך איינגעהילט אין מנוחה און שטילקייט. איך האָב זיך דאָך גע־זעגנט מיט דערדאָזיקער געגנט אָן טרערן און זיפצן, און האָב מיך צוגעקוקט צו די מעכטיקע בלויע בערג, וועלכע זיינען אַלע־מאָל בלויער געוואָרן, וואָס מער איך האָב מיך דערווייטערט פון זיי.

אַהיים דורך די אורוועלדער.

דורך דעם איינגן און דושנע-הייסן לאַדזשערי-טאָל האָבן מיר דערגרייכט דעם טראַקט, וואָס פירט קיין דרום-קאַוועגדי. דאָסדאָזיקע לאַנד איז זייער רייך אין חיות. צווישן די ביימער האָבן מיר געזען די באָראַסוס-פּאַלמע, וואָס אירע פּירות זיינען אַזוי גרויס, ווי אַ האַרמאַטן-קויל. די איינגעבוירענע רופן עס „מאַביע" און עסן די זאָמען צוגעבראָטענערהייט.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער אויף אַ מאָלעריש בערגל, האָב איך געוואָלט מאַכן אַ פּראָבע צו פאַרשאַפן זיך פלייש פון די חיות, וואָס האָבן זיך דאָ אומעטום געוואָרפן אין די אויגן. איך בין געגאַנגען מיט מיין געווער ליינגאויס דעם ברעג פון טייך אין דער מזרח-ריכטונג. צוויי שעה בין איך אַזוי געגאַנגען דורך אַ געגנט, וואָס האָט אויסגעוויזן זייער מאָלעריש און היימלאַך. נאָכדעם בין איך אַראָפּ אין אַ טאָל, און דאָ האָב איך מיך פּלוצלונג געפונען נעבן יענעם שרעקלאַכן ריז, וואָס אין אַפריקע דינט ער אַלס אַ סימבאָל פון כוח—דער העלפאַנד. זיינע גרויסע, ברייטע אויערן האָט ער געהאַלטן אויסגעשפּרייט, ווי אַן אָנגעבלאָזן זעגל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער וואָרנט מיך מיט זיין געוואַלטיקער

טראַמבע: „טרעט אָפּ!" מיין נושא-כלים האָט אָנגעהויבן שרייען:

— טעמבאָ, טעמבאָ! בּוואַנאַ יאַנגאָ! (אַ העלפאַנד, אַ העלפאַנד, מיין האר !).

און באַלד געמאַכט פּליטה. געקומען צו זיך פון באַפאַלג און שרעק, האָב איך געהאַלטן פאַר קליגער, איך זאָל מיך צוריק־ציען, בפרט אַז מיין ביקס האָט געשאָסן מיט אַזעלכע קליינע קוילן, וואָס דער העלפאַנד וואָלט זיי גאָרנישט געפילט. אַז איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך דערזען, ווי ער באַוועגט זיין טראָמבע, פונקט ווי ער וואָלט זיך אָנגערופן: „עס איז דיין גליק, יונגערמאַן, וואָס דו האָסט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן, אַ נישט וואָלסטו זיך גוט באַצאָלט!.."

מיין שמחה, וואָס איך בין ניצול געוואָרן פון העלפאַנדס טראָמ־בע, איז מיר פאַרשטערט געוואָרן דורך אַ ביק, וואָס האָט מיך איינגעביסן אין נאַקען. יעדנפאַלס איז פון מיין יאַגד גאָרנישט געוואָרן, און איך האָב מיך צוריקגעקערט אין לאַגער אַ מידער און פאַרסאַפּעטער. דאָרט האָב איך געטראָפן מיינע לייט פאַר־צאַגטע און נידערגעשלאָגענע. זיי האָבן נישט געהאַט, וואָס צו עסן און עס איז אויך נישט געווען קיין אויסזיכט עפּיס צו קריגן אין משך פון דריי טעג. זיי האָבן קיינמאָל נישט גע־זאָרגט, וואָס מאָרגן וועט זיין און זיינען בטבע געווען גרויסע אכלערס. האָבן זיי אויפגעפרעסן מיטאַמאָל דאָס גאַנצע ברויט און פלייש, און איצט האָבן זיי געשריען און געוואָרטשעט, ווי די יידן אין מדבר, אַז זיי וועלן אויסגיין פאַר הונגער.

אומעטום זיינען געווען שפורן פון חיות, אָבער צוליב די רעגנס האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין זייערע נאָרעס; אין דער טרו־קענער צייט וואָלטן מיר געקאָנט באַקומען פריש פלייש טאָג־טעגלאַך.

מיין לאַזונג איז איצט געווען: פאָרויס דורך די אורוועלדער! נאָכן רעגן זיינען אַלע פלאַנצן, ביימער און קרייטעכצער אויסגע־וואַקסן, ווי אויף הייוון. די טייכן, וועלכע האָבן אין די הייסע

זומערטעג אויסגעטריקנט, האָבן איצט געשטראָמט מיט אַ פֿריילעכן רעש און געפּילדער צווישן די מעכטיקע ביימער און וואַלדסאָלן אַראָפּ. שיין און פֿאַרכּישופֿט אָקאַוואַנדי! מיט וואָס זאָל איך פֿאַרגלייכן די הימלשקייט פֿון דיין ווילדער און רייכער נאַטור? צי איז פֿאַראַן עפּעס ענלעכס אין אייראָפּע? צי האָב איך ווען אַזעלכעס געזען אין אַזיע? די ערד איז אַזוי פֿרוכטבאַר, די נאַטור אַזוי גוטמוטיק, אַז נישט-ווילנדיק פֿילט מען זיך צו-געצויגן, ווי דורך אַ מאַגנעט. די קראַנקהייטן, וואָס זיינען פֿאַר-באָרגן הינטער דער נאַטור-שיינקייט, וואָלטן געקענט באַזייטיקט ווערן דורך אַרבעט און קולטור. די גאַנצע געגנט מיט איר געדיכט פֿאַרסמטער פֿיבערלופֿט וואָלט מען געקענט מאַכן נישט ווייניקער געזונט, ווי פֿרוכטבאַר. בעת איך האָב געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן פֿון פֿיבער, פֿאַרצאַקט און פֿאַריאָמערט פֿון היץ און פֿון דורשט, פֿילנדיק, אַז מיינע כּוחות גייען אויס, האָב איך דאָך באַטראַכט מיט ליבשאַפֿט די אַרומיקע שיינע לאַנדשאַפֿטן, מיט יעדן טאָג, וואָס איך האָב זיך מער דערווייטערט פֿון דעמאָזיקן לאַנד, בין איך אַלץ טרויעריקער און פֿאַרביינקטער געוואָרן. איך האָב שיער נישט באַקלאָגט מיין גורל, וואָס האָט מיך צעשיידט מיט אָקאַוואַנדי.

אויפֿן ניינטן טאָג פֿון אונדזער מאַרש פֿון די טאַנגאַניקאַ-בערגן האָבן מיר דערזען דעם באַרג מאַגדאַלאַ, וועלכער האָט זיך אויפֿגעהויבן אין צפֿון-מזרח, ווי אַ פֿינסטערע כמאַרע. דאָס איז אַ באַווייז, אַז מיר דערנענטערן זיך צו אימעראַ און אַז אונדזער דרייסטע אונטערנעמונג זיך אַדורכצוקריגן דורך די אומבאַוואוינטע דזשונגלען פֿון אָקאַוואַנדי, וועט אין גיכן געקרוינט ווערן מיט ערפֿאָלג. נישט געקוקט אויף די עצות פֿון די פֿירערס און די פֿאַרשלאָגן פֿון די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע פּעגאַזים, וואָס האָבן מיר יעטוועדער געראַטן צו גיין אויף אַן אַנדער וועג, האָב איך מיך איינגעשפּאַרט זיך צו לאָזן פֿירן בלויז פֿון קאָמפּאַס און פֿון דער מאַפּע, וועלכע האָבן מיך טאַקע נישט פֿאַרפֿירט. טרויעריק האָבן מיך געפּרעגט

די אַלטע, געניטע סאָלדאַטן, צי זיי וועט אפשר צומאָל נישט אויסקומען צו שטאַרבן פון הונגער אויף יענעם וועג, וואָס איך האָב אויסגעוויילט. האָב איך זיי געטרייסט און אויפגעהייטערט, ווי ווייט איך האָב נאָר געקאָנט. בעת מיר זיינען געגאַנגען דורכן אורוואַלד, איבער בערג און טיפע טאָלן, איבער טייכלאַך און בלאָטעס, האָט אַ דיקער נעפל באַדעקט די געגנט אַזוי, אַז מען האָט די זון נישט געזען. אָפטמאָל האָט אונז געשמיסן דער רעגן און געטריבן דער ווינט. אָבער ד״ר ליווינגסטאָן האָט געהאַט פיל צוטרוי צו מיר און מיר זיינען געגאַנגען ווייטער אויפן איינמאָל אויסגעוויילטן וועג.

קיום האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַציע, האָבן אונזערע לייט זיך צעשפּרייט אין וואַלד, פדי צו זוכן זיך שפייז. די וואַלדשוואָמען האָבן אַ ביסל געשטילט דעם הונגער. וואָלט אויפגעהערט דער רעגן, וואָלטן מיר געקאָנט אַרויסגיין אויף יאַגד און פאַרשאַפן אונז עטוואָס פלייש. פון איין זייט דער שלאַקסרעגן און פון דער אַנדער זייט דאָס ברומען פון לייבן, וואָס האָט זיך געהערט ביי טאָג און ביי נאַכט, האָט אונז פאַרשפאַרט אין לאַגער און מיר האָבן געהונגערט און געוואַרט אויף אַ בעסערע צייט.

אויפן צענטן טאָג אינדערפרי האָב איך פאַרזיכערט מיינע לייט, אַז זיי וועלן באַלד געפינען, וואָס צו עסן. די שטילע און געהאָרכזאַמע האָב איך אויפגעמונטערט דורך גוטע הבטחות און די אומרוהיקע און ווידערשפעניקע האָב איך געסטראַשעט מיט קלעפּ. איך בין געגאַנגען ווייטער דורכן וואַלד. די אויסגעמאַטערטע מענטשן האָט זיך געשלעפּט הינטער מיר מיט די לעצטע אויסגעמאַטערטע כוחות. עס איז באמת געווען אַ פאַרצווייפלטע לאַגע, און הגם איך בין געוואָרן שרעקלעך בייז און געפייערט אויף מיינע לייט, ווען זיי האָבן זיך אַנידערגעלייגט און נישט געוואָלט אויפשטיין, האָב איך טאַקי אין האַרצן געהאַט גרויס רחמנות אויף זיי און זיי איינגערעדט מיט גוטע רייד. ביי אַזעלכע אומשטענדן איז, נאַטירלעך, געווען געפער-

לאַך צו דערלאָזן עפּיס אַ ספק אין דער ריכטיקייט פון אונזער וועג. איך האָב געשטאַרקט מיינע לייט און זיי אָנגעוויזן אויפן קליינעם אינסטרומענט, דעם קאָמפּאַס, ווי אויף אַ הייליקן חפץ, צו וועלכן מען מוז האָבן פולן צוטרוי. דער קאָמפּאַס האָט טאַקי געהאַט אַ שטאַרקן השפּעה אויף מיינע מענטשן און הגם זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו קלאָגן און צו וויינען אויפן הונגער, זיינען זיי אַלץ געגאַנגען הינטער מיר און נישט אָפּגעטרעטן רעכטס אָדער לינקס.

צולעצט האָט זיך דערנענטערט יענער טאָג, ווען מיר האָבן, לויט מיין חשבון, געזאָלט דערגרייכן אימרעראַ. מיר זיינען אַרויף אויף אַ באַרג, וואו עס איז געשטעלט געוואָרן אין קאָן דער כבוד פון מיין קאָמפּאַס און מאַפּעס. בעת מיר זיינען צוגעקומען צום מזרח-ראַנד פון באַרג, האָבן מיר דערזען אויף אַ מהלך פון 8 קילאָמעטער, בערך 300 מעטער נידעריקער פונם אָרט, וואו מיר זיינען געשטאַנען, דעם טאָל פון אימרעראַ.

ווידער אַ יאַגד־גן־עדן.

הגם ליווינגסטאָן האָט געהאַט פאַרוואונדעט זיינע פיס פון די לאַנגע מאַרשן איבער די מדבריות, זיינען מיר דאָך צומאָרגנס, דעם 18-טן יאַנואַר, ווייטער געגאַנגען קיין אוניאַניעמבע. נעבן אַ פאַרלאָזט דאָרף האָט זיך מיר איינגעגעבן צו דערשיסן אַ פּאָר זעברעס און אַזויאַרום צו פאַרשאַפן זיך פליישיש ווייניקער, ווי 7 קילאָ אויף אַ נפש. שפּעטער אַ ביסל האָב איך אַוועקגעלייגט אַ זשיראַף; זיינע פאָדערשטע קאָפּיטעס האָבן געהאַלטן העכער 5 מעטער די לייננ. פלייש האָבן מיר געהאַט פון אים ביי אַ 450 קילאָ. עס איז פשוט געווען אַ צער צו קוקן, ווי די איידעלע חיה ליגט אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און איך האָב באַדויערט, וואָס דידאָזיקע חיה, וואָס איז אַזוי צוגעפאַסט פאַרן מענשטלאַכן דינסט, ווערט באַנוצט בלויז צום עסן. פערד, מוילאייזלען און אייזלען קאָנען נישט לעבן אין אַפריקאַנישן אומגעזונטן קלימאַט, און וואָס פאַר אַ ברכה וואָלט עס געווען פאַר אַפריקע, ווען מען וואָלט די זשיראַפן און זעברעס געמאַכט היימיש און באַנוצט אַלס לאַסט-פי. אויף אַ זשיראַף וואָלט מען קאָנען איינפאָרן פון באַגאַמאַיאָ קיין אודזשידזשי אין אַ חודש-צייט אַנשטאָט צו פאָרן זיבן חדשים.

צומאָרגנס האָב איך ווידער געהאַט אַ שווערן פיבער, און מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין ערשט דעם 27-טן

יאַנואַר. מחמת עס איז אונז פאַרגעשטאַנען זייער אַ לאַנגער מאַרש און ליווינגסטאָן האָט געהאַט צעקאַליעטשעטע פיס, האָב איך אים פאָרגעשלאָגן, מען זאָל אים טראָגן אויף אַ בעטל. דער אַלטער העלד האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, און דעם גאַנצן וועג ביזן לאַגער, אַ מאַרש פון 28 קילאָמעטער, איז ער געגאַנגען צופוס. אַזוי האָבן מיר דערגרייכט מוואַרו. דאָ האָט אונז דער סולטאַן געבראַכט צוויי ידיעות: איינע אַ פריילאַכע — מיראַמבאָ איז געפאַלן, די צווייטע אַ טרויעריקע: שוי איז געשטאָרבן אין אוניאַניעמבע פון אַ שטאַרקן פיבער.

— הער דאָקטאָר, — האָב איך מיך אָפגערופן צו ליווינגסטאָנען, — שוין צוויי פון די אונזעריקע זיינען דאָ געשטאָרבן, איך וועל גיין דער דריטער, אויב דער פיבער וועט ווייטער אָנהאַלטן.

— ניין, פאַר קיין פאַל נישט. אייך פיבער וואָלט איר שוין געווען לאַנג געשטאָרבן, בעת איר האָט געהאַט דעם שטאַרקן אָנפאַל אין אודזשידזשי. איר טראַכט בעסער נישט דערפון, אייער פיבער איז געקומען בלויז פון אַ פאַרקילונג. איך אַליין פאַר קיינמאָל נישט אין דער רעגנצייט. דאָסמאָל האָב איך עס געטאָן, ווייל איך האָב אייך נישט געוואָלט אויפהאַלטן לייגער אין אודזשידזשי.

אַזוי האָט מיך געטרייסט ד״ר ליווינגסטאָן, און דידאָזיקע ווערטער זיינע האָבן מיך באמת אויפגעמונטערט.

דעם זיבעטן פעברואַר זיינען מיר אָנגעקומען צום גאָמבע־טייך און אויסגעשפרייט אונזער לאַגער ביי אַ גרויסער אָזערע, וואָס האָט ממש געווימלט פון טייכפערד און קראָקאָדילן.

פון דעמדאָזיקן לאַגער האָבן מיר געשיקט צוויי מענטשן קיין אוניאַניעמבע, צו ברייגגען די בריף און רפואות, וועלכע מען האָט מיר צוגעשיקט פון זאַנזיבאַר. צומאָרגנס זיינען מיר אָנגעקומען אין אונזער אַלטער קוואַרטיר אין גאָמבע, וואו עס איז געווען אַן אמתער גן־עדן פאַר יעגער. דער רעגן האָט אַפילו פאַריאָגט די חיות אין זייערע היילן, עס האָבן אָבער דאָך אַרומגעבלאָנדזשעט פיל חיות אין דער אומגעגנט. באַלד

נאָכן פרישטיק האָב איך גענומען שמעדין און נאָך איינעם און מיר זיינען אַוועק אויף יאַגד. נאָך אַ לאַנגן מאַרש זיינען מיר געקומען אין אַן אָרט, באַוואַקסן מיט קשאַקעס, וואו איך האָב דערזען שפורן פון פאַרשידענע חיות: ווילדע חזירים, אַנטילאָפן, העלפאַנדן, טייכפערד, און אויך שפורן פון לייבן.
פלוצלונג האָט אַמעדי אַ געשריי געטאָן:
„מיין הער, אַ זימבאַ (לייב) איז דאָ!"
און באַלד איז ער געקומען צולויפן אַ טויט-בלאַסער און אַ ווייז געטאָן אויף אַ לייבן-קאָפּ, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון הויכן גראָז און אָנגעשטעלט אויף אונז אַ פּאָר אויגן. זיך פאַרבאָרגן הינטער אַ בוים, בין איך רוהיק געקראָכן ווייטער, מיט דער דעה אָנצולאָדן דעם שווערן ביקס. ווי גרויס איז אָבער געווען מיין דערשטוינונג, ווען איך האָב דערזען, ווי דער לייב שפּרינגט אַוועק זייער שנעל און מאַכט אַ ויברוח! איך פאַרשטיי נישט, וואָס עס איז געשען מיטן מלך פון די חיות. פון דעמאָלט אָן איז ער ביי מיר געפאַלן אויף הונדערט פּראָצענט. איך האָב אים אויפגעהערט צו באַטראַכטן פאַרן מעכטיקסטן פון די חיות און זיין ברום האָט מיך אַזוי ווייניק געשראָקן, ווי דאָס וואָרקען פון אַ טייבעלע.
אַרומגעבלאָנדזשעט אַ צייט איבערן וואַלד, זיינען מיר נאָכמיטאָג געגאַנגען צום דאָרף פון מיין אַלטן גוטן פריינט מ אָ מ אַ נ י אַ ר אַ, וואו מיר זיינען הארציק אויפגענומען געוואָרן פון דעמדאָזיקן ראש. ער האָט אונז געשיינקט האָניק און עסנוואַרג, וועלכע זיינען אונז שטאַרק צונוץ געקומען ביי דער איצטיקער לאַגע. דאָ האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן די פריינטלאַכקייט פון די צענטראַל-אַפריקאַנישע ראשים, וואָס זיינען נאָך נישט פאַרדאָרבן געוואָרן פון די אַראַבער.
דעם 14-טן האָבן מיר דערגרייכט א ו ג ו נ ד אַ, און באַלד ווי מיר האָבן זיך באַקוועם געמאַכט אין אַ הייזל, זיינען צוריקגעקומען אונזערע שליחים פון א ו נ י אַ נ י ע מ ב ע.
איך מיט ליווינגסטאָנען האָבן זיך תיכף פאַרזונקען אין די צוי-

טונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פֿאַר אונז אין אוניאַניעמבע. די צייטונגען זיינען געווען פּאַק און פֿול מיט ווילטיקע נייס. די פּאַריזער קאָמונע האָט מיט געווער צעטריבן די נאַציאָנאַל-פֿאַרזאַמלונג; די גאַלעריעס, דער לובר, די שטאָלצע, אַלטע הויפּשטאָט אין פֿראַנקרייך איז אונטערגעגאַנגען געוואָרן! פּראַנצויזישע סאָלדאַטן האָבן געטויט מאַנסלייט, ווייבער און קינדער; אין דער שענסטער שטאָט פֿון דער וועלט געוועלטיקן רוצחים און תּלינים. אַזעלכע זאַכן טרעפֿן זיך זעלטן אַפֿילו אין ווילדן צענטראַל-אַפֿריקע. מיר האָבן מיט כּעס אָוועקגעשליידערט פֿון זיך די צייטונגען מיט זייערע ווילדע חידושים.

בלויז אַ קורצע שטרעקע האָט אונז אָפּגעשטעלט פֿון אונזער ציל. דעם 18-טן פֿעברואַר, 35 טעג נאָך אונזער אַרויספֿאָר פֿון אודושידושי, זיינען מיר מיט פֿלאַטערדיקע פֿאָנעס און מיט אַ שיסעריי פֿון ביקסן אָנגעקומען אין טאָל קוויהאַראַ. און בעת ליווינגסטאָן און איך האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין מיין אַלטער וואוינונג, האָב איך אים באַגריסט מיט דער גאַנצער צערעמאָניע. זינט איך האָב פֿאַרלאָזט די אַראַבער אין מיין ווייטן, אומבאַקאַנטן וועג, זיינען אַוועק 131 טעג. די אומשטענדן, ביי וועלכע דאָס איז געשען, זיינען איצט באַקאַנט דעם לייענער. אונטער דער צייט האָב איך דורכגעמאַכט 2000 קילאָמעטער. פֿון אַ לעגענדע איז געוואָרן אַ פֿאַקט, וועלכער שטייט מיר איצט לעבעדיק פֿאַר די אויגן אין דער געשטאַלט פֿון דעם געפֿונענעם ד״ר ליווינגסטאָן.

איר קאָנט זיך, אַלזאָ, פֿאָרשטעלן, מיט וואָט פֿאַר אַ געפֿיל איך בין אַריין, געמיינעם מיט ליווינגסטאָנען, אין מיין אַלטן צימער. איך האָב מיך אָנגערופֿן: „הער דאָקטאָר! מיר זיינען סוף-בלי-סוף אינדערהיים!“

איך זעגן מיך מיט ליווינגסטאָנען.

אוניאַניעמבע מיט מיין באַקוועמער וואוינונג האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי אַ גן-עדן, בפֿרט, אַז פֿאַר מיין אָפּפֿאָר קיין אודזשידזשי האָב איך דאָ געלאָזן גרויסע זאַפּאַסן עסנוואַרג. קודם כּל האָבן מיר געמוזט עפֿענען ליווינגסטאָנס קאַסטנס, וואָס ער האָט געהאַט מזל-טוב. געעפֿנט די קאַסטנס, האָבן מיר אָבער, צו אונזער איבעראַשונג, דערזען, אַז פֿרעמדע גנבֿים-הענט האָבן דאָ געבאַלעבאַטעוועט און צוגענומען דעם בעסטן חלק. אויסערדעם, זיינען אַ סך מאכלים פֿאַרדאָרבן געוואָרן: די שינקעס זיינען איינגעטריקנט געוואָרן, ווי אַ שטיין; דאָסזעלבע איז אויך געשען מיטן פּרוכטזאַפֿט, קעז און אַנדערע זאַכן. דער קאָניאַק האָט געפֿעלט אינגאַנצן. אין דעם איז געווען שולדיק דער שומר און אויך שייך סאַאיד בן סאַלים, וועלכער האָט איבערגענומען די עקספּעדיציע פֿון ליווינגסטאָנס זאַכן. ער האָט אונז דערקלערט, אַז די טערמיטן האָבן קאַליע געמאַכט אַ סך זאַכן. איך האָב אָבער נישט געקאָנט גלייבן, אַז מוראַשקעס זאָלן האָבן אויפֿגעפֿרעסן אַ פּאָר טייערע ביקסן, אַריינגעגאָסן זיך אין די העלזער אַריין אַ צענדליק פֿלעשער קאָניאַק און אויפֿן אָרט פֿון די קאָרקעס אַריינגעזעצט העלצלאַך! צום כּבֿוד פֿון שייך און זיין שומר מוז איך זאָגן, אַז זיי האָבן בונדעסטוועגן גענוג איבערגעלאָזן פֿאַר אונז, און מיר האָבן

געקאָנט מאַכן אַ סעודה פֿון כּלערליי גוטע זאַכן.

דעם 22-טן פֿעברואַר איז געווען אַ שיין וועטער, און בשעת איך האָב זיך מכין געווען צו דער נסיעה אַהיים, האָט ליווינגסטאָן געשריבן בריוו און פֿאַרענדיקט זיין נסיעה-באַריכט, וועלכן איך האָב אַריינגעלייגט אין אַ פֿעסט-פֿאַרמאַכטער בלעכענער פּושקע, בכדי עס מיטצונעמען מיט זיך קיין אייראָפּע. פֿון מיינע סחורות האָב איך איבערגעגעבן ליווינגסטאָנען שטאָפֿן, פּאָטשערקעס און מעשענעם דראָט. ליווינגסטאָן האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים ווערבירן אין זאַנזיבאַר אַ 50 פּעגאַזיס און איינקויפֿן נויטיקע סחורות און זאַכן, וואָס עס וועט אים געבן די מעגלאַכקייט אויסצופֿירן זיינע איבערגעריסענע פֿאָרשונגען אין דער ניל-געגנט.

עס האָט זיך דערנענטערט די שעה פֿון מיין געזעגענען זיך מיט ליווינגסטאָנען. דער גרויסער פֿאָרשער האָט אַפֿילו שטאַרק געבענקט אַהיים, אָבער אַ העכער געבאָט האָט אים אָפּגעהאַלטן אין אַפֿריקע און געהייסן פֿאַרענדיקן זיינע פֿאָרשונגען. מיר דאַכט זיך, אַז עס איז נישטאָ קיין צווייטער מענטש ווי ליווינגסטאָן, וואָס זאָל זיך לאָזן פֿירן בלויז פֿון אַ זאַך, וואָס ער האָט אָנערקענט פֿאַר זיין פֿליכט.

דער 13-טער מערץ איז געווען דער לעצטער טאָג, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט ליווינגסטאָנען. אַ שווערן געמיט האָב איך בעת-מעשה געהאַט. אַן אינעווייניקסטע שטים האָט מיר געזאָגט, אַז מיר שיידן זיך אויף אייביק.

—מאָרגן אין אָוונט וועט איר שוין זיין אַליין, הער דאָקטאָר,— האָב איך זיך אָפּגערופֿן.

—יאָ, דאָס הויז וועט אויסזען, ווי מען וואָלט פֿון אים אַרויסגעטראָגן אַ מת. איר וואָלט אָבער געטאָן גלייכער, אויב איר וואָלט אָפּוואַרטן די רעגנצייט, וואָס איז גאָר נאָענט.

—איך וואָלט עס אודאי טאָן, ליבער הער דאָקטאָר, אָבער מיט יעדן איבעריקן טאָג, וואָס איך בלייב דאָ, האַלט איך אייך אָפּ פֿון אייער אַרבעט און פֿון אייער צוריקקער אַהיים.

—דאָס איז ריכטיק; אָבער איר דאַרפט שאַנעווען אייער געזונט. איר זענט נישט אומשטאַנד איצט צו פאָרן. וואָס קאָן דאָ זיין—אַ פּאָר וואָכן מער, אַ פּאָר וואָכן ווייניקער. איבערגעוואַרט די רעגנצייט, וועט איר אפשר קומען צום ברעג אַזוי שנעל, ווי אויב איר פאָרט איצט. די טאָלן צווישן אוניאַניעמבע און דעם ברעג וועלן פאַרטרונקען ווערן.

—איך וועל דערגרייכן דעם ברעג אין 40, שפּעטעסטנס, אין 50 טעג. דער געדאַנק, אַז דאָס וועט זיין זייער וויכטיק פאַר אייך, וועט מיך אונטערטרייבן.

אומבאַרהאַמהאַרציק זיינען געלאָפן די שעהן. מען האָט זיך געמוזט געזעגענען מיט ליווינגסטאָנען און לאָזן זיך אין וועג אַריין. די באַלן אין דאָס געפּעק זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן און די מענטשן זיינען שוין אויך גרייט.

—הער דאָקטאָר,—האָב איך געזאָגט,—איך וועל איבערלאָזן ביי אייך צוויי מענטשן, וועלכע וועלן דאָ בלייבן היינט און מאָרגן. אפשר האָט איר אין איילעניש עפּיס פאַרגעסן, וועט איר זיי קענען מיטגעבן. איין טאָג בלייב איך אין טיראַ, ביי דער גרעניץ פון אוניאַנמוועזי, כדי צו באַקומען פון אייך אַ לעצטן גרוס. איצט מוזן מיר זיך געזעגענען. פאַרפאַלן, זייט געזונט!

—איך וועל אייך נאָך באַגלייטן אַ ביסל. איך מוז זען, ווי אַזוי איר לאָזט זיך אין וועג אַריין.

—אַ דאַנק אייך, קינדער, אין וועג אַהיים. קיראַנגאָזי, הייב אויף די פאָן, און מאַרש:

מיר זיינען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן; אונזערע לייט האָבן אָנגעהויבן זינגען. איך האָב טיפער אָנגעקוקט ליווינגסטאָנען: זאָל זיך מיר זיין געזיכט שאַרפער איינקריצן אין זכרון.

—ווי איך פאַרשטיי, הער דאָקטאָר, האָט איר נישט בדעה זיך אומצוקערן אַהיים, ביז איר וועט נישט זיין זיכער מיט די קוואַלן פון ניל?

און באַלד דערויף האָב איך צוגעגעבן:

—אָבער מיין ליבער דאָקטאָר, אויך די בעסטע פריינט מוזן זיך שיידן. איר האָט מיך שוין גענוג ווייט באַגלייט. איר וועט זיך אומקערן.

ליווינגסטאָנס לעצטע ווערטער זיינען געווען:

—איך קאָן אייך זאָגן נאָר איינס: איר האָט געטאָן דאָס, וואָס גאָר ווייניקע וואָלטן עס געקאָנט טאָן, און דערצו פיל בעסער, ווי מאַנכע גרויסע רייזנדער. איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר אַלץ, וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר. גאָט זאָל אייך בענטשן און פירן אין ריכטיקן וועג, מיין פריינט.

—און גאָט זאָל אויך אייך פירן אַ היים געזונט און גליקלאַך, מיין טייערער פריינט! זייט געזונט.

—זייט געזונט!

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט און צעקושט. איך האָב זיך געמוזט אַרויסרייסן פון זיינע אָרעמס, וואָרום איך האָב זיך געקאָנט צעוויינען.

מלח הנעפא״.

אונזער נסיעה איז אויסגעפאַלן אַקוראַט אין אָנהויב פון דער רעגנצייט. איך האָב געמוזט ווידער קריכן אין בלאָטעס און געמוטשעט זיך. אין דער פּריוואַטער זאַך, דאַן זיך אין וואַסער.

נאָך אַ לאַנגן מאַרש זיינען מיר שוין אין אַ חאָך אַרום געוועזן אין מזרח־טורקאַ, דער גרעניץ־פּונקט פון אוגאַנדע, און אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער אין אַ מאַלערישער וואַלד־לאַנקע. דערגרייכט אין צוויי טעג אַרום קיוויע, זיינען מיר שוין געשטאַנען ביי די רייזפעלדער פונם פּרוטעקטאָראַט אוגאַנדאַ, אויף וואָס עס האָבן עדות געזאָגט די גומי־און־פאַרן־ביימער, מיט וועלכע דאָסדאָזיקע לאַנד איז זייער רייך.

קוים האָבן מיר אויפגעשלאָגן דעם לאַגער, האָבן פון אַלע זייטן אָנגעהויבן צו שאַלן מלחמה־האָרנס און עס האָט זיך דערהערט דער אויסגעשריי: „אורוגו, אורוגו!“ וואָס עס באַדייט: „גנבים, גנבים!“ אַ שכנישער שטאַם, וועלכער האָט באַקומען דעמדאָזיקן שיינעם צונאָמען פאַר זיין חשק צו פרעמד גוטס, האָט געזאָלט מאַכן אַן אָנפאַל אויפן סולטאַן פון קיוויע. די איינגעבוירענע זיינען געלאָפן העגדום־פּעגדום פון זייערע דערפער און אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען זיי אַרויס אין פעלד, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס. שטרויס־און־אָדלער־פעדערן האָבן געפלאַטערט איבער די שטערנס, זעברע־גריוועס — אַרום די קעפּ; די קני און

קנעבל זיינען געווען באַזעצט מיט קליינע גלעקלאַך. פון נאַקן האָבן געפלאַטערט די אַרויסגעוואַקסענע טיכער, די רעכטע האַנט האָט געפּאַכט מיט שפּיזן, ראַפּניקעס אָדער פּייל-און-בויגנס. אַזוי האָבן דורכמאַרשירט אין אַ קורצער צייט ביי טויזנט קריגס-גרייטע סאָלדאַטן פון דאָרף. דאָסמאָל איז דער ליאַרעם געווען אומזיסט. די וואַרוגו זיינען נישט געקומען.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך געהאַט אַן עסק מיטן ראש פון כּאַנזע, וועלכער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וועט מיך נישט דורכלאָזן איבער זיין לאַנד, ווייל איך גיב אים נישט קיין מס. מען האָט גאָר געזאָגט, אַז ער דאָט בדעה צו פאַרנעמען מיט געוואַלד מיינע גאַנצע טוך-זאַפּאַסן. איך האָב מיך באַשלאָסן זיך צו ווערן מיט אַלע מיטלען קעגן אַזאַ מין רציחה. זיין לייב-אַדיוטאַנט, וואָס האָט אונטערגעהאַנדלט מיט מיר וועגן מס, האָב איך אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל און געסטראַשעט אים צוערשט צו דערשיסן, אויב עס וועט קומען צו אַ קאַמף. דעם ראש איז דווקא געפעלן געוואָרן מיין הנהגה מיט זיין מענטשן, האָט ער זיך הויך צעלאַכט און וועגן מס האָט מען שוין נישט גערעדט.

דעם צווייטן אַפּריל האָבן מיר, נאָך אַ מאַרש איבער דזשונגלעס און טייכן, דערגרייכט מאַפּאַנגאַ, וואו מיר האָבן ווידער געהאַט אומזיסטע מלחמה-שרעק. בעת מיר האָבן זיך עוסק געווען אַרום לאַגער, האָבן מיר דערהערט אַ געלויף און אויסגעשריי פון אַ מחנה איינגעבוירענע. באַלד האָבן זיך באַוויזן 40—50 באַוואָפנטע צוזאַמען מיטן ראש. זיי האָבן געפּאַכט מיט זייערע פּיקעס איבער די קעפּ, געאַרבעט מעשים מיט זייערע פייל-און-בויגנס, און בעת-מעשה אַרויסגעלאָזט אַזאַ קוויטשעריי, אַז עס האָט פשוט געלעכערט די אויערן. דידאָזיקע אויסגעשרייען האָב איך געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן סימן, און האָב זיך דעריבער מכין-געווען צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. קעגן 40 פּיקעס האָב איך אַפילו געהאַט 40 ביקסן, אָבער איך בין נישט געווען זיכער, אַז מיינע לייט זאָלן זיך נישט צעלויפן, ביים ערשטן אָנ-

גריף. דאַן וואָלט געוואָרן אַ תל פון מיין עקספּעדיציע. אין דעם אויגנבליק האָב איך געטראַכט פון ליווינגסטאָנס נסיעה-באַריכט, אַ רעזולטאַט פון אַ זעקסיעריקער אַרבעט, וואָס איך פיר מיט זיך קיין איראָפּע. איך האָב באַשלאָסן, געוואָלט אויסמיידן אַ קריג און זיך דעריבער געווענדט צום אָנפירער, ער זאָל מיר דערקלערן די סיבה פון זיין געטומל און פון זיין דראָענדיקער האַלטונג און זאָגן, צי ער איז נישט געקומען אונז באַגזלענען.

—ניין,—האָט דער אָנפירער געענטפערט,—מיר ווילן אייך נישט באַגזלענען און פאַרשפּאַרן דעם וועג, נאָר מיר פאַרלאַנגען אַ מס.

—אָבער זעט איר דען נישט, אַז מיר זיינען נאָר-וואָס געקומען פון וועג? מעגלאַך, אַז מיר וועלן אייך איינצאָלן דעם מס מיט גוטן.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער אָנפירער פאַרשעמט און האָט מיר דערקלערט, אַז דער גאַנצער ליאַרם איז געמאַכט געוואָרן, ווייל מען האָט אים געזאָגט, אַז איך וויל מיך אויסדרייען פון צו צאָלן מס.

מיר האָבן אים אַרויסגעגעבן זיין מס און ער איז רוהיק אַוועקגעגאַנגען מיט זיינע לייט.

נישט-געקוקט אויף רעגנוועטער און אויף די שטאַרקע שטורמס, זיינען מיר געגאַנגען ווייטער קיין מפּאַפּוּאַ און אָנגעקומען אַהין דעם 7-טן אַפּריל. דעם ווייטן מאַרש פון אודזשידזשי ביז אַהער—544 קילאָמעטער—האָבן מיר דורכגעמאַכט אין 24 טעג.

די שווערע רעגנצייט.

די רעגנצייט האָט זיך אַלעמאָל געלאָזט מער פילן, באַזונדערס בעת מיר זיינען געקומען אינם טאָל מ ו ק אָ נ ד אָ ק ו אַ. די טייכן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רוישנדיקע שטראָמען, און אָפטמאָל זיינען מיר זיי אַריבערגעגאַנגען ביזן האַלז אין וואַסער. דער שלאַם האָט דערגרייכט ביז די קני, און מיר זיינען שטאַרק געזונקען אין די זומפּן. אַ צולאָג צו די צרות זיינען געווען די בייסנדיקע מאָסקיטן, וועלכע האָבן אונז נישט געלאָזט צורו סיי ביי טאָג און סיי ביינאַכט. אייניקע טייכן זיינען געווען אַזוי טיף, אַז מיר האָבן זיי נישט געקאָנט אַדורכגיין, נאָר געמוזט בויען בריקן איבער זיי.

בעת מיר זיינען געווען באַשעפטיקט מיט בויען אַ בריק איבער אַן אָרעם פונם טייך מוקאָנדאָקואַ, האָב איך באַמערקט, צו מיין שרעק, אַז אַ יינגל פון מיינע פּעגאַזיס נעמט אַרויף אויפן קאָפּ די בלעכענע פּושקע, אין וועלכער עס זיינען געלעגן ליווינגסטאָנס פּאַפּירן,—דער טייערסטער חפץ פון אונזער עקספּעדיציע,—און גייט דערמיט אַריין אין טייך. מיטאַמאָל איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן לאָך און איז פאַרשוואונדן געוואָרן צוזאַמען מיט דער פּושקע. איך בין געוואָרן אויסער זיך פון אויפרעגונג און געוואָלט זיך וואַרפן נאָך אים אין וואַסער אַריין, אָבער, צום גליק, האָט דער יונגל זיך באַלד אַרויסגעכאַפּט פון

אָפּגרונט. אָנגעשטעלט אויף אים מיין רעוואָלווער, האָב איך אויסגערופן:

— גנעדיינק, אויב דו וועסט מיר פאַרלירן די פּושקע, וועל איך דיך תּיכּף דערשיסן.

אַלע מיינע מענטשן האָבן אָוועקגעלייגט די אַרבעט און געקוקט אויפן יונגל, וועלכער איז געווען אין סכּנה אָדער דערטרונקען אָדער דערשאָסן צו ווערן. נאָך אייניקע פאַרצווייפלטע אָנשטריינגונגען האָט זיך אים איינגעגעבן צו ברענגען די פּושקע צום ברעג.

מחמת די שלאַקרעגנס האָבן נישט אויפגעהערט, האָב איך באַשלאָסן צו בלייבן אין רעהענעקאַ 10 טעג, ביזן 25-טן אַפּריל, האָפנדיק, אַז ביז דערדאָזיקער צייט וועט דאָס וואַסער אָפּפאַלן און מיר וועלן קאָנען אַריבער דעם טייך מאַקאַטאַ. אָבער מיין האָפנונג איז געווען אומזיסט. אין וועג האָבן מיר געזען, אַז דאָס וואַסער איז נישט אָפּגעפאַלן אויף אַ האָר. ווערטן ווייטער איז אויך נישט געווען קיין תּכלית, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין איבערן טייך. ביים דאָרף קיגאָנגאָ, נאָנט ביים טייך וואַמי, האָבן זיך פיר אָנגעשוואָלענע שטראָמען פאַראייניקט אינאיינעם. דאָס וואַסער איז אָבער נאָך אַלץ געווען בעסער, ווי דער שרעקלעכער שמוץ און די פאַרפוילטע צמחים, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן פון שטראָם קעגן דעם צוים פון דאָרף. ערטערווייז זיינען מיר געקראָכן אין וואַסער און אין שמוץ ביז די קני און ביזן האַלז און וואו דאָס וואַסער איז געווען טיפער, זיינען מיר געשוואומען און מיט גרויסע נסים אַריבער אויפן צווייטן ברעג.

דעם 29-טן זיינען מיר אַריבער דעם אונגערענגערי. וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע פאַרענדערונג האָבן מיר דאָ באַמערקט, בשעת מיר זיינען אָנגעקומען אין דער „לייבן-שטאָט" סימבאַמוועני — אין אוזעגואַ. דער פאָדערשטער מויער פון דער שטאַרק באַפעסטיקטער הויפּשטאָט איז אינגאַנצן אַרומגעשווינקט געוואָרן און אַרום הונדערט הייזער זיינען צעשטערט געוואָרן

פון פאַרפּלייצונג. ווי מען האָט מיר דערציילט, זיינען דערביי אומגעקומען ביי אַ הונדערט נפשות. די סולטאַנען מיט איר גאַנ־צער משפּחה זיינען אַנטלאָפן. אומעטום זיינען געווען חורבות פון הייזער און אומגעוואָרפענעביימער, וואָס זיינען געלעגן אויסגעשטרעקט אין איין ריכטונג, פונקט ווי אַ דרום־מערב־ווינט וואָלט זיי אַלע אַנידערגעוואָרפן. דער טאָל אונגערענגערי איז פון אַ גן־עדן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מדבר.

דער לעצטער מאַרש.

מיר זיינען געגאַנגען קיין אולאַנגאַלאַ און אומעטום האָבן מיר געפונען סימנים פון אַ געוואַלטיקן שטורם, וואָס איז דאָ אַדורכגעגאַנגען און האָט געמאַכט אַ תל פון כמעט הונדערטער. דער ווינט צוזאַמען מיטן שטורם האָבן זיך אַרויסגעוואָרפן, ווי ווילדע חיות, אויף די אומגליקלאַכע איינוואוינער און אויף די ביימער און זיי אָפּגעמעקט פון דער ערד.

דעם 30-טן אַפּריל זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן מזובאַ, און מיט די גרעסטע שוועריקייטן און אָנשטריינגונגען אַרומגעקראָכן איבער די דזשונגלעס. וואָס פאַר שרעקלאַכע עקלדיקע ריחות גייט אַרויס פון זיך אָט דער געדיכטער צוזאַמענגעפלאָכטענער וואַלד! ער איז אַזוי געדיכט און פינסטער, אַז אַפילו אַ טיגער אָדער אַ העלפאַנד וואָלט אים נישט געקאָנט אַדורכברעכן. די שווערע וואַלדלופט האָט אויף אונז געווירקט, ווי סם-המות, ווי כלאָפאָרם, אַזוי, אַז איך קאָן נישט משיג זיין, ווי אַזוי מיר זיינען אַרויס פון דאָרט לעבעדיקע.

חוץ די ריחות, האָט דאָרט געשווירבלט און געגריבלט פון שלאַנגען, סקאָרפיאָנען, שילדקרעטן און כלעריליי מוראַשקעס, וועלכע האָבן געביסן די פיס, ווי מים שפיזן, אַזוי, אַז מיר האָבן זיך געדרייט, ווי די שלאַנגען און אונטערגעשפרונגען, ווי משוגעים.

די האָפנונג צו קומען אינגיכן אַהיים האָט אונז צוגעגעבן כוח

און מוט און געבראַכט אויף יענער זייט פון דזשונגלעס. דעם ערשטן מאַי האָבן מיר דערגרייכט קינגאַרו-הערא און צו מאָרגנס ראַזאַקאַ, וואו עס האָבן מיך אָפּגעוואַרט מײַנע צוויי שנעללויפערס, וועלכע איך האָב פריער אַרויסגעשיקט קיין זאַנ-זיבאַר און מיר געבראַכט צייטונגען, פּראָוויזיעס און אַנדע-רע גוטע זאַכן. אין איין צייטונג האָב איך געפונען נאָטיצן וועגן מיין אַפריקע-עקספּעדיציע, וועלכע מען האָט באַטראַכט פאַר אַ בבא-מעשה. פאַר מיר איז זי געווען נישט קיין בבא-מעשה, נאָר אַן ערנסטער פאַקט, פאַרבונדן מיט צרות און לייד, וואָס האָט מיר שיער געקאָסט דאָס לעבן.

דעם 4-טן מאַי האָבן מיר דערגרייכט דעם טייך קינגווערע, וואָס איז געווען אונזער לעצטע מניעה פאַרן ים-ברעג. דער טייך איז אָנגעשוואָלן געוואָרן און האָט אודאי געהאַלטן קנאַפּע זיבן קילאָמעטער אין דער ברייט. מיט גרויס מי האָבן מיר זיך אַריבערגעקריגן איבער אים אויף אַ פּראָם. אויפן צווייטן ברעג האָב איך און מײַנע לייט פּשוט געטאַנצט פאַר שמחה. איך מוז מיך מודה זיין, אַז די שמחה איז געווען נישט אַזוי ווייט צוליב דעם, וואָס מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם ציל פון אונזער נסיעה, ווי צוליב דעם, וואָס מיר וועלן באַלד זיצן ביי אַ רייך געדעקטן טיש און עסן גוט ברויט, שינקע, קאַרטאָפל און אַנ-דערע געשמאַקע זאַכן. ווער עס באַגרייפט נישט די דאָזיקע שמחה, זאָל אָפּוואַרטן, ביז ער וועט אַליין געפּרובט ווערן צו ליידן הונגער און דורשט אָדער עסן, גאָט ווייס וואָס, אין זיך קוים האַלטן אויף די פיס פון הונגער און פיין. דאָ וועט ער פאַרשטיין די ווערט פון אַ גוט באַטעמטן מאכל.

דעם 6-טן מאַי האָבן מיר שוין דערגרייכט באַגאַמאַיאַ. אונזער פירער האָט מיט כוח געבלאָזן אין האָרן, בעת די איינ-געבוירענע און אַראַבער האָבן זיך געשטופּט אַרום אונז. די אַמעריקאַנישע פאָן, וואָס אירע פאַסקעלאַך און שטערנדלאַך האָבן געפלאַטערט איבער דער טאַנגאַניקאַ-אָזערע און סימבאָליזירט די הילף, וואָס מיר האָבן געבראַכט דעם נויטבאַדערפטיקן ליווינג-

סטאַנען אין אודזשידזשי, האָט זיך איצט באַוועגט צום ים, אמת צעריסן, צעפליקט, אָבער נישט מיט אומכבוד.

בעת מיר זיינען אַריין אין שטאָדט, האָב איך דערזען אויף די טרעפלאַך פון אַ גרויס הויז אַ ווייסן יונגעגמאַן אין פלאַנעל-קליידער. ער האָט מיך זייער וואַרים באַגריסט. דאָס איז געווען דער בריטישער פלאָט-לייטענאַנט וויליעם הען, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אַהער פון דער קעניגלאַכער-געאָגראַפישער געזעלשאַפט צוזאַמען מיט לייטענאַנט דזיזאָן, מיסיאָנער ניו און אָסוואַלד ליווינגסטאָן, דעם צווייטן זון פון דאָקטאָר, בכדי אויפצוזוכן און צו שטיצן דעם באַרימטן אַפריקע-פאָרשער. דערדאָזיקער ציל איז דערווייל דערגרייכט געוואָרן דורך מיר, דאָך אָבער האָב איך געהאַלטן, אַז די נייע עקספּעדיציע מיט ליווינגסטאָנס זון באַדאַרף פאָרן קיין אוניאַניעמבע, בכדי צו ברענגען דעם דאָקטאָר די מענטשן אין זאַכן, אויף וועלכע ער וואַרט דאָרט.

דעם 7-טן מאַי איז די שיף מיט מיין עקספּעדיציע אָנגעקומען אין פאָרט פון זאַנזיבאַר, וואו איך בין האַרציק באַגריסט געוואָרן פון פיל אייראָפּייער און איינגעבוירענע, וואָס האָבן מיך, קענטיק, אָפּגעוואַרט מיט גרויס אומגעדולד.

בעת איך האָב מיך אין אָוונט באַטראַכט אין שפיגל, האָב איך דערזען, אַז איך בין שרעקלאַך אָפּגעצערט געוואָרן. יעטווידער האָט געזאָגט, אַז איך בין פאַרעלטערט און גרוי געוואָרן. אייניקע האָבן מיך גאָרנישט דערקענט, אַזוי בין איך פאַרענדערט געוואָרן.

פאַר מיין אָנקומען קיין זאַנזיבאַר האָב איך אָפּגעלאָזט מיינע לייט, צו וועלכע איך האָב מיך אַזוי צוגעבונדן. יעדער פון זיי האָט באַקומען פון מיר אַ מתנה פאַר דער גוטער אויפפירונג פון אודזשידזשי ביזן ים-ברעג, די בעסטע צוואַנציק מענטשן האָב איך באַלד געדונגען פאַר ליווינגסטאָנען, אָבער אַזוי ווי די עקספּעדיציע פון דער איינגלישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט האָט באַשלאָסן נישט צו פאָרן צו ליווינגסטאָנען,

האָב איך געהאַלטן פֿאַר מיין חוב צו דערפֿילן דעם באַפֿעל פֿון דאָקטאָר און צו פֿאַרשאַפֿן אים די נויטיקע מענטשן, ווי אויך אַ גוטן טיכטיקן פֿירער אַן אַראַבער. איך האָב אַליין אַכטונג געגעבן אויף זייער אָפּפֿאָר קיין באַגאַמאַיאַ, און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אין אַלע פּרטים געהאָרכן ליווינגסטאָנען און, חלילה, אים נישט פֿאַרלאָזן.

איך האָב געהאַט זייער אַ שווער געמיט, בעת איך האָב זיך געשיידט מיט מיינע שוואַרצע פֿריינט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט מיט מיר אַזויפֿיל הונדערטער מיילן און געטיילט מיט מיר פֿריידן און ליידן, צער און שמחה. צי וועל איך נאָכאַמאָל זען די דאָזיקע פֿריינטלעכע פּנימער? אַ גרויסער ספֿק!

קיין זאַך האָט מיך מער נישט אָפּגעהאַלטן אין זאַנזיבאַר. דעם 29-טן מאַי בין איך אָפּגעפֿאָרן אויף דער שיף „אַפֿריקע" איבער אַדען קיין מאַרסעל.

אַ וועגמענטש קומט אויס זייער אָפֿט זיך צו געזעגענען און צו ווינטשן. איך געזעגן זיך דעריבער אויך מיט מיינע לייענער, וואָס האָבן נאָכגעפֿאָלגט מיינע אַפֿריקאַנישע איבערלעבענישן לויט דעמדאָזיקן בוך און איך ווינטש זיי אַ זיי-געזונט!